STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00340

DI VELT IZ MAYN LID

Maurice Kish

Permanent preservation of this book was made possible by
Murray Popper

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די וועלט איז מיין ליד

משה קיש

די וועלט איז מײַן ליד

געקליבענע לידער און פּאָעמען

פֿאַרלאַג איקוף ניו־יאָרק
1968

MAURICE KISH

DI VELT IS MEIN LID

(THE WORLD IS MY SONG)

POETRY

1919 — 1968

Copyright 1968 by Maurice Kish
New York, N.Y.

Published by Yddisher Kultur Farband (YKUF)
189 Second Avenue, New York, N.Y. 10003.
Printed in U.S.A.

לזכרון מיינע עלטערן:

ר׳ בנימין גרשון,

חנה דיסקע

קיש

דאָס מאָלערישע וואָרט

פון

אברהם ביק

אין דער וועלט פון קונסט־קריטיק איז פאַראַן אַ פּלוגתא וועגן דער טעאָריע פון קונסט־מישונג. עס זיינען געווען דענקער און קריטיקער, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די העכסטע מדרגה אין קונסט איז די וואָס דערגרייכט יענע עפעקטן, וואָס געהערן צו אַן אַנדער קונסט. צום ביישפּיל: קוקן אויף מאָלעריי און פאַרנעמען דעם ריטם פון קלאַנגען, אָדער הערן אַ סימפאָניע און זען בילדער.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן איינגעטיילט די קונסטן אין אַ קונסט פון אויג — מאָלעריי, סקולפּטור און אַרכיטעקטור, און אַ קונסט וואָס געהער צום אויער — מוזיק און ליטעראַטור.

דערביי האָבן אַלע איינגעשטימט, אַז דאָס מישן די קונסטן, צו זען פּאָעזיע ווי מאָלעריי איז אַ גרויסער גענוס.

שוין פּלוטאַרך זאָל האָבן געזאָגט, אַז „מאָלעריי איז שטילע פּאָעזיע; פּאָעזיע — ריידנדיקע מאָלעריי". פאַראַן געבענטשטע אויסנאַמען, וואו פּאָעטן פון וואָרט אַנטפּלעקן זיך אויך ווי דיכטער פון פאַרב. צו זיי געהערט, אָן שום ספק, דער מאָלער־פּאָעט משה קיש.

בלויז איין ביישפּיל פון קיש'ס מאָלעריש־דיכטערישער קראַפט, וואָס איך נעם אַרויס, כמעט כלאחר־יד, צופעליק, פון זיין ליד „די אַדיראָנדעקס":

„ווי טעמפּלען מיט גינגאָלד באַזוימטע,
אַנטקעגן אַ זון אַ פאַרנויגנדיקע,
שטייען די בערג רעגנבויגנדיקע,
ווי שטומע ריזן פאַרטרוימטע".

וואָס זיינען די דאָזיקע שורות פונעם ליד מער ליד אָדער מאָלעריי? דער ענטפער איז: ביידע. ס'איז פּאָעטישע מאָלעריי, דיכטונג וואָס איז אַ פאַרבן־בילד אין ווערטער, און דערפאַר עכטע פּאָעזיע.

און אָט זיינען שורות פון אַ צווייט ליד, וואו די גרענעצן צווישן צוויי קונסט־צווייגן ווערן פאַרווישט און מיר קאָנען ז ע ן און ה ע ר ן דאָס ליד. דאָס איז אַ מאָמענט ווען דער דיכטער הערט זיך־צו צו די „פאַר־פאַר'כישופטע קלאַנגען", ווען לוסיע סטוירן „באַרירט די ערשטע טענער פון ליסט'ס „לאַ־קאַמפּאַנעלאַ"; ווען דער דיכטער הערט „דאָס געזאַנג פון זילבערנעם וואַסער־קוואַל, דאָס גערויש פון די ביימער, דאָס געבעט פונעם ווינט", דעמאָלט זעט ער אויך —

„ווי זעגלען פאַרחלומטע זיך ציען
אויפן שאַרף פון אַ שווערד עמעראַלדיקן
אַנטקעגן דער זון דער פאַרגייענדיקער,
דעם בלאַסן שיין אויפן טייך, פאַלדיקן".

אַ ליד פון פּלאַסטישער בילדלעכקייט און וואָרט־מאָלעריי, וואָס איז אין דער זעלבער צייט פול מיט אַדעקוואַטן רוישיקן קלאַנג, איז „דאָס געזאַנג פון די כוואַליעס":

„קלינגט אין לופט ווי גלאָז געמאָלן,
אַ געלעכטער,
באַלד צעברעכט ער
שוים־שוים־שוים
און צעשיט זיך אינעם רוים,
אינעם זילבער־נאַסן שטויב
פליטערט־פלאַטערט וואו אַ טויב".

דאָס איז נאָר איין ליד פון אַ ריי רעאַליסטישע געמעלן אין וועלכע דעם דיכטערס וואָרט שימערירט מיט פאַרבן און מאָלערישער פאַנטאַסטיק, איבערגעפורעמט אין קלאַנגפולע וואָרט־בילדער און געלונגענעם שורשדיקן

גראַם און האַלב־גראַם („אַ געלעכטער — באַלד צעברעכט ער״; „פּליטערט פלאַטערט״).

משה קיש׳ס לידער און פּאָעמען פאַרמאָגן געווײנלעך אַ פאַרגאַנצטן סוזשעט. דער סוזשעטישער צוזאַמענהאַנג בויט זיך אויף אַ קאָנקרעט־אײנהײטלעך בילד פון פּייזאַזש אָדער נאַטור־שטימונג, אָדער אויף אַ געוויסער געפיל־איבערלעבונג, אָדער אויף אַ געדאַנק. זיין דיכטעריש בילד איז ניט מעטאַפאָריש, נאָר איז קאָנקרעט מאָלעריש. יעדער שורה זיינע דערציילט עפּעס און איז פאַרבונדן מיט דער צווייטער, און דער אָנהויב ווערט פאַרגאַנצט מיטן סוף. ער מאָלט שטימונגען ווי בילדער און דערביי ווירקן זיי דורכן געמעל, ווי ריטמישע לידער.

טעמאַטיש דאַרפן פאַרצייכנט ווערן זיינע שיינע לידער וועגן בלומען, וואָס זיינען פון אַזאַ סאָרט שטימונג, וואָס איז זעלטן אין דער יידישער פּאָעזיע.

עס איז אויך נויטיק אונטערצושטרייכן אַז אין משה קיש׳ן האָט די יידישע ליטעראַטור אַ דיכטער מיט אַ חוש פאַר שאַרפער סאַטירע און הומאָר, וואָס איז ביי אים טיף מענטשלעך געלייטערט. דאָס איז אַ הומאָר, וואָס איז פון יענער זייט טראַגעדיע. גענוג צו לייענען זיינע לידער וועגן צער און באַדויער אויפן גזר פון טויט.

די לידער וואָס זיינען צונויפגעקליבן אין דעם בוך, זיינען געשריבן געוואָרן אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר, אין פאַרשיידענע צייטן. פאַראַן אָבער אין זיי איין אינהאַלטלעכער לייט־מאָטיוו, דאָס איז דעם דיכטערס אָרגאַנישע פאַרבונדנקייט און צונויפגעוואַקסנקייט מיט זיין ווילאַמסבורג, זיין ברוקלין, זיין קאָני־איילאַנד, זיין ניו־יאָרקער מעטראָפּאָליע, זיין אַמעריקע.

אין זיינע וויליאַמסבורגער און ברוקלינער לידער באַווייזט ער זיך ווי אַ שטילער לירישער דיכטער. בעת אַנדערע דיכטער פון דער סאָציאַלער אָדער פּראָלעטאַרישער ריכטונג, האָבן זיך געריסן צו דער פּראָטעסט־ליניע, צו די קאַמף־רייען, איז צו זען ביי קישן אַ צובונד צו די בעסטע לאַנדשאַפט־מאָלערייען פון דער ריזן־שטאָט.

איינס פון די גרונט־מעלות פון זיין ליד און פּאָעמע איז וואָס דאָס ליד איז ניט קיין רעוואָלטירנדיקע און פּראָטעסטירנדיקע, נאָר אַ באַטראַכטנדיקע און נאָכטראַכטנדיקע, מער ווי אַ שלאָגנדיקע. דאָס איז אַ ליד, וואָס איז מער הומאַניסטיש ווי פּראָלעטאַריש. ניטאָ דאָ קיין דעמאָנסטראַטיווקייט און ניט קיין דעקלאַמאַטאָרישקייט און אודאי גאָרניט פון דעם סאָרט פּלאַקאַטישקייט. ער ווייזט וואָס עס יורט אין לעבן גופא פון די ניו־יאָרקער טיפּן און כאַראַקטערן ווי פון די מאַסן אין די גאַסן פונעם ריזיקן כרך. ער ווייזט אונדז וואָס אַמעריקע, וואָס ניו־יאָרק, ווייזט אים און די אַמעריקאַנישקייט איז איינגעפלאַנצט אין זיין פּאָעטישן געמיט.

משה קיש׳ס „די וועלט איז מיין ליד" איז ניט בלויז אַ צופעליקער אָדער צוגעטראַכטער שיינער נאָמען. ס׳איז אין אַ גרויסער מאָס זיין דיכטערישער אני־מאמין, זיין קרעדאָ, ווי ער וואָלט קינסטלעריש דעקלאַרירט, אַז דורך מאָלן געפּילפּול זיינע טעג און יאָרן אין וויליאַמסבורג, האָט ער געמאָלן אַ שטיק פון זיך, פון דעם איך, וואָס איז אַ טייל פון דער גרויסער כמודנער, אָפּט מאַנאַטאָנער, און אָפּט רעשיק־רוישיקער, נאָר תמיד שיינער גרויסשטאָט.

און ווייל די דעקלאַרירטע טעמע, די שיפן אויפן האָדסאָן און איסט־ריווער, די בריקן מיט זייערע געפלאָכטענע שטריק און מאַסיווע זיילן, איז ביי אים ליריש געלייטערט, פלאַנצט זיך שטימונג אין אין לייענערס געפיל און איבערלעבונג און עס ווערט פאַרווירקלעכט דער וואונטש פון אַ ליטעראַטור־ קריטיקער, וואָס האָט אַמאָל, דעפינירט אַ גוט ליד לאמר, אַזוי צו זאָגן: „אַ ליד וואָס ווערט גלייך מקוים אינעם לייענער".

כדי דאָס ליד זאָל ווירקן, זאָל פאַרכאַפּן און אָנשטעקן דעם לייענער מיט דער איבערלעבונג פונעם דיכטער, דאַרף דער פּאָעט פאַרמאָגן די מעלות

פון אַ גוט אויג און אַ סענסיטיוון געהער. דער דיכטער משה קיש פאַרמאָגט ביידע. זיין לוין, האָף איך, וועט זיין ווען דאָס ליד וועט מקוים ווערן אין די הערצער און די געמיטער פון די לייענער.

אַ ליד פון אַן אַמעריקאַנער יידישן דיכטער דאַרף זיין ניו־יאָרק, דאַרף זיין אַמעריקע, דאַרף זיין די וועלט, און די וועלט פונעם דיכטער — די וועלט פונעם לייענער.

ניו יאָרק, אויגוסט 1968

אברהם ביק

געזאַנג
פֿון דער
מעטראָפּאָליע

הער זיך איין צום געזאַנג:

הער זיך איין —
הער זיך איין צום געזאַנג פון דער מעטראָפּאָליע.
הער זיך צו צום ערשטן פייף פון דער סירענע אין דער מאָרגן־שעה.
הער דאָס דינאַמישע רוישן פון מיליאָנען רעדער און מאַשינען
אין די וואַרשטאַטן און פאַבריקן, זאַוואָדן און מילן,
אין דער שטייגנדיקער פאַרע, אין די טונקעלע רויכן, וואָס גרייכן
דעם הימל אין פאַרבן פון שוואַרץ, ברוין און גראָ.
הער דאָס קלאַפּן פון הויכבאַנען און אונטערערד־באַנען
און זע די פילפאַרביקע „טעקסי־קעבס" און אויטאָס,
וואָס יאָגן זיך זיגזאַגיק און לויפן און פליען ווי האַרבסט־ווינטן
אהין און צוריק — זע די ריטמישע געיעגן
אויף די אַלערליי וועגן, הויכוועגן, סופּערוועגן, טונעלן און שאָסייען;
זע דעם אימפּעט, וואָס יאָגט זיך און טראָגט זיך אָן אויפהער
אין פילפאַכע רייען אויף די פאַנטאַסטישע הענגענדיקע בריקן;
הער זיך איין צו דעם אומעטיקן ברומען פון די שיפן,
וואָס קומען פון גרין־גראָען איסט־ריווער און גרין־בלויען האָדסאָן,
זע און באַוואונדער די קאָלירדרייכע הימל־ליניע פון מאַנהעטן,
פון דער מאָנומענטאַלער מעטראָפּאָליע — ניו יאָרק —
בראָדוויי, צווייי און פערציקסטע גאַס און טיימס־סקווער, —
די ליכטיקסטע, טומלדיקסטע גאַסן פון דער מעטראָפּאָליע.
דעם קלאַפּן פון האַרץ, דיין אָטעם, דיין פּולס
און דיין יעטווידן טראָט, וואָס קלינגט אָפּ ווי אַן עכאָ,
אין אַלע פינף טיילן פון שטאָט. — —

פאַנטאַסטישע ריזן

הער זיך איין צום גערויש פון פראָפּעלער איבער דער שטאָט
פון העליקאָפּטער און עראָפּלאַן — און זע דעם בליץ
און דעם רויך און דעם קריץ פון דעם „רזשעט" אין טומאַן.
גיב אַ קוק אויף די הימלקראַצערס — פאַנטאַסטישע ריזן;
די גרויסשטאָטישע מויערן, וואָס בויערן די וואָלקנס ווי שפּיזן
מיט זייערע עקזאָטישע דעכער און גאָלדיקע קופּאָלן
ווי גיגאַנטישע סימבאָלן — פופציק שטאָק און הונדערט און העכער —
מיט אויגן אין ספערן, וואָס גליען ווי שטערן.
זע די טיפע טונעלן אונטער טייכן און ימען;
די ריזיקע גיסעררייען, וואָס צינדן דעם הימל אין פלאַמען.
זע די קאָלאָסאַלע גאַז־טאַנקען, וואַסער־טאַנקען און רעזערוואַרן;
די טויזנטער לאָמפּן און פאַנאַרן, וואָס פליצן מיט פלאָרענסנליכטער
אויף די עוועניוס און גאַסן אין העל־בלויע פאַסן — —
די ריזיקע קעסלען און טאַנקען, וואָס קאָכן און זידן.
הער דעם גרילצנדיקן פייף פונעם „טראַפיק"־פּאָליציסט;
זע די רויטע און גרינע ליכט־סיגנאַלן,
וואָס שטייגן און פאַלן אויטאָמאַטיש ביי די ראָגן;
זע דעם מענטשן־שטראָם, — זע די געפאַר אין זייערע אויגן
ביים קרייצן די גאַסן — און הער זיך איין
צו די קולות און געשרייען פון גרויס און קליין.
הער דאָס געלעכטער.
הער דאָס געוויין! — —

האַפּנס און שיפן

הער זיך איין צום גערויש און גערודער ביי די ריזיקע האַפּנס
פון די טייכן און ימען און זע די קאָלאָסאַלע פּראַכט־שיפן, באַרקעס
און טאַנקען
און די שטאָלצע פּאַסאַזשיר־שיפן פון אַלערליי לענדער און שטאַמען,
און זע די פערי־שיפן, מאָטאָר־שיפלעך און זעגלען וואָס פלאַטערן
ציכטיקע,
אַנטקעגן מאָרגן־זונען ליכטיקע — —
זע די ריזיקע שפּייכלערס, ביר־ברויערייען און וואַרע־הייזער
און זע די האַפן־אַרבעטער, סטיוועדאָרן און מאַטראָסן, וואָס רופן
און שרייען
ביים אָנלאָדן און אויסלאָדן די לאַסט־אויטאָס, שיפן און וואַגאָנען;
זע די טומלדיקע סטודענטן ביי קאַלעדזשעס און אוניווערזיטעטן,
שולן און סעמינאַרן און זע די מחנות מענטשן־מאַסן,
וואָס שטראָמען צו דער אַרבעט
אויף די אַלערליי וועגן, עווענויס און גאַסן. — —
זע ווי נישטיק — דאַכט זיך — איז מענטש — נישטיק און קליין,
און דאָך! ווי גרויס ער איז, ווי מעכטיק,
ווי שעפּעריש, געניאַל — אָט דער מענטש — אַליין! — —
זע ווי ער שפּרייזט אומגעשטערט דורך פעלזן און צאַמען,
איבער בערג, איבער טאָלן, טייכן און ימען — —
זע ווי ער פליט שנעלער פון פויגל, שנעלער
און העכער פון אים — אין די הימלשע ספערן,
צו דער לבנה, צו דער זון און די שטערן.

זע ווי ער שטייט — אַ גיגאַנט! — זיינע פיס טיף פאַרגראָבן
אין פעלז און אין שטיין, זיינע מעכטיקע אָרעמס צעשפּרייט
איבער דער לענג און ברייט פון דער מעטראָפּאָליע

און זיין קאָפּ ווי אין גלאָז שטאָלץ און הויך, אַ טריבון,
אין פּאַרמעסט — צו דער זון. — —

טאָג און נאַכט

טאָג און נאַכט רוט ניט איין רגע די שטאָט:
מאַנהעטן־ניו־יאָרק, די ריזן־מעטראָפּאָליע איז אַלעמאָל וואַך.
אָט הער דעם רויש און דעם קאָך אויף די גאַסן;
הער דעם טומל אויף וואָל־סטריט, אויף די סטאַנציעס און באַנען,
הער דעם געפּילדער אויף די מאַרקן און קראָמען און רעסטאָראַנען
און הער דעם גערודער ביי די אַמוזיר־פּלעצער און טעאַטערן;
ביי די קינאָס, טאַנץ־זאַלן, מוזיק־טעמפּלען און קונסט־גאַלעריעס.
זע דעם געדראַנג ביים זאָאָלאָגישן גאָרטן און אַקוואַריום,
ביי די באָטאַנישע גאָרטנס, ספּאָרט־אַרענעס, באַל־סטאַדיומס, ביי דער
אָפּערע און מוזייען;
ביי די לוסט־גאָרטנס, שפּיל־פּלעצער, פּאַרקן און בולוואַרן.
און הער דעם געשריי און געטומל ביי די ליצימאַציעס און באַזאַרן.
הער דעםווילדן טומל פון קאָני־איילאַנד, דעם פאַנטאַסטישן אינדזל
מיט זיינע אַטראַקציעס, שפּילערייען און קאַרניוואַלן. — —
הער דאָס פרייידיקע שאַלן פון די טויזנטער מענער, פרויען און קינדער
אויף די גאָלד־זאַמדיקע ברעגן און אויפן זוניקן „באָרדוואָק”
און אויפן כוואַליעדיקן ים אַנטקעגן. — —
מאַנהעטן — אַרום דיר זענען צעשפּרייט ווייט און ברייט
אַלערליי פאַרמס, גערטנער און סעדער, פעלדער און וועלדער,
און בולוואַרן,
בערג און טאָלן, טייכן, אָזיערעס און ימען. — —
מעטראָפּאָליע ניו־יאָרק — ביזט מעכטיק און רייך;
ביזט פאַבלדיק און ריזיק — ווי אַ וואונדערלעכער גיגאַנט
מיטן פאַקל פון דער פרייהייט־סטאַטוע אין דער האַנט,

שפּרייזטו טראַציק, שטאָלץ און גרויס,
מיט ריזן־טריט פאָראויס! — —

העראָאישע סימפאָניע

די עמפּייר־סטעיט געבײַדע מיט די העכסטע אַנטענעס
אויפן פאַמע שפּיץ — באַצירט און שיעור דעם הימל באַרירט,
און די קרייסלער־געבײַדע מיט זילבער און גאָלד באַגילדט,
מיט איר ריזיק־שטאָלצן, זילבערנעם שפּיז,
גלייך צום הימל געצילט. — —
זע דעם מיסטעריעזן גרינעטש־ווילעדזש מיט זיינע פאַרביקע מויערן,
גראַטעסקע הייזער און אָרנאַמענטאַלע טויערן;
זיינע פאַרדרייטע גאַסן און געסלעך, וועגן און אַלייען,
וואָס דרייען זיך און פאַרגייען אין וואַשינגטאָן־סקווער־פּאַרק,
און זע די רעסטאָראַנען, נאַכט־קלובן און די טונקעלע קעלער־קאַפעען
מיט די אויסטערלישע נעמען און עקזאָטישע געמעלן;
און די אַלערליי קינסטלער, פּרעטענדירער,
אויף די בוידעם־שטיבלעך און אַטעליען. — —
זע די קונסט־אויסשטעלונגען אויף די ווילעדזשער גאַסן
מיט די אַלערליי משוגעתן — בילדער אומעטום צעהאַנגען
אויף שטאַכעטן און שטאַנגען, אויף פּאַרקנס און מויערן,
אויף ווענט און טויערן.

אָט איז „טשיינעטאַון" מיט אירע ענגע געסלעך און שמאָלע טראָטואַרן,
מיט ליכטער געהיימע, וואָס שטאַרן פון פאַרביקע לאַמטערנעס,
אויסגעפּוצטע, רייך, מיט אָריענטאַלישן חן. — —

זע די איסט־סייד, וועסט־סייד און אַלע פינף באָראָס.— —
אָט לויפן די פייערלעשער מיט זייערע יאָמערדיקע סירענעס
און וועקן און שרעקן מיט פייערן און פלאַמען.— —
הער און זע ווי אַלץ אַרום מישט זיך און גיסט צוזאַמען
אין אַלערליי קולות, טענער און קלאַנגען,
וואָס גייט אויף איבער דער ריזן־שטאָט אין מאַגישע געזאַנגען,
ווי אַ וואונדערלעך־הערלאָישע סימפאָניע —
דאָס געזאַנג פון דער מעטראָפּאָליע. — —

די הענגענדיקע בריק

בײַ די ראַנדן פֿון װיליאַמסבורג־בריק
יאָגן זיך אין ספּאַזמיקן ריטם פֿאַרביקע אויטאָמאָבילן,
און איבער דער הענגענדיקער בריק
מיט די זילבערנע שטריק,
אין שטאָלענע פֿאַנצערס שטייען צוויי שטומע ריזן
און האַלטן מיט פֿאַרקלעמטע פֿויסטן און ציין,
ווי אויף געװעט־יאָגן די רוימישע אַטלעטן,
די דיקע שטאָלענע שטריק —
בײַ בײדע זײַטן פֿון בריק.

אין דערמיט פֿון דער בריק יאָגן נאָך איינע די אַנדערע —
װאַגאָנען גליטשנדיקע און בלישטשנדיקע טראַמװייען;
עס ציטערן די שטאָלענע שטריק פֿון דער הענגענדיקער בריק —
אין די הענט פֿון דעם ריז —
נאָר אויבן, הויך, שלעפּן זיך מידע מענטשן
אַהין און צוריק. זיי הערן זיך איין
צום שטומפּיקן גלאַן פֿונעם װאַסער־גלאָק,
וואָס פֿאַרהילט אין דעם אָפּגרונט
דעם גרויליקן סוד,
וואָס קומט פֿון דער טונקעלער טיף
און לאָקט אַרויף מיטן רויך, מיטן דאַמף,
און מיטן רוף פֿון דער איינזאַמער שיף,
וואָס פֿאַרשווינדט אונטער די שטאָלענע שטריק
פֿון דער הענגענדיקער בריק.

טונקעלע וואַסערן פּאַטשן אין די קרומע נעזער פון די שיפן.
נאָר יעדע האַלבע שעה לויפן די מענטשן
צו די פּאַרענטשן פון דער בריק
און מיט שטומע אַנגסטן קוקן זיי אַרונטער
אויף די בלומען־באַדעקטע אויטאָמאָבילן,
וואָס באַגלייטן שוואַרצע און ווייסע ארונות
אויף זייער לעצטן וועג צו דער אייביקער רו —
און ריחות פון בלומען גייען־אויף איבער דער הענגענדיקער בריק,
געמישט מיטן שטומען צער פון באַגלייטער
פון די שוואַרצע און ווייסע ארונות.— —

פון אונטער דער הענגענדיקער בריק
ווייַנען טונקעלע טיפן,
פון שיפן דערטראָגן זיך איינזאַמע רופן,
נאָר דער וואַסער־גלאָק קלינגט און קלינגט
מיט זיין שטומפּיקן גלאַן,
וואָס שלאָגט זיך אָן און פאַרשווינדט אין טומאַן
אויף די זילבער־שטאָלענע שטריק
פון דער הענגענדיקער בריק.

די פאַרכישופטע שטאָט

אַ לקוי־חמה איבער דער מעטראָפּאָליע, — ניו־יאָרק:
אַ הערלעכע דראַמע, — אַ חלום אויף דער וואָר;
אַ לקוי־חמה וואָס קומט פאָר איינמאָל אין הונדערט יאָר, —
דער אייביקער קאַמף אינעם קאָסמישן שיכט,
דער קאַמף צווישן פינצטערניש און ליכט,
וואָס שפיגלט זיך־אָפּ קלאָר, ווי אַ פלאַם־מעטעאָר,
איבער דער מעטראָפּאָליע, - ניו־יאָרק,
די פאַרכישופטע שטאָט.

אַ לקוי־חמה איבער דער מעטראָפּאָליע, — ניו־יאָרק,
איבער מויערן און דעכער - הויך און העכער, —
איבער בריקן פאַנטאַסטישע, וואָלקן־קראַצערס גיגאַנטישע,
איבער זילבערנע טורעמס און גילדענע קופּאָלן
רוקן זיך־אָן ראַפּטאַם שאָטנס ברייטע,
ווי אָרעמס אויסגעשפּרייטע.
שאָטנס, שאָטנס, גרויע, פיאָלעטע און בלויע,
ווי פינגער פאַרכישופטע מיט פאַרבן פאַנטאַסטישע מאָלן —
די גאַסן און סקווערן, די בערגער און טאָלן.
פון טויזנטער הייזער, הויפן און טויערן, פאַבריקן און מויערן,
פון דעכער, גראָטעסקע, „פייער־עסקעיפּס” און באַלקאָנען,
פון טורעמס, זיגזאַגיקע און פענצטער־שויבן, —
קוקן אַרויס מענטשן מיליאָנען.
די שטאָט קוקט פאַרגאַפט דורך טונקעלע גלעזער און זעט:
לאַנגזאַם פאַרלעשט זיך אין הימל אַ העלישער פאַקל.

די מעטראָפּאָליע באַטראַכט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם
דעם גרויסן הערלעכן ספּעקטאַקל ;
די שטאָט איז פאַרכאַפּט פון דראַמאַטישער שפּיל — לקוי־חמה,
וואָס וויקלט זיך אין קאָסמישן הויל,
ווי אַ פינצטערער קנויל,
איבער דער מעטראָפּאָליע — ניו־יאָרק,
די פאַרכישופטע שטאָט.

ס׳איז ניט קיין זון־אויפגאַנג אין מאָרגן־פרי,
און ניט קיין שקיעה אין אָוונט־גלי,
ס׳איז ניט־נאַכט און ניט־טאָג, ניט־שקיעה און־ביאור,
נאָר אַ לקוי־חמה, וואָס קומט־פאָר איינמאָל אין הונדערט יאָר. — —
לאַנגזאַם פאַרלעשט זיך די זון אַהינטער אַ טונקעלן ראָד
און דער גאַנצער אוניווערס הילט זיך איין
ווי אין אַ שוואַרצן מיסטישן סוד — —
אויבן, אויף די הימלקראַצערס, לעשן זיך טורעמס און קופּאָלן,
לעשן זיך פענצטער און שויבן ;
אַ שטאָק־פינצטערניש שפּאַרט זיך אַריין אין טיר־און־טויער,
די מעטראָפּאָליע הילט זיך־איין אין אַ טונקעלן שלייער — —
וואונדערלעך איז לקוי־חמה, פאַנטאַסטיש און קוריאָז ;
די שטאָט — פאַרכישופט ווי פאַרוויגט אין אַ מאַסן־היפּנאָז—
און אַ שרעק, א באַהאַלטענע, אַן אוראַלטע פון פרימיטיוו —
איבערוועלטיקט יעדן מענטשן, גרויס און קליין,
פון פאַנטאַסטישן שפּיל אינעם קאָסמישן פּליין — —
ווי אַן אומזעבאַרע האַנט, ווי אַ שריפט אויף דער וואַנט,
שפּיגלט זיך אָפּ די דראַמע אין הימלשער פּאַנאָראַמע ,
איבער דער מעטראָפּאָליע — ניו־יאָרק,
אויף יעדן טראָט, —
די פאַרכישופטע שטאָט.

נאָר פלוצלונג באַווייזט זיך אין הימל א שטראַל, אַ ליכטיקער, העלער,
דאָס ליכט ווערט אַלץ ברייטער, די שאָטנס — אַלץ שמעלער.
דאָרט ווייט אין די רוימען פאַרגייט דער עקליפּטישער קאָשמאַר
און פענצטער און שויבן צינדן ווי אַ פאַקל־פּאַנאַר;
זונען־פּאַסן פאַלן אויף מויערן און גאַסן, אויף דעכער און ווענט,
אויף טורעמס, קופּאָלן, אויף פּנימער און הענט.
די מעטראָפּאָליע וואַכט אויף ווי פון טיפן שלאָף.
די שטאָט אָטעמט־אָפּ פרייער — אַ פרייד אַ זוניקע, אַ נייע,
שפּרייט זיך איבער די פיר עקן פון דער שטאָט,
איבער די עוועניוס און די גאַסן מאַרשירן די מאַסן.
די שטאָט קומט אַרויס באַגריסן דעם זוניקן גאַסט.
די זון קוקט איצט אַרונטער זיגעריש, שטראַלנדיק, קלאָר,
פון דער לקוי־חמה, וואָס קומט איינמאָל נאָר אין הונדערט יאָר —
און דאָס פאָלק זעט: ליכט האָט איבער פינצטערניש געזיגט —
איבער דער מעטראָפּאָליע — ניו־יאָרק,
די פאַרכישופטע שטאָט.— —

בילדער אויסשטעלונג אין גרינעטש־ווילעדזש

אַ געדרודער, אַ געדרויש, אַ געפּילדער אין גרינעטש־ווילעדזש,
אין און אַרום וואַשינגטאָן־סקווער־פּאַרק און אַרומיקע גאַסן, —
בילדער, אַלערליי בילדער, — אַ גאַסן־גאַלעריי,
געפּאַקט ווי אין אַ סופּער־מאַרק, בילדער אויף די ווענט,
בילדער, אין די הענט,
בילדער, סקולפּטורן, סטאַטוען ;
בילדער, אויף די טויערן, בילדער אויף די מויערן,
בילדער, אויף מאָל־ברעטער, אויף טראָטואַרן, בילדער אויף פּאָנאַרן,
אויף טעלעפאָן־סלופּעס, אויף ביימער און שטאַכעטן.
די דרויסנדיקע גרינעטש־ווילעדזש קונסט־אויסשטעלונג
איז אַצינד אין פולן גאַנג — —
לאַנג האָבן די „ווילעדזש־קינסטלער" געוואַרט
אַרויסצוקומען מיט זייערע „קונסט־ווערק"
פאַר דער וועלט — —
דער „ווילעדזש" איז אינגאַנצן פאַרשטעלט
מיט בילדער און סקולפּטורן אַלערליי :
בילדער, אַקאַדעמישע, רעאַליסטישע, בילדער — מאָדערניסטישע ;
בילדער, אימפּרעסיאָניסטישע, בילדער — קוביסטישע,
בילדער, אַוואַנגאַרדישע, — אַבסטראַקטע, עקספּרעסיאָניסטישע ;
בילדער, בילדער, הימל און ערד און — בילדער!

ווי חתנים און כלה׳עס פאַר דער חופּה, דרייען זיך אַרום קינסטלער
מכל המינים : קינסטלער, פּראָפעסיאָנעלע, קינסטלער — אַמאַטאָרן,
קינסטלער, פּרימיטיווע און קינסטלער — האַלב־געבאַקענע

מיט צינגלעך שאַרפֿע, געשליפֿענע דועלירן זיי מיט ווערטער
און פּראָזן רעלאַטיווע, סאָפּיסטיקאַטע, געוואַגטע — —
דעבאַטירן וועגן קונסט און קינסטלער, וואָס יעדן געפֿעלט —
פֿון קונסט איבער גאָרער וועלט — —
אַ רעאַליסטישער קינסטלער אומעטיק טראַכט:
צוואַנציק יאָר געלערנט, געשמאַכט
און צום סוף, — אַזוי ווייניק דערגרייכט!
דער אַבסטראַקטער קינסטלער איז ציניש און ער לאַכט:
צו וואָס הייסן „טשודאַק", טרוימער, פֿאַנטאַזיאָר,
שמאַכטן צוואַנציק יאָר —
און צום סוף בלייבן אַ מיטלמעסיקייט — אומזיסטע מי!
ווען אין צוואַנציק טעג איז מען באַרימט און אַנערקענט,
אַן אַבסטראַקטער געניע—
אָנגעפּיקעוועט מיט טאַלאַנט!

יעדער איינער אין „ווילעדזש" טענה׳ט: ע ר איז גערעכט!
נאָר ע ר האָט פֿאַרדינט די אויסצייכענונג, דעם מעדאַל!
ס׳איז דאָך ניט זיין שולד; ס׳איז בפֿירוש אומגערעכט,
ווען די פּריזן ווערן פֿאַרטיילט אויף אַן אומערלעכן וועג
צו די „אייגענע"—שלעכט און באַנאַל!
אַנשטאָט אַ „דזשורי" און אַ ריכטער, אַ קינסטלער אַ געניטן,
האָט מען דאָ געפּאַקט אַ ריכטער, אַ „פּראָפֿעסאָר", אַ טשודאַק!
אָן קענטשאַפֿט און אָן געשמאַק!
און דער אַנטוישטער קינסטלער באַוויינט
זיך אַליין, דעם מאָלער געניטערן,
אויף זיין מזל דעם ביטערן! — —

מענער, פֿרויען, יונג און אַלט האָבן זיך אהער געטאָן אַ שאָט
פֿון אַלע עקן שטאָט.
דאָ שווימלט און גריבלט מיט קוריאָזע מענטשן, אַלערליי

און יעדער איינער טוט זיך שפּאַרן ; זוכט מציאה׳עס...
מענטשן, מבינים ; מענטשן — קאָנאָסאַרן ;
קינסטלער, אַלערליי : מוזיקער, אַקטיאָרן און פּאָעטן
און „פילאַנטראָפּן" וואָס וואַרפן צו דעם קינסטלער —
אַ ביין — „לאָזן" זיך מאָלן פּאַר אַ ביסל קליינגעלט — „פּאָרטרעטן" —
פּאָרטרעטן ! פּאָרטרעטן ! אוי, די פּאָרטרעטן !
מען דאַרף דעם מאָלער,
דעם קאָפּ זיינעם פּלעטן !...

אַרום זיצן קינסטלער אומעטיקע, אַנטוישטע,
אויף קעסטלעך און בענקלעך מיט הינערשע פיסלעך,
זיצן אַרום בילדער, אויף טראָטואַרן,
קוקן־נאָך די איילִיקע פּאַרבייגייער און גאַרן
און קוקן־אויס די אויגן זייערע אויף אַ קונה, אַ „מבין."
אָפּט דאַכט זיך : אָט־אָט — ענדלעך געפּאַקט
אַ קונה, אַ מבין, וואָס שאַצט אָפּ אַן אמתן טאַלאַנט. —
לאָזט זיך אוים ! יענער איז גאָר אַליין —
„אַ קינסטלער" — קאָנקורענט ! — —
מענטשן גייען, קומען, קוקן זיך אפילו ניט אום.
און אָט שטעלט זיך איינער אָפּ, באַטראַכט אַ בילד, אַ צווייט בילד ;
זעט אויס : ער איז מבין, ערט קויפן ? — געווים !
מ׳עט שוין באַלד לייזן אַ פּאָר טאָלער,
און איידער וואָס־ווען, שטעלט יענער שוין פיס און —
ער איז שוין ביים שכן —
אַ קאַליקע, אַ מאָלער...

ס׳דאַכט זיך די מאָלער אַמאָל: ס׳אַ משוגעת, ס׳איז נאַריש,—
אַ שפּיל פאַרן טייוול
דאָס שטייט דאָ טאָג און נאַכט און באַליידיקט ווערן
פון יעדן „אידיאָט״; ס׳איז ווילד און באַרבאַריש!—
און מענטשן קומען און מענטשן גייען
און אַלץ גרעסער ווערט דער טומל און געפילדער,
נאָר וואָס קומט אַרויס? מען קויפט ניט די בילדער!
דער קינסטלער, אַנטוישט און פאַרקלעמט,
קוקט נאָך דעם עולם מיט אויגן, אומעטיקע,
טרויעריק, פאַרשעמט.——

גוואַלד וואָס האָבן זיי געמאַכט פון מיין שטאָט

איבער דער לענג און ברייט פון דער מעטראָפּאָליע
האָבן זיי ריזיקע קאַסטנס צעשטעלט ;
קאַסטנס, קאַסטנס, ווי פון אַ פרעמדער וועלט!
צווישן די ריזיקע שוועבלעך־קאַסטנס איז פאַרלאָרן געגאַנגען א שטאָט,
אונדזער וואונדער־שטאָט ניו־יאָרק !
גיי איך איצט אַרום אַ מידער, ווי דיאָגענעס,
מיט אַ לאַמטערנע צווישן די קאַסטנס
און זוך מיין פאַרלאָרענע שטאָט ! — —

איך זע ברוינע קאַסטנס פון ציגל און גרויע קאַסטנס פון צעמענט ;
איך זע גלייכע קאַסטנס און קאַסטנס מיט קרומע ווענט;
איך זע צען־שטאָקיקע קאַסטנס, צוואַנציק־שטאָקיקע און העכער,
שטייען אין רייען גלייך, קרום און זיגזאַגיק,
מיט וואַסער־טאַנקען, גיגאַנטישע, אויף טורעמס און דעכער.
איך זע קאַסטנס, מאָנאָטאָנע, כאַאָטישע פּראָיעקטן,
איך זע קאַסטנס שאַבלאָנע פון עקזאָטישע אַרכיטעקטן !
וואו איך גיי און שטיי — קאַסטנס ! קאַסטנס ! קאַסטנס !
איך זע ניט מער מיין שטאָט !
איך זע נאָר : הימל און ערד און — קאַסטנס !
עס שווינדלט אַזש פאַר די אויגן —
קאַסטנס, קאַסטנס אויף יעדן טראָט !
גוואַלד, וואָס האָבן זיי געמאַכט פון מיין שטאָט ?

פון וויליאַמסבורג־בריק קוק איך אַרונטער און זע :
פון ביידע זייטן איסט־ריווער און וויט אַרום

שטייען אויסגעשטעלט שטום אָן־אַ־שיעור קאַסטנס.
די מעטראָפּאָליע — אַ ראָבאָט־שטאָט — פאַרשטעלט מיט קאַסטנס!
ווי אַ ריזיקער בית־עולם מיט ריזיקע מצבות!
פּאָראויס שפּאַנען אין דער לוויה:
אינזשינערן, אַרכיטעקטאָרן און פּאַיאַצן,
און הינטער זיי מאַרשירט אַן אַרמיי פון צעשטערער;
מאַרשירט אויטאָמאַטיש, ווי ראָבאָטן אין געדרזנטריט
און פירט מיט זיך משונהדיקע גראָב־און־הויב מאַשינען, דינאַמיט
און פאַרשלינגט הייזער, מויערן און פּאַלאַצן;
שטעלט ראַפּטאָם דאָרט אויף זייער אָרט — ריזיקע קאַסטנס!
מען זעט מער ניט קיין מענטשן, מען זעט ניט קיין בולוואַרן;
מען זעט ניט מער די גאַסן — אַלץ פאַרשטעלט און באַהאַלטן!
מען זעט נאָר קאַסטנס און פענצטער מיליאַסן,
מענטשן ווי פליגן פליען אַרויף־אַראָפּ, קומען און זשומען — —
און אַ מורא באַפאַלט צווישן די ריזיקע מצבות
אין דעם גרויסן, מוראדיקן בית־עולם — —
און מוראדיק גרויס פּאָראויס שפּאַנט און באַדראָט
מיט ריזן־טריט אַלץ ווייטער דער ראָבאָט, דער גולם—
גוואַלד, וואָס האָבן זיי געמאַכט פון מיין שטאָט?

זאָגט, וואו איז אַהינגעקומען אונדזער וואונדערשטאָט, ניו־יאָרק?
וואו איז פאַרלאָרן געגאַנגען אונדזער שטאָלצע מעטראָפּאָליע? —
אָ, איר אַרכיטעקטן מיט אייערע קאַסטנס־פּראָיעקטן!
ס'וואַרטן הונדערטער מיילן ליידיק לאַנד
און איר בויט גאָר קאַסטנס צוואַנציק שטאָקיקע און העכער!
ס'איז צו שפּאָט און צו שאַנד! —
כ'ווייס: איר האָט ליב די קאַסטנס, אָט־די מאָנסטערס, וואָס שרעקן,
איר בויט זיי און שפּרייט זיי אויף אַלע פיר עקן! — —

און איך האָב גערן אַ הײזעלע אַ קלײנס
מיט אַ גערטנדל אַ שײנס — —
כ׳װײס: איר האָט פײנט שטילקײט, איר האַסט די רו!
אױב אַזױ, זאָגט מיר: װאו ליגט די שײנקײט אין קאַסטנס, װאו?
איר האָט חרוב געמאַכט מױערן, צעשטערט פּאַלאַצן,
צעשמעטערט זײלן, פיגורן, סטאַטוען, אָרנאַמענטן
און אַלערלײ דירה־ס, חנװדיקע — שטיבער באַצירטע,
און געמאַכט פון דער שטאָט אַ בית־עולם מיט מצבות,
אַ מעטראָפּאָליע אַ פּאַרװירטע!
און איר לאַכט איצט און שפּאָט
פון אונדזער געפאַלענער שטאָט!
לאַכט און לאַכט, לאַכט ביזן פּלאַצן,
איר, אינזשינערן, אַרכיטעקטן, „פּראָמאָטער״,
פּראָפיטירער און פּאַיאַצן! ——

אינדזלען אויפן האָדסאָן

פּערי־שיפן אָוואַלע, ווי אינדזלען אילומינירטע,
שווימען איבער דער לענג און דער ברייט פונעם האָדסאָן
און אין דעם האַלב־רונדיקן האַפן באַצירטן,
אין דעם שוימיק־בלויען וואַסער־שוים,
פירט דער קאַפּיטאַן זיין פּערי־שיף
מיט געשיקטקייט און פלייס
אַריין און אַרויס. — —

ביי די ברעגן פון האָדסאָן פליען ים־פייגל מיט געשריי,
און איבערן האָדסאָן שווימען שיפן אַלערליי:
זעגל־שיפן מיט הויכע מאסטן שווימען שטאָלצע
אַנטקעגן פאַנטאַסטישן זונפאַרגאַנג,
האַרט ביי די פּאַליסאַדן־ווענט פון בלוי־גרינער ערד, פעלז,
גראַניט, שטיין,
שווימען זיי ווי חלומות ווייסע מיט דעם ווינט אַליין;
באַרקעס ריזיקע שלעפּן זיך נאָך אַהינטער דאַמפּערס רויכיקע;
גיגאַנטישע פּאַסאַזשיר־שיפן אויסגעפּוצטע, רייכע,
ציען זיך ווי וואָלקנס זוניקע אויפן בלויען טייך;
יאַכט־שיפן, מאָטאָר־שיפלעך, און קליינע קאָלירטע שיפלעך
וויגן זיך אויף די בלויע פאַלדן פונעם האָדסאָן,
נאָר ווי פאַנטאַסטישע אינדזלען שווימען פּערי־שיפן
און שפּיגלען זיך אין די וואַסער־טיפן
פונעם בלויען האָדסאָן.

אויף די דעקן, די אָפענע, אין האַלב־רונדיקן קרייז,
שטייען פּאַסאַזשירן אויסגעשטעלט גרופּנווייז,
אויפן אויבערפּלאַך און אונטערפּלאַך פון דער פערי־שיף
און באַטראַכטן די פילע שיפן, וואָס גייען דאָרט פאַרביי
מיט טומל און געררויש, מיט פייפן, טרובען און ברומען.
די לופט איז פול מיט קולות און מיט קלאַנגען.
נאָר אויבן אויפן טורעם שטייט דער קאַפּיטאַן רואיק אויף דער וואַך,
ער קוקט פאָראויס אין דער ווייטער־ווייט,
מיט אויגן אָנגעשטרענגטע און שטאַרע, —
היט ער זיין שיף פון יעדע געפאַר.
דער קאַפּיטאַן גיט אָפּט סיגנאַלן אַלערליי:
געפאַרן לויערן אויף טייכן און אויף ימען.
ער זעט אָפּט פון וויטן דעם שטורעם אָנקומען;
די לופט איז פאַרהוילט אין געדיכטן טומאַן,
נאָר רואיק בלייבט די מאַנשאַפט,
און רואיק פירט זיין שיף דער קאַפּיטאַן.

וואונדערשיין איז דער האָדסאָן מיט זיינע פאַרביקע שיפן
אין דער מאָרגן־זון צעשטראַלטער
און מיסטיש־בלוי אין לבנה־ליכט צעפּראַלטער — —
ביי מזרח־זייט פון האָדסאָן אין די האַפנס אַלע,
קומען־אָן יעדן טאָג פּראַכט־שיפן, פּאַסאַזשיר־שיפן, קאָלאָסאַלע,
באַצירט מיט פאָנען פאַרביקע באַקאַנטע,
פון פאַרשיידענע לענדער, ווייטע און נאָענטע, —
זיי גרייטן זיך צו רייזן איבער טייכן, איבער ימען,
דורך שטורעם און טומאַנען,
איבער בייזע כוואַליעס, איבער סאַמע טיפסטן־טיף,
נאָר רואיק פירט דער קאַפּיטאַן זיין שיף.

פערי־שיפן, פערי־שיפן, — אינדזלען אויפן האָדסאָן —
וויפל מאָל בין איך געפאָרן אויף אייערע דעקן
אין טעג זוניקע, דערפרייטע ;
אין נעכט אומעטיקע, צעווייטע ;
וויפל מאָל האָבן מיינע אויגן מיט בענקשאַפט באַגלייט
די שיפן פון ווייטע לענדער אויפן האָדסאָן דעם בלויען,
אין באַגינען און אין די אָוונט־שעה׳ן ;
וויפל מאָל האָב איך געהערט דאָס טעמפּע קלינגען
פון די לאַנגע שווערע קייטן,
ביים לאַנדן פון די שיפן אינעם האַפן דעם ברייטן.

פערי־שיפן, אינדזלען מיינע אויפן האָדסאָן,
שטילערהייט האָב איך אייך שוין וויפל מאָל באַזונגען,
אין זומער־נעכט מיט שטערן ליכטיקע,
ווי אין די קעטסקיל־בערג אין די בלויע נעכט,
מיט שטערן באַהאַנגענע,
אין די יאָרן מיינע יונגע, פאַרגאַנגענע,
וויפל מאָל האָב איך אין שטילע נעכט אויפן האָדסאָן
געהערט פאַרשיידענע לידער זינגען,
און וויפל מאָל האָב איך געהערט
דעם מאָנאָטאָנעם וואַסער־גלאָק קלינגען ;
און וויפל מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, איך הער
אויף דער פערי־שיף, וואָלט וויטמאַנס שטים, די פּראָפּעטישע,
לייענען זיינע לידער, פּאָעטישע.——

פערי־שיפן, אינדזלען מיינע אויפן האָדסאָן,
איך באַגלייט אייך ווי די זעגלען ווייסע, שטילע,
איך באַגלייט אייך אויף אייערע רייזעס פילע ;
איך באַגלייט אייך אויף אייערע אַלע ווייטע וועגן,
ווי די ים־פייגל ביי די ברעגן ;
ווי אַ פאַרבענקט קינד אין שטומען גאַפן —
ביים ראַנד פונעם האַפן. — —

א זומער־שטורעם אין גריניטש־ווילעדזש

פון איין עק וואַשינגטאָן־סקווער־פּאַרק ביז יוניווערזיטי־פּלעיס
און די אַרומיקע, פּאַדרייטע געסלעך און גאַסן,
האָבן זיך באַוויזן אין הימל זיגזאַגיקע, פּיערדיקע זילבערפּאַסן,
און מעכטיקע דונער־קראַכן האָבן זיך דערטראָגן.
זיך צעשאָטן אומעטום און דערשראָקן אַלעמען אויף טויט:
אַ שטורעם, אַ זומער־שטורעם, האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויפן „באָהעם"
און אַריינגעכאַפּט די קינסטלער־אויסשטעלער, ווי אין קלעם!
איבערן בלויען, לויטערן הימל האָבן זיך טונקלע כמאַרעס באַוויזן,
שווערע, שוואַרצע וואָלקנס, ווי מחנות ריזן,
האָבן זיך פּלוצים גענומען פון אַלע זייטן טראָגן
און שטאַרקע ווינטן האָבן זיך גענומען יאָגן!
די בוימער אין וואַשינגטאָן־סקווער־פּאַרק האָבן אַ ציטער געטאָן
און זיך גענומען משונהדיק וויגן.
ס'האָט אַ פלייץ געטאָן אַ מבול.
די קינסטלער האָבן האַלב־משוגע געשריגן
און דער עולם האָט זיך געלאָזן ווי פאַרווירטע לויפן;
איבער בענקלעך און בילדער ווילד געטראָטן,
און ס'האָבן זיך צעשאָטן אויף טראָטואַרן
אַלערליי קינסטלערישע כלי־זיין
און די צעטומלטע קינסטלער
האָבן געהאַלטן אין איין שילטן און שרייען.— —

מיט אַלע כוחות האָבן די קינסטלער געוואָלט באַשיצן זייער פאַרמעגן,
זייער קונסט פון שטורעם און רעגן.

נאָר דער ווינט האָט עקשנות'דיק געריסן די בילדער פון די ווענט
און פון די הענט — אַ פּאַניק האָט יעדן אַרומגענומען —
דער האָט פאַרנעצטע בילדער גענומען שפּאַרן אין אויטאָמאָבילן,
און דער — אונטער דעכער און אין קעלערס און ביר־באַרן.
נאָר דער רעגן, ווי אויף להכעיס, גיסט און גיסט
און הערט ניט אויף צו פליוכען! —
פּאָליציי פייפט. אויטאָס טרובען. נאָר קיינער איז געשיצט.
עס גיסט און עס דונערט און ווידער עס בליצט!
קינסטלער זיינען שוין פאַרצווייפלט און פאַרלאָרן!
מיט אויגן צעשראָקענע, אומעטיקע און נאַסע,
די פנימער — טרויעריקע און בלאַסע —
קוקן אויף די „מייסטערווערק" די צעקוועטשטע;
די „ביטניקס" צופּען מיט צאָרן די בערדלעך פאַרנעצטע —
און אויף טראָטואַרן און שטאַכעטן וואַלגערן זיך מאָל־ברעטער,
בענקלעך, קעסטלעך, בילדער, פּענזלעך און פאַרבן און בלעטער,
פון ניט־פאַרענדיקטע „פּאָרטרעטן" און ראַמען,
שווימען ווי שפּענדלעך אין וואַסער־שטראָם —
אַלץ שווימט אין רינשטאָק צוזאַמען. — —

פּלוצים איז דער הימל צוריק געוואָרן בלוי און לויטער;
אַוועק איז דער זומער־שטורעם אַזוי גיך ווי געקומען.
די זון האָט אויפגעשיינט נאָך העלער און ליכטיקער ווי פריער.
צעשוואומען איז דער שטורעם פון דונערן און בליצן
און איז נאָר ווי אַ ווייטע עכאָ געבליבן.
פון טיר און פון טויער, פון קעלער און פון מויער
האָבן קינסטלער זיך צוריק אין די גאַסן פאַרקליבן —
פאַרשוואונדן זיינען בייזע ווינטן און כמאַרן,

צוריק לעבעדיק זיינען גאַסן, טראָטואַרן.
פון אונטער דעכער, פון הויפן, קעלערס און קאַפּייען,
האָבן קינסטלער זיך גענומען דרייען
מיט פּעקלעך, בילדער און וואַליזן
און אַ שמייכל האָט זיך ווידער אויף פּנימער באַוויזן...
אַ נייע פרייד האָט אויפגעשיינט אומעטום,
אינעם „ווילעדזש" און אין גאַנצן פּאַרק אַרום. — —

אַוועק איז דער שטורעם, אַוועק איז די שרעק,
ווי פינצטערע, בייזע קאָשמאַרן. —
די קינסטלער מיט בילדער פאַרנעצטע געאַרבעט האָבן ווי ניט־גוטע,
פלינק און געשווינד ביי ווענט און טראָטואַרן,
ווי אויפגעוואַכט פון אַ בייזן דרימל.
אַלע ווי איינער האָבן געשטוינט און געזען:
הויך, איבערן „ווילעדזש" אויפן הימל איז דער וואונדער געשען —
וואָלקנס, בלויע אַזורן מיט גאָלדענע זוימען,
האָבן זוניק אָנגעפילט די רוימען —
און אין בריליאַנטענע פאַרבן אויף שטאָלצע בוימער
פון וואַשינגטאָן־סקווער־פּאַרק און הויך אויפן אַרק,
איז אַ זוניק־ליכט פלוצים אויפגעגאַנגען, —
אַ יונגער, וואונדערלעכער רעגנבויגן,
האָט זיך איבערן ווילעדזש
שטיל אויפגעהאנגען. — —

„קאָלאָמבוס־סוירקל״ ביינאַכט

אויך „קאָלאָמבוס סוירקל״ פון ניו־יאָרק קומען זיך צונויף מענטשן
פון אַלערליי שטאָט טיילן:
זיי ברענגען אַלערליי מיסיעס
אין דער נאַכטיקער שעה.
אַהער קומען לעסטערער פון גאָט;
אַהער קומען ציניקער
און הילכן מיט שפּאָט.

ווי שוואַרצע פייגל אין טונקעלע היט,
דרייט זיך די „סאַלוועישאָן״־אַרמיי אינדערמיט.
זי זינגט מיט מאָנאָטאָנעם אומעט איר ליד
און טרומייטערט שלעפעריק און מיד —
איר געזאַנג צום געקרייציקטן ייד!

„פרילענסער״ פאַרקויפן דאָ זייער „לערע״ פאַר געלט;
„פּראָפּעסאָרן״ נאַרן דעם עולם —
דעם אייביק־גלויביקן, מיט „פּעיק־מעדיצינען״.
די „הייליקע מויד״ פון דער „סאַלוועישאָן אַרמי״
קומט אַהער ראַטעווען די וועלט
און אייער נשמה, די זינדיקע.
גרעטאַ, די שוואַכזיניקע, זינגט און טאַנצט אין דערמיט.
דער עולם אַרום — ווי פאַרבלענדט —
טופעט מיט די פיס און קלאַפּט מיט די הענט:
„אין מיי אָלד קענטאָקי האָום!״
„אין מיי אָלד קענטאָקי האָום!״

אַנטקעגן רוט אין טיפֿן גרין דער צענטראַל פּאַרק,
אַהינטער דער שטיינערנער וואַנט.
און אויבן, איבערן טויער פֿון פּאַרק, אין טונקעלן בלוי,
גאַלאָפּירן דריי מעכטיקע פֿערד ;
און דערמיט : אַ שטאָלצע פֿרוי, עלעגאַנט,
טראָגט אַ בלומען־בוקעט
אין איר אויסגעשטרעקטער האַנט.

נאַכט צינדט־אָן אַלע עלעקטרישע לאָמפּן.
דער טומל און געפּילדער טראָגט זיך
אַלץ העכער און העכער
איבער די הויכע מויערן און גראָטעסקע דעכער.
די עכאָ פֿון קולות צוטראָגט זיך
און שלאָגט זיך אָן אָן די טונקל־גרינע ביימער פֿון פּאַרק.
נאָר דאָס גרילצן פֿון די יונגע אַפּאָסטאָלן
קייקלט זיך איבער די לבנה׳יגע קופּאָלן — —
און מיט אויגן צום הימל פֿאַרגלאָצטע
זינגט די „הייליקע מויד” פֿון „סאַלוועישאָן אַרמיי” :
„הללויה !” „הללויה !” — —
דער אָרגל שפּילט אַ לויב צו גאָט,
און דער ציניקער שוימט מיט גאַליקן שפּאָט,
אויף „קאָלאָמבוס סוירקל” באַנאַכט —
אין דער מעטראָפּאָליע־שטאָט.

זונפאַרגאַנג אין ניו־יאָרק

דער שונא ביי די טויערן פון שטאָט —
זיינע געפּאַנצערטע לעגיאָנען מיט זוניקע באַיאָנעטן
באַגעגענען די סטאַפּעטן און וואַרטן מיט אומרו און וואַכט,
אויף דער לעצטער אַנטשיידענער שלאַכט,
וואָס זאָגט אָן ווי דער קליאָן,
אַז דער שטורעם קומט אָן.

אויף יענער זייט האָדסאָן — אַ שריפה.
שטורקאַצן צינדן אָן די העלמעטס פונעם שונא.
אין דער לופט טראָגן זיך עכאָס פון שיפן־סיגנאַלן,
וואָס שווימען, ווי אויפן ראַנד פונעם לאַנד —
דער שונא איז גרייט מיט זיין מעכטיקן פּלאַן,
שטורעמען די טויערן פון שטאָט.

ווי שטיין־וואַרפער שטייגן אויף אָבעליסקן —
סילועטן אַנטקעגן די באַריקאַדן — געדראַנגען.
פון די הויכערדיקע דעכער וויגן זיך ראַדיאָ־שטאַנגען,
וואָס זעען אויס ווי די מאַסטבוימער
פונעם שונאס שיפן אויף די ימען.
פון אַלע פיר עקן האָט דער שונא אונטערגעצונדן די שטאָט;
די שטאָט איז אין פלאַמען!
אינעם האָדסאָן שפּיגלט זיך אָפּ
די ברענענדיקע שטאָט. — —

דאָס ברומען פון די אָנקומענדיקע קריגס־שיפן,
די ווילדע געשרייען פון דעם שונא׳ס ארמייען,
מישט זיך אוים מיט די וואָרנונג־רופן ;
עס שטורמט און ברענט יעדער טראָט,
דער שונא קעמפט ביי די טויערן פון שטאָט.

מיט וויינענדיקע סירענעס, לויפן די פייערלעשער פון ראָג־צו־ראָג
און שניידן דורך די באַלאַגערטע גאַסן.
נאָר דאָס פייער שפרינגט פון מויער צו מויער
און צינדט־אָן מיט שטורקאַצן די קופּאָלן פון די הימלקראַצער.
דעם פייערלעשערס סירענע פאַרגייט אין אַ דינעם געוויין
און צעטראָגט זיך ווי אַן עכאָ דורך בוימער פון וואַלד :
דער מעטראָפּאָליע אומקום דראָט !
דער שונא שטורמט די טויערן פון שטאָט.

דאָס פאָלק וואַרט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם
אויף דעם אומפאַרמיידלעכן פאַלן פון דער שטאָט.
נאָר אויף יענער זייט האָדסאָן ראַנגלט זיך די אַנטשיידענע שלאַכט ;
נאָר פון די שיפן טראָגן זיך איצט פריידיקע רופן
און שלינגען איין דעם געוויין פון דער סירענע.
די שטאָט איז שוין ניט מער אויף גאָטס בּאַראָט —
דער שונא ציט זיך צוריק פון די טויערן פון שטאָט.

אין אַלע פענצטער און קופּאָלן לעשן זיך די פלאַמען,
ווי אַ פאַרלאָשענער וואולקאַן זעט אוים די עמפּייער־סטעיט,
מיט אַן אויג, וואָס איז פייערדיק־רויט ;
נאָר אויף די ראָגן האַלטן זיך אין יאָגן די מידע פייערלעשער,
זיי טראָגן זיך מיט לאַנגע, פריידיקע שאַלן.

פון טיר־און־טויער שטראָמען זיגרייכע קעמפער, באַפרייטע
און פילן אָן מיט פרייד די באַלויכטענע גאַסן. —
זיי יובלען איבער דעם גרויסן זיג.
זייערע קולות צעטראָגן זיך איבער אַלע פיר עקן פון שטאָט.
דאָס פאָלק יובלט פון נצחון איבערן שונא — לאַכט און שפּאָט:
דער שונא איז באַזיגט
ביי די טויערן פון שטאָט. — —

נאַכט אין דער מעטראָפּאָליע

די מאַנהעטן הימל־ליניע פון דער מעטראָפּאָליע ביינאַכט:
הימל־קראַצער גיגאַנטישע, פאַבריקן קאָלאָסאַלע און מויערן עקזאָטישע,
בויערן דעם הימל מיט טורעמס פון קופּער, זילבער און גאָלד.
וואַסער־טאַנקען ריזיקע אויף דעכער, קרומע און שפּיזיקע;
פלאָרעסענט־לאָמפּן אויף עווענױס און גאַסן
און שויבן, שויבן מיליאָסן,
פינקלען אין דער נאַכט ווי שטערן־שטויבן צווישן ערד און הימל —
איסט־ריווער און האָדסאָן;
ליכטער, בליציקע, ווי אויסגעשאָטענע דימענטן, הויפנווייז —
אויפן גיגאַנטישן האָריזאָנט פון נאַכטיקער הימל־ליניע,
און אויף שטאָלצע קעפּ פון קופּערנע, זילבערנע און גאָלדענע קופּאָלן,
שפּיגלען זיך אין לבנה־שיין, ווי מיסטישע סימבאָלן,
אין אַ פאַנטאַסטישן ריזן־קאָראָהאָד אין דער טיפער נאַכט אריין.
הויך אין די ספערן אין אַ פאַרכישופטן ראָד, די לבנה און די שטערן,
און אונטן, אין איסט ריווער, אינדערמיט פון מויערן און ברעגן,
פונקט אַנטקעגן דער הימל־ליניע, אינאיינעם מיט די הימל־קראַצער
און די הענגענדיקע בריקן —
טאַנצט אויס די ריזן־שטאָט איר גראַנדיעז־מיסטישן נאַכט־באַלעט,
אַרום דעם מעכטיקן און פאַבלהאַפטן ריז־סילועט,
מיט ריטמיש צויבער־פראַכט, —
אין דער מעטראָפּאָליע באַנאַכט.

מעכטיקע סילועטן־בריקן הענגען איבערן נאַכטיקן איסט־ריווער
מיט זייערע מויערן און טויערן קרומע;
מיט טונקעלע שטריק אָנגעצויגן אויף ביידע זייטן בריק,
ווי האַרפן שוואַרצע, שטומע — —
די בריקן טוקן די שפּיצן פון די שוואַרצע אַראָפּהענגענדיקע פליגל,
אין די טונקעלע וואַסערן פון נאַכטיקן שפּיגל.
בריקן, גיגאַנטישע, ווי פלעדערמייז, ריזיקע, שוואַרצע,
הענגען איבערן איסט־ריווער אין שוואַרצער וואַכט,
אין דער מעטראָפּאָליע באַנאַכט.

די מעטראָפּאָליע ניו־יאָרק באַנאַכט —
אַ שטאָט, אַ פאַרכישופטע, ווי אַ חלום אויסגעטראַכט,
שפּיגלט אירע לאַנגע ליכטער אין נאַכטיקן איסט־ריווער,
וואו שיפן טונקעלע, ווי ריזן־שוואַנען פאַנטאַסטישע,
מיט לאַנגע העלדזער, רויכיקע,
באַוועגן זיך לאַנגזאַם אין נאַכטיקן גליווער.
זיי קומען מיט געברום און מיט שימערירנדיקע ליכטער באַהאַנגען
און פאַרשווינדן אונטער די ריזיקע טויערן פון די בריקן,
ווי נאַכט וואָלט מיט איר כישוף־שוואַרצן זיי געפאַנגען — —
נאָר אויבן, אויף די בריקן, אין לאַנגע, טונקעלע טונעלן,
אין שנעלן ריטם ציען זיך לאַנגע וואַגאָנען,
אָנגעפּאַקטע און ליידיקע אויף שווערע בייכער,
מיט געקלאַפּ און געבראַזג, מיט הישן און צישן דורך וועגן צעפּראַלטע,
ווי קלאַפּער־שלאַנגען מאָנסטערהאַפטע, אוראַלטע;
מיט אויגן רויטע און גרינע, אין זיגזאַגיקער ליניע,
אין דער טיפער, סיגנאַלן־פולער שאַכט, —
אין דער מעטראָפּאָליע באַנאַכט. — —

די לאָמפּן און ליכטער אין די גאַסן און שויבן פון דער מעטראָפּאָליע
לעשן זיך קיינמאָל ניט אויס אין דער נאַכטיקער שעה.
נאַכט וויקלט איין די שטאָט אין אַ שלייער פון שוואַרץ און גראָ.
ביי די שויבן און לאַמטערן־ראָגן פירט ליכט איר אייביקן געראַנגל
קעגן פינצטערניש — ביזן פאַרטאָגן.
וואונדער־שיין, מאַיעסטעטיש איז די מעטראָפּאָליע ניו־יאָרק
אין איר ביטאָגיקן, ריטמיש־רוישיקן שיכט ;
נאָר מיסטיש־פאַבלדיק איז די ריזן־שטאָט
אין איר נאַכטיק מיסטעריעז ליכט.

די מעטראָפּאָליע ניו־יאָרק אין דער נאַכט איז מיסטיש, עקזאָטיש.
ווי אַ שטאָט, אַ סורעאַליסטישע פון אומבאַקאַנטן לאַנד,
וואו שטערן העגנען אויפן הימלראַנד.
אויף איר סימפאָנישן וואונדער־אָרקעסטער
שפּילט ביטאָג די ריזן־שטאָט אויף יעדער טראָט,
וואַגנערס רוישיקע און שטורמדיקע מוזיק ;
נאָר באַנאַכט שפּילט די מעטראָפּאָליע לויטער קאַמער־מוזיק,
מיט שטיל געזאַנג און מאָצאַרט־קלאַנג,
וויגט זי פאַמעלעך איין די מידע שטאָט — —
און פון איין ברעג שטאָט ביז דער צווייטער,
ווי שטילע באַגלייטער, טראָגן זיך אויף קילע ווינטן אלערליי קלאַנגען
אויף קופּערנע, זילבערנע און גאָלדענע קופּאָלן
און אויף נאַכטיקע בריקן צעהאַנגען
אין וואונדערלעכער, פאַרכישופטער פּראַכט,
איז איינגעהילט אין אַ מאַגישן שלייער —
די מעטראָפּאָליע ביינאַכט. — —

דער קאַפּיטאַן פון די וואַנדערנדיקע שיפן

איך האָב געזען :
שיפן, פאַרביקע ווי גאָנדאָלן,
מיט אָריענטאַלישע לאַמטערנעס,
האָבן זיך געשפיגלט אינעם האָדסאָן.
זעגל-שיפן ווי מיט ווייסע פליגל אויסגעמאָלן,
האָבן שטאָלצע געפלאַטערט מיטן ווינט.
דאַמפּערס, שווערע ווי גרינע טאַנקען,
האָבן טראָציק זיך באַוועגט פאָראויס.
פּאַסאַזשיר-שיפן מיט אומרואיקע מאַטראָסן,
האָבן אָנגעשפּאַרט די ברעגן,
לאַנגע באַרקעס, אָנגעלאָדענע מיט זאַמד און קוילן,
האָבן נאָכגעשלעפּט זיך מידע,
און טאַנקען זילבערנע, אָנגעפילט מיט נאַפט און אוילן,
האָבן אינעם האָדסאָן, אינדערמיטן,
ווי שאַרפע מעסערס זיך געשניטן.

איך האָב געהערט :
פונעם האָדסאָן האָבן קולות זיך געטראָגן.
פון די שיפן ביז צום האַפן זיך צעטראָגן
און צעשוואומען אויף די שפּיגלדיקע פאַלדן
און פאַרשוואונדן אין די בלויע ווייטן —
און געציטערט האָבן ליריש-צאַרטע קלאַנגען אויסגעמישט מיט לידער,
לידער, אומעטיקע, לידער, פריילעכע, פאַרשייטע.

מיט פּאָנען פֿאַרביקע, אָנגעהאַנגען,
האָבן מאַטאָר־שיפֿלעך, זיך געגליטשט, ווי אויף אייז געגאַנגען;
פֿערי־שיפֿן אָנגעפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן,
זיינען טאָג און נאַכט געשוואומען
און שטורעמדיק געשפּאַרט זיך אינעם האַפֿן
און אָנגעפּילט די נאַסע לופֿט מיט פּייפֿן און מיט ברומען.

איך האָב געטראַכט:
לידער וועלן פֿיל געזונגען ווערן;
קולות, קלאַנגען אַלערליי,
וועט מען אויף דעם האָדסאָן הערן;
שיפֿן וועלן וייט־ווייט פֿאָרן, שיפֿן וועלן קומען;
זעגלען וועלן זיך אויף כוואַליעס וויגן,
שיפֿן וועלן שטורם־ווינטן באַזיגן;
מאַטראָסן, בראַווע, באַקעמפֿן וועלן אַלע וואַסער־טיפֿן,
נאָר ער, דער קאַפּיטאַן פֿון די וואַנדערנדיקע שיפֿן,
אויף זיין טורעם, מאָנאָטאָנעם הויכן,
וועט דעם שטורעם אין זיין האַרצן קיינמאָל ניט באַזיגן
און צום האַפֿן פֿון חלומות זיינע —
קיינמאָל, קיינמאָל, ניט דערגרייכן.— —

וואַשינגטאָן־סקווער־פּאַרק אין ווינטער

ליכטיקע פלעקן באַדעקן די ביימער און די נאַקעטע צווייגן.
ווי אַ ריזיקע, ווייסע סקולפּטור זעט איצט אויס דער פּאַרק
אין זיין מאַרמאָרנעם שווייגן.
אַ שטילקייט, אַ בלענדיקע, רוט
אויף די פּוסטע בענק־רייען,
און אויף די שמאָלע, געדרייטע אַלייען.
אַנטקעגן פּאַרק שטייט שטאָלץ, אין אַ ווייסן סילועט,
דער ניו־יאָרקער אוניווערזיטעט.
זיינע טירן אויפגעפּראַלט, סטודענטן שטראָמען אריין און אַרויס
מיט פּעק ביכער און אויגן צעשטראַלטע.
אויפ׳ן עק פון אַ פאַרשנייטער באַנק
זיצט אַ היימלאָזער קינסטלער
און קוקט מיט צער אויף די גרויע פלעקן,
וואָס באַדעקן די צעשטראַלטע ווייסקייט.
נאָר אין מיטן וואַשינגטאָן־סקווער־פּאַרק
שטייט דער העלד גאַריבאַלדי שטומערהייט
און ציט זיין בלויזע שווערד
פון זיין זילבערנער שייד.

דער טעמפּער גלאָק פון דער יודסאָן־קירך
קלינגט הייזעריק אויס די מיטלאַלטערלעכע צייט.
די מויערן און האָטעלן אַרום וואַשינגטאָן־סקווער־פּאַרק
נעמען זיך אָן ביי די הענט און טאַנצן אויס אין שנייאיקן גלאַנץ,
אין קאַראַהאָד, דעם ווילדן משוגענעם טאַנץ
פון גריניטש־ווילעדזש. — —

ווי אַ שניי־מענטש זעט איצט אויס גאַריבאַלדי
מיט דער שווערד און דער שייד
און ווי אַ ריזיקע שניי־פיגור זעט אויס
יעדע סטאַטוע אין ווייסן געקליידט.

אין די שמאָלע, פאַרדרייטע געסלעך פון „ווילעדזש"
דרייען זיך אַרום מענטשן, מאָדנע, אַלערלייאיקע,
אין קליידער פאַרביקע, גאַסטראָלישע.
אין אויסגעפּאַרבטע קעלערן און קאַפּייען, פאַרדעכטיקטע —
מיט אויסטערלישע נעמען, סימבאָלישע —
זיצן קינסטלער, אַוואַנטוריסטן און פּרעטענדירער
און לאַכן פון דער וועלט מיט גאַליקן שפּאָט.
נאָר אין מיטן פון וואַשינגטאָן־סקווער־פּאַרק
שטייט דער העלד גאַריבאַלדי שטומערהייט
און ציט זיין בלויזע שווערד
פון זיין זילבערנער שייד.

דורכן טויער פון וואַשינגטאָן־סקווער־פּאַרק
פון דער שיינער און רייכער פינפטע עוועניו,
שניידן זיך אַריין גרינע, צוויי־גאָרנדיקע אָמניבוסן.
מענער און פרויען גייען אין איילעניש אַראָפּ
פון די שמאָלע טרעפּלעך, געדרייטע
און ווערן פאַרלאָרן אין די קאַפּייען צעשפּרייטע.
און אין די מויערן, האָטעלן און אַטעליעס — קאָפּ־אויף־קאָפּ —
אין מיסטעריעזן גרינעטש־ווילעדזש
און פון די שמאָלע געדרייטע אַטעליע־טרעפּ,
זשומעט און שומעט — אַרויף און אַראָפּ.
אַרויף און אַראָפּ.

אין דער בלענדיקער ווייסקייט פון די זיגזאַגיקע אַלייען,
ציען זיך לאַנגע טונקעלע פּאַסן
און פון די אַרומיקע פאַבריקן און זייטיקע גאַסן,
טראָגן זיך אומעטיקע, מאָנאָטאָנע רופן:
סירענעס זאָגן־אָן דעם סוף פון טאָג.
נאָר קינסטלער, הימלאָזע, שפּאַנען־אום אַרום און אַרום,
ווי פאַרבלאָנדזשעטע — אַהין און צוריק
און באַגעגענען יעדן מיט אַן אומעטיקן בליק.
נאָר אין מיטן פון וואַשינגטאָן־סקווער־פּאַרק
שטייט דער העלד גאַריבאַלדי, שטומערהייט,
און ציט זיין בלויזע שווערד
פון זיין זילבערנער שייד.

דער גאַסן־קערער פון דער שלאָפלאָזער־שטאָט

ביי נאָך־ניט פאַרלאָשענע גאַסן־לאָמפּן אין יונגן באַגינען,
ליגט די שלאָפלאָזע שטאָט ניו־יאָרק איר מידן קאָפּ.
דער ווייסער גאַסנקערער קערט מיט זיין בעזים שטיקער נאַכט.
אין גרויען פאַרטאָג זעט דער ווייסער גאַסנקערער
אַ רויטן הימל־פּאַס
און טורעמדיקע מויערן פוןביידע זייטן גאַס
זיך טוליען ווי חתן־כלה אין דער חופּה־נאַכט —
אין דעם מאָרגן־טראַכט.

דער ווייסער גאַסנקערער קוקט פאַרטראַכט
צום ראַנד פון הימל־בראַנד,
ער זעט : אויפן פייערדיקן טורעם פון דער עמפּייער־סטעיט,
הענגט אַ שווערער טומאַן אויפן גאָלדענעם קופּאָל ;
דער זילבערנער שפּיז פון דער קרייסלער־געביידע דערוואַכט
און שטעכט דורך, ווי די שאַרף פון דער שווערד,
די שיכט פון דער נאַכט.

איבער די גרויע מויערן פון ניו־יאָרק הענגט
ווי אַרויטע לאַמטערנע דער יונגער באַגינען.
אויטאָמאָבילן יאָגן איינע די אַנדערע אָן זינען !
דער ווייסער גאַסנקערער זעט :
אַ שוואַרצער לאָמפּן־לעשער ווי אַ וויכער שפּאַנט
און לעשט־אויס די גאַסן־לאָמפּן פון דער שטאָט
מיט אַן אומזעבאַרער האַנט.

צום מאַנאָטאָנעם ריטם פון הויכבאַנען און טראַמווייען
טאַנצן אויס די הימלקראַצערס אין באַגינען
דעם טאַנץ פון די ריזן. —

אויף דעם זילבערנעם שפּיץ פון דער קרייסלער־געבײַדע
הענגען אויף שטאָלענע פּאַסן זוניקע שפּיזן.
דער טורעם פון דער עמפּייער־סטעיט וואַקסט אַרויס
גיגאַנטיש, ווי אַ שמייכלענדיקער ספינקס אין פאַרנויג
און באַטראַכט די שלאָפלאָזע שטאָט
מיט זיין פייערדיק אויג.

מיט דער הויכבאַן און אונטערערדבאַן
פאָרט אין געאייל דער אַרבעטער אין פאַבריק.
די מאַשינען און מאָטאָרן וואַרטן שוין אומגעדולדיק אויף אים
מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם.
פון די קוימענס פון די פאַבריקן
ציען זיך שוין טונקעלע רויכן,
נאָר הינטער די קוימענס פון פאַררויכערטע מויערן
לויערן די וויינענדיקע סירענעס
און זאָגן אָן דעם אָנקום פון אומעטיקן טאָג—
דעם אָנהויב פון שווערער מי. —
באַלד וועט זיך מאָנאָטאָן צעטראָגן
אויף אַלע גאַסן און וועגן
אַ גערויש ווי פון וואַלדיקע זעגן.

איבער די יונג־באַגינענדיקע גאַסן פון דער שלאָפלאָזער שטאָט
שוועבט אום דער ווייסער גאַסנקערער,
ווי דער פליענדער האָלענדער,
אומרואיק, געשפּאַנט,
און נעמט אַוועק דעם שטויב אויף יעדן טראָט—
מיט אַ מאַך מיט דער האַנט. — —

לידער פון
ברוקלין
אוויליאמסבורג

װיליאַמסבורג — ברוקלין — אַמעריקע

װיליאַמסבורג, הײם פֿון מײַן לאַנד אַדאָפּטירטן, אַמעריקע,
אַמעריקע, מײַן גיגאַנטיש לאַנד!
הײם פֿון מײַן האָפֿנונג, מײַן פֿרײד און מײַן פּײַן,
הײם פֿון האָריזאָנטן ברײטע, ניו־יאָרקישע,
װיליאַמסבורג — איך זינג צו דיר!
איך זינג צו דיר פֿון געראַנגל און שטרױכלונג!
פֿון געטער צעבראָכענע!
פֿון חלומות צערונענע!
איך זינג פֿון דײַנע רײַכע פּראַכט־הײַזער און פֿאַבריקן;
פֿון דײַנע טײַכן, האַפֿנס, אַלערלײ שיפֿן און הענגענדיקע בריקן,
פֿון דײַנע װעגן און שאָסײען, די עלאַסטישע;
און פֿון חלומות פֿאַרװירקלעכטע, אױסגעשפּונענע!
פֿון דײַנע הײַזער און גאַסן
און פֿון דײַנע מױערן און הימלקראַצערס פֿאַנטאַסטישע.

ר ױ ך און ק ױ ל נ ש ט ױ ב ן

װיליאַמסבורג, פֿון דײַנע ריזיקע פֿאַבריקן־קױמענס
שפּאַרן שװערע, טונקעלע רױכן,
און דרײען זיך װי שװאַרצע קנױלן צום הימל הױכן

און שפּריימן אַש און קוילנשטויבן
אויף די דעכער, אויף גאַסן, הייזער און שויבן,
אויף פרישע וועש געוואַשן און אויף די בוימער
און אויף מענטשן, וואָס שפּאַנען אין די גאַסן,
אויף די פּלאַנצן און בלומען,
און אויף די ווייסע טויבן
אויף מיין דעכל קרומען.

בונטן, גראָזן וואַקסן

וויליאַמסבורג — גראָזן בונטן וואַקסן
צווישן שטיינער גרויע אויף דיינע צעפּאָרענע טראָטוארן
און דיין הימל איז פאַרהאַנגען מיט רויכיקע קאָשמאַרן,
איך זינג צו דיר פון קאַמף דעם אייביקן
און פון מענטש דעם פרייען, גלויביקן.
איך זינג פון דערפאָלג און אַנטוישונג,
פון פרייד און קומער,
פון האַרבסט, ווינטער, פרילינג און זומער.

ו ו י ל י אַ מ ס ב ו ר ג — מיין היים

וויליאַמסבורג, מיין היים, מיין אַטעליע,
היים פון מיינע קאַמפן, פאַרלאָרענע, געוואונענע;
היים פון מיין בלומען־גאָרטן, מיין רו געפונענע,
היים פון מיינע מאָלערייען, פּאָעזיע, מיין אינספּיראַציע,
מיינע שכנים, פריינט, די אייגענע און די מאַסן,
היים פון מיינע סוזשעטן, איסט־ריווער, בריקן, מענטשן
און גאַסן:
די געגנט אַרומיקע, מיין וועלט געשפּאַנטע,
די פון מיר אַליין געשאַפענע, אימפּאָזאַנטע. — —

וויליאַמסבורג — מיין וועלט געשאַפענע

וויליאַמסבורג, דאָ האָב איך דערפילט אַ דראַנג צו שאַפן,
צו מאָלן הייזער, מענטשן און גאַסן, טייכן און שיפן.

דעם אייזמאַן, קוילנמאַן, מילכמאַן, שמאַטע־קלייבער
און דעם גאַסן־קערער;
די טיפן געקליבענע, די פערד נאָך פאַרבליבענע.
דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל געמאָלן די שיפן,
דעם איסט־ריווער מיט זיינע ברייטע האַפנס,
פראַכט־הייזער, שפייכלערס, לאַסט־אויטאָס, אויטאָמאָבילן,
קוילן־טורעמס, וואַגאָנען און לאָקאָמאָטיוון קאַרניוואַלע
און די גאַז־טאַנקען, די קאָלאָסאַלע;
די ביר־ברויעריען, די פלאַט־פאָרטן, בריקן און גאַסן,
די גיסערייען, די זאַוואָדן און די פאַררויכערטע פאַבריקן,
די שענק־הייזער און די אָרעמע מאַסן,
ווי אַרבעטער מידע גייען פון דער אַרבעט;
און די שטאָטישע זונפאַרגאַנגען אויף דער הימל־ליניע,
צווישן די הויכע קוימענס און שטאָלענע שטריקן
פון די הענגענדיקע בריקן.

די דאָמינאָ צוקער־פאַבריק

וויליאַמסבורג, דאָ, אויף דער גאַס מיינער,
האָב איך מיין ערשט גרויס בילד געמאָלן:
די „דאָמינאָ"־צוקער־פאַבריק מיט אירע טונקלע קוימענס
און פאַררויכערטע קופאָלן,
די פאַבריק וואו טויזנטער אַרבעטער

טאָג־און־נאַכט ביים זיסן צוקער, ביטער שקלאַפן;
דאָ האָב איך דעם ערשטן מאָל דערפילט דעם ציטער
און די טיפע פרייד פון שאַפן;
די זיסע פרייד פון באַקאַנט ווערן,
די זינגענדיקע ליוב־ווערטער הערן,
די פרייד פון אויסצייכענונגען פאַרדינטע
און פון מעדאַלן געווינען,
די פרייד, די גרעסטע —
זיך אַליין געפינען.

דער איסט־ריווער

וויליאַמסבורג, דער איסט־ריווער גלעט און לאַסטשעט
טאָג און נאַכט די ברעגן דיינע
און האַלט דיך ווי אַ געטרייער פאָטער
אין די מידע אָרעמס זיינע.
וויליאַמסבורג, צו דיינע ברעגן פון איסט־ריווער
קומען אָן אַלערליי שיפן פון לענדער נאָענטע, ווייטע,
שלעפּ־שיפלעך פירן זיי פאַמעלעך אַריין
אין די ברייטע האַפנס, ווי מחותנים באַגלייטער;
ביי די ברעגן וואַרטן שוין סטיוועדאָרן אויסצולאָדן שיפן.
לאַסט־אויטאָס וואַרטן ביי די האַפנס די גרייטע,
און עס וואַרטן שוין וואַגאָנען און לאָקאָמאָטיוון
אויף רעלסן שטאָלענע, געדרייטע.
איך הער דעם פליגל־פלאַטער איבער איסט־ריווער,
איבער אָנקומענדיקע שיפן, גרויסע, אָקעאַנישע;
איך הער די אומעטיקע וואָרנונג־געברומען
אין נעכט און טעג טומאַנישע.

וויליאַמסבורג, בייטאָג הער איך אויף דיינע גאַסן
דאָס געזשום־געזאַנג פון אויטאָמאָבילן;
ביינאַכט — דאָס געזאַנג פון שיפן
אויפן איסט־ריווער שפּילן.

די וויליאַמסבורג־בריק

אַרום וויליאַמסבורג־בריק אין גרויע הייזער
זוי נאַכטיקע סילועטן,
האָבן אַמאָל זייער היים געהאַט, אין די „גרינע יאָרן״
די שענסטע יידישע פּאָעטן.
איבער וויליאַמסבורגער בריק האָבן זיי יונג, הונגעריקע, שפּאַצירט,
דאָ האָבן זיי ליבעס געפירט — —
אויף וויליאַמסבורג־בריק האָבן די יונגע פּאָעטן
פאַרליבטע אין דער יונגער, שיינער מוזע זייערער,
זייערע ערשטע צאַרטע לידער געזונגען, פון דער דאָזיקער בריק
האָבן זייערע נייע לידער זיך איבער דער גאָרער וועלט צעקלונגען.
אין די אָוונטן הער איך זייער טריט, די שטילע,
איבער די גרויע שטיינער פון וויליאַמסבורגער טראָטואַרן;
אין האַרבסט הער איך זייער געזאַנג אינעם ווינט
און אין רויש פון די בלעטער
אין די איינזאַמע בולוואַרן. — —

מען פרעגט מיך אָפט

מען פרעגט מיך אָפט פאַרוואָס איך וואוין דאָ,
אין וויליאַמסבורג, אין די גאַסן פאַרגעסענע;
צווישן פאַררויכערטע פאַבריקן, הייזער פאַרלאָזענע,
צווישן ביימער פון רויך שוין צעפרעסענע.

דאָ האָב איך מײַנע טעמעס און סוזשעטן פֿון אַרומיקן לעבן גענומען,
דאָ האָבן מײַנע יוגנט־חלומות זײער תּיקון באַקומען;
דאָ האָבן מײַנע עלטערן געוואוינט אין אײגענעם הויז, —
שוין אַ דור, אַ פֿאַרגאַנגענער;
און דאָ פֿאַרבײַ דאָס אײגענע הויז זײערס:
דאָ האָב איך זיך מיט זײ צום לעצטן מאָל געזעגנט
בײַ דעם אָרון מיט טרערן אַ באַהאַנגענער.
אין וויליאַמסבורג האָב איך אַלע מײַנע בילדער געמאָלן,
בילדער פֿון אָרעמען לעבן, פֿול מיט טרויער,
מענטשן, גאַסן, טײַכן, בריקן און מויערן.
דאָ האָב איך מײַנע ייִדישע פֿאָלקלאָרישע בילדער פֿאַרטראַכט,
בילדער פֿון מײַן פֿאָלק דעם זעקס־מיליאָניקן, פֿאַרטיליקטן!
דאָ געשאַפֿן האָב איך לידער פֿון זונשײַן און פֿרייד
און לידער פֿון צער און לײד. — —

וויליאַמסבורג — איך זע דיך אומעטום

וויליאַמסבורג, וויליאַמסבורג, — איך זע דיך אומעטום!
איך זע דיך אויף די בילדער מײַנע און זע דיך אין גאַלערייען,
איך זע דיך אויף נאַציאָנאַלע קונסט־אויסשטעלונגען, אין מוזייען,
אין מײַן אַטעליע און אויף די ווענט פֿון מײַן צימער דעם ענגן,
זע איך דיך, וויליאַמסבורג!
און ווען איך שפּאַציר אויף דײַנע גאַסן, דאַכט זיך מיר:
איך זע אומעטום מײַנע בילדער הענגען.
וויליאַמסבורג — ביזט אַ טײל פֿון מיר,
אַ טײל פֿון לעבן מײַנעם!
און איך — אַ טײל פֿון דיר!
פֿון דעם לעבן דײַנעם!

וויליאַמסבורג, איך וועל שוין פאַרבלייבן אַט־דאָ,
ביז מיין לעצטער שעה!

ט ע ג א ו ן נ ע כ ט מ י י נ ע

וויליאַמסבורג, איך זינג צו דיר פון יאָרן שווערער מי,
פון נעכט לאַנגע, שלאָפלאָזע,
פון צייטן ביטערע, פון טעג ענדלאָזע
און פון אַנטוישונגען סוף־לאָזע.
וויליאַמסבורג, איך זינג צו דיר פון צייטן גליקלעכע, באַגערנדיקע,
פון טעג, זוניקע, ליכטיק־בלויע און פון נעכט שטערנדיקע.
איך זינג צו דיר פון קאַמף און מוט, פון זיגן אַנטשיידענע!
פון ליידן, האָפנונג, פון שטרעבונג און דערגרייכונגען באַשיידענע;
איך זינג צו דיר פון טעג פאַרגאַנגענע אויף דיינע גאַסן
און אונטער דיינע הימלען שטויביקע,
איך זינג פון טעג אָנקומענדיקע,
זוניקע און גלויביקע. — —

פאַרטאָג ביי די ברעגן פון איסט-ריווער

ווייס־שוואַרצע פייגל טוקן זייערע פליגל־שפּיצן
אינעם גרין־גרויען וואַסער פונעם איסט־ריווער.
היימלאָזע שלאָפן ביי די ברעגן, באַהאַלטן זיך אויף די באַרקעס,
און אַרבעטלאָזע זיצן שלאָפלאָזע ביי די האַפנס.
מאַטראָסן דרייען זיך אַרום אויף טונקעלע שטעגן,
ווי די ווייס־שוואַרצע פייגל ביי די וואַסער־ברעגן.
שיכורים וואַלגערן זיך אַרום די וואַכלאָזע האַפנס
און דרימלען איינגעגנורעטע מיט אַלטע צייטונגען באַדעקט.
אַ מאָלער מיט לייוונט, פאַרב און פּינדזל אין האַנט,
אַן אומרואיקער ביים איסט־ריווער איילנדיק שפּאַנט,
ער זוכט אַ טעמע ביים האַפן, וויל אַ ניי בילד שאַפן;
אַ פאַרלוירענער מאַטראָס פון אַ ווייטן לאַנד,
שלעפּט זיך אום אַ וואַקלדיקער ביים איסט־ריווער ברעג,
זוכט זיין שיף ערגעץ ביים האַפן־ראַנד. —
נאָכן ברום און פייף פון זיין שיף ביי נעפּלדיקע וואַסער־ברעגן וואו,
דערשלעפּט זיך דער שיכורער מאַטראָס
צום ריכטיקן האַפן־צו.

ס'איז רואיק איצט ביים האַפן און אַרום,
קיין קול, קיין פייף און קיין ברום,
בלויז דער מאָנאָטאָנער געשריי פון ווייס־שוואַרצן פויגל,
ביי אומעטיקע וואַסער־טיפן,
וואָס זוכט שפּייז אינעם אָפּפאַל פון די שיפן,
צערייסט די שטילקייט אויף אַ ווײַלע ביים האַפן.
דער ווייס־שוואַרצער פויגל שרייט מיט אומהיימלעכן גליווער
פאַרטאָג ביי די ברעגן פון איסט־ריווער.

פאַרטאָג ביי די ברעגן פון איסט־ריווער־האַפנס,
פון די טונקעלע קוימענס פון דער „דאָמינאָ"־צוקער־פאַבריק,
שפּאַרן אין די פלאַמיקע הויכן
פעך־שוואַרצע רויכן.
וועכטער געקליידט אין גרויען שפּאַנען דאָ אום,
אַהין־און־צוריק, ווי גולמ׳ס שטום.
דאָס ברומען און פייפן פון אָנגעלאָדענע שיפן, גרייטע
אין די האַפנס אויסגעשפּרייטע,
טראָגט זיך אומעטיק אין פאַרטאָג אויף יעדן טראָט,
איבער די האַפנס פון דער ברוקלינער שטאָט.

שיפן קומען־אָן אַהער פון וואַנען
און פאַרשווינדן גיך פון דאַנען.
גרין־רויטע פייערלעך שפּרינגען פון באַרקעס און שיפן,
ווי לאַנגע לאַמטערנעס באַהאַלטענע אין דער טיף;
און לעשן זיך ווי קליינע ליכטעלעך אין די ווינטיקע וואַסער־פאַלדן;
זעגל־שיפן מיט ריזיקע מאַסטן גייען פּאַמעלעך פאַרביי,
פאַרחלומט, רואיקע און שטילע.
נאָר דער אַרבעטלאָזער הערט די ווינטן אויף שפּיצן פון זעגלען פילע —
ער זוכט אַרבעט ביים האַפן, דעם הונגער זיינעם שטילן.
דער היימלאָזער גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן אַ מידער, אַ בלאַסער,
פאַרטאָג, ביים איסט־ריווער גרין־גרויען וואַסער.

פון גרויע קוילן־טורעמס לאָדט מען אין שוואַרצע לאַסט־אויטאָס
גאַנצע מאַסיוון פון שטיין־קוילן אָן. —
מען מעסט טאָן נאָך טאָן
און מען פירט זיי פאַנאַנדער אין אַלע טיילן פון דער שטאָט.
פון מויערן, פאַבריקן, פון קוימענס הויך,
פון שיפן און לאָקאָמאָטיוון מוז תמיד שפּאַרן רויך.

אָפּטמאָל איז שטיל פאַרטאָג ביי די ברעגן פון איסט־ריווער,
דער האַפן ליגט איינגעדרימלט און ווי פון געדיכטן נעפל פאַרבאָרגן,
נאָר די ווייס־שוואַרצע פייגל הויבן פּלוצים־אָן הונגעריקע שרייען,
זייערע געשרייען פאַרזינקען אין די טיפן
אינאיינעם מיט וואָרנונג־געברום און פייף פון די שיפן,
און זיי וועקן און זיי שרעקן דעם יונגן מאָרגן.
נאָר צווישן די זילבער־שטריק פון וויליאַמסבורג־בריק,
הויך צווישן הימל־רויך, גליענדיקע פייער־פּאַסן טוען זיך באַווייזן,
די שיפן אין די האַפנס גרייטן זיך אַוועקצורייזן;
די זון צעפלאַמט העלער אויף די שפּיצן פון די הימלקראַצערס,
אין מזרח־זייט פון שטאָט,
אירע שטראַלן פאַלן אויף די זילבערנע טאַנקען
און אויף די זעגלען און מאַסטן פון די שיפן,
פאַרטאָג ביי די ברעגן פונעם איסט־ריווער טיפן.

פאַרטאָג ביי די ברעגן פון איסט־ריווער—
שיף־סיגנאַלן שאַלן, קולות, געשריי און געבריל,
פון האַפן און פון שיפן פאַלן קללות אין דער שטיל;
די שיפן גייען, די רודערס דרייען ווי אין אַ כישוף־קרייז,
נאָר די שוואַרץ־ווייסע פייגל רופן און שרייען: שפּייז, שפּייז! שפּייז!
און די סירענעס פון פאַבריקן און זאַוואָדן שרייען און הייזעריק גרילצן,
ווי מיט טויזנטער שפּיזן שטעכן זיי אין דער לופט אריין.
נאָר דער אַרבעטלאָזער שלעפּט זיך דאָ נאָך אַלץ אַרום שטום,
ביי די האַפנס אַ דערשעפּטער אַ הונגעריקער און מידער,
און דער היימלאָזער, ווי אַ שאָטן, גייט אים נאָך מיט שטילע טריט — — —
און שיפן נייע קומען, שיפן נייע ברומען,
און אויבן, איבער וויליאַמסבורג־בריק פליען טויבן
און בייזע ווינטן שפּילן אויף זיינע לאַנגע, זילבער־שטריק,
דעם אייביק־אומרואיקן ליד פון דער מעטראָפּאָליע,
דעם יונגן טאָג אַנטקעגן —
פאַרטאָג ביים איסט־ריווער אויפגעוואַכטע ברעגן. — — —

אַ שניי איבער וויליאַמסבורג

דער שניי אין וויליאַמסבורג איז אַ שניי גאָר אַן אַנדערער,
ער קומט ניט ווי שנייען אין דערפער און שטעט ;
ווי שנייען וואָס פאַלן ווי צאַרט־פרישער שניט,
ער קומט ניט ווי אַ שניי וואָס צערטלט און גלעט
און באַצירט ווייס די צווייגן ווי אַ חופה־קלייד;
ער קומט ניט ווי שניי, וואָס צאַפּלט מיט קינדערשער פרייד,
וואָס קומען באַגריסן דעם טייערן גאַסט —
מיט קינדער־געזאַנג, שליטעלעך, גליטשערס און שפּיל, —
ער קומט אַזאַ שווערער ווי אַ פיינטלעכע לאַסט ;
ער קומט מיט גערודער, ער קומט מיט געבריל,
ער קומט אָן מיט שטורעם — אַ בייזער דערצו
און צעשטערט דאָ די שטילקייט, צעשטערט דאָ די רו !
אַזוי ווי אַ שונא, ער קומט און באַדראָט
און באַפאַלט אומגעריכט
די איינזאַמע שטאָט.

דער שניי אין וויליאַמסבורג איז ווי אַ גאַסט ניט־געבעטענער,
ער קומט ניט ווי קלאָר־ווייסער שניי אין פליטער־פלאַטער ;
ניט ווי זילבער־צאַרטער שניי, אַ זוניקער שייניקער,
ער קומט אַזאַ גרויער און מאַטער מיט אַש אויסגעמישט,
מיט קוילנשטויב און ליגט אַ קויטיקער, נאַסער,
ווי אַ שניט ניט־געראָטענער, אַ כמורנער און בלאַסער,
פון שווערע שיך און לאַסט־אויטאָס אַ צעטראָטענער.
דער שניי אין וויליאַמסבורג באַפאַלט פּלוצים, ווי אַ היישעריק־שונא,
די טונקעלע לאָמפּן, הייזער און מויערן
און הילט איין אין גרויע שלייערן
יעדן טראָט אויף די אומעטיקע גאַסן
פון דער איינזאַמער שטאָט.

דער שניי אין וויליאַמסבורג איז גרוי, ברוין און פאַרגעלט.
ניטאָ נאָך אַזאַ שניי אויף דער גאַנצער וועלט!
ער קומט ווי אַ וויכער אין גרויסן געאייל,
כאָטש ער ווייסט אַז זיין קומען
איז נאָר אויף אַ ווייל.
אָט קומט ער, אָט רוט ער, און אָט מוז ער שוין גיין,
ער ליגט אַ געפאַלענער ווי וויליאַמסבורג אַליין!
און אָט קומען די איינוואוינער פון די הייזער אַרויס,
מיט רידלען און לאָפּעטעס, מיט טומל און געשריי,
און שאַרן און ראַמען דעם ברודיקן שניי.
עס קומען די גרויסע שטאָט־מאַשינעס, זיי קומען־אָן גלייך,
און שליידערן אים אַריין אין איסט־ריווער טייך.
די איינוואוינער פון וויליאַמסבורג קוקן פון פענצטער אַרויס
באַרואיקטע מיט חוזק און שפּאָט —
פאַרטריבן דעם שונא
פון דער איינזאַמער שטאָט! ———

אָנקל ראַב

אויף דער גרויער טיר פון אָנקל ראַבס הויז
הענגט אַ קראַנץ פון ווייסע גאַרדיניעס.
דער מידער, אויסגעדינטער פּיערלעשער,
שלאָפט איצט רואיק אין זיין שוואַרץ־יומטובדיקן ראָק,
שאָטנדיקע הענט, בילדער אויף די ווענט, דערציילן
פון אַ ניט־לאַנג פאַרגאַנגענעם דור.
אָנקל ראַב, דיינע פריינט און באַקאַנטע
זיינען געקומען זיך איצט געזעגענען מיט דיר,
געזעגענען אויף אייביק.

אַ צוים פון דראָט טיילט אָפּ דיין בלומען־גאָרטן פון מיינעם.
בלומען, בלומען האָסטו געפלאַנצט, די איידלסטע בלומען;
האָסט געהאָלפן בלומען פלאַנצן אַלע שכנים דיינע,
און ווי אַ ציטערדיקע מאַמע האָסטו געצערטלט
די דעליקאַטע יונגע בלומען.
איצט, בלומען בוקעטן, אין אַלערלייאיקע פאַרבן,
רינגלען אַרום דיין שוואַרצן ארון.
דער בלאַסער שיין פון רויטן ליכט
פאַלט אויף די בלומען־קראַנצן
און אויף דיין בלייכן פאַרפוצטן געזיכט
און אויף יעדן שטילן טראָט
פון די קניענדיקע געסט
וואָס פּרעפּלען אין דער שטיל פאַר דיר,
אַ געבעט צו גאָט.

אָנקל ראַב, פּערציק פרילינגס האָסטו בלומען געפלאַנצט
אין דיין קליינעם באַשיידענעם גאָרטן;
פּערציק זומערן האָסטו אין דיין „בעק־יאַרד"־גאָרטן
געצערטלט די איידעלע פלאַנצן, די בלומען.
איצט טאַנצן קאַלטע ווינטן, דער האַרבסט איז געקומען.
די לעצטע כריזאַנטעמעס געזעגענען זיך שוין מיטן זומער.
אָנקל ראַב, איצט שלאָפסטו רואיק אַליין
צווישן קראַנצן פון פאַרביקע כריזאַנטעמעס;
איצט שווימסטו צווישן בלומען־בייטן
פון ברענענדיקע סאַלוויעס.

בלומען, בלומען פון אַלערליי פאַרבן,
רינגלען דיך אַרום אין דיין שוואַרצן אומעטיקן ארון.
דיינע בלייכע הענט וואָס ליגן איצט פאַרקלעמט,
זיי האָבן אזויפיל בלומען אויף דער וועלט געבראַכט—
און דו ליגסט איצט אַזוי שטאַר, פאַרטראַכט,
און אויף די שפּיצן פון דיינע פינגער,
ווי אין גאָרטן ביי די בלומען,
שפּאַנסטו איצט אַריין אין בלומענלאַנד פון נייע פּאָרטן —
אָנקל ראַב, ווער וועט איצט אָפּהיטן דיין גאָרטן?

אָנקל ראַב, ווער וועט איצט פאַרפלאַנצן דיינע טולפּן?
און די גלאַדיאָלן ווער וועט איצט פאַרזייען?
און מיט דינע שטעקעלעך ווער וועט איצט אונטערשפּאַרן
דיינע יונגע, שוואַכע פלאַנצן?
דעם ווילד־גראָז צווישן די בלומען־בייטן,
ווער וועט איצט אַוועקרייסן?
און ווער וועט אין אַ הייסן זומער־טאָג קומען

און באַוואַסערן דיינע פאַרחלשטע בלומען?
די יונגע טולפּן וועלן די ערשטע דערפילן דעם עלנט —
אין אָנקום פון פרילינג.
די דאַליעס און קענעס און אַנדערע פלאַנצן
וועלן וואַרטן אומזיסט און פאַרלוירן
אויף דיינע צאַרטע פינגער
און זייער ווידער געבוירן.

אָנקל ראַב, איצט ביזטו אַליין אַ פלאַנץ
אין גאָרטן פון שטיינערנע בייטן.
די שוואַרצע, ווייכע ערד וועט בענקען
נאָכן וואַרעמען באַריר פון דיינע פינגער,
און אַזוי ווי ניט־געבוירענע קינדער
וועלן זוימען און פלאַנצן וואַרטן אין קעלער, שטומען —
איצט שלאָפסטו אַליין ווי אַ קינד —
צווישן דיינע געטרייע בלומען.

צוריק מיט דריי טעג האָסטו מיך געבעטן
שענקען דיר אַ קלעטערנדיקע רויז —
האַרציק געלאַכט האָסטו וואָס ווערים עסן־אויף
די בלעטער פון מיינע ווייִנשטאָקן.
איצט וועלקן די בלומען אין גאָרטן
און בלעטער פון קופּער און גאָלד
טוען זיך אויף האַרבסט־ווינטן וויגן.
באַלד וועט איבער וויליאַמסבורגער גאַסן
זיך צעטראָגן אַן אומעטיקער ניגון.

אין דרויסן וואַרטן שוין שוואַרצע אויטאָמאָבילן
פאַרהילטע אין שטילן ווייסן טרויער,
דיך צו באַגלייטן אינאיינעם מיט בוקעטן בלומען.
אַלע שכנים זיינען געקומען און וואַרטן שוין ביי דיין טויער,
די קליינע פראַצעסיע הייבט באַלד־אָן איר לעצטן מאַרש
צום לאַנד פון די בלינדע פאָרטן.
אָנקל ראַב, אָנקל ראַב!
ווער וועט איצט אָפּהיטן דיין גאָרטן? ——

מאָנטאָג אין פרימאָרגן
(BLUE-MONDAY)

מאָנטאָג אין פרימאָרגן — „בלויער־מאָנטאָג":
די הייזער און גאַסן אין וויליאַמסבורג ליגן נאָך אין האַלב־דרימל.
פון די קוימענס פון אַרומיקע פאַבריקן שפּאַרן שוין סאַזשע־רויכן
און פאַרבן גרוי מיט ריזיקע פּענדזלען דעם הימל.
די צעדרייטע פאַרסאַזשעטע ביימער פלאָנטערן זיך אינדערמיט.
דער אייז־און קוילנמאַן טרעט לאַנגזאַם ווי געהיים, פאַרבאָרגן,
מיט זיינע שווערע, שטיוולדיקע טריט,
אויף דעם יונגן מאָרגן.

דער אייזערנער גלעקל פונעם שמאַטע־קלייבער
הערט זיך ווייט און לאַנג,
ער וועקט דעם יונגן מאָרגן מיט זיין טעמפּן, מאָנאָטאָנעם קלאַנג.
דער שמאַטניק שטופּט זיין שטופּ־וועגל אָנגעלאָדן מיט שמאַטעס,
ברוכוואַרג און פּאַפּיר,
און דער מילכמאַן טראָגט די מילך־פלעשער פון טיר־צו־טיר;
אויף די ראָגן פון מויערן לעשן זיך פלוצים די לאָמפּן,
און אויף טראָטואַרן פירט מען אויף שפּאַציר די הינט,
וואָס שטעלן זיך אַ ווײַלע אָפּ ביי די וואַסער־פּאָמפּען...
נאָר דער גאַסנקערער ווי אַ וויכער טוט זיין אַרבעט דאָ געשווינד,
ער קערט געשיקט מיט זיינע באַרשטן און מיט מי,
ער פוצט די שטאָט־גאַסן
אין „בלויען־מאָנטאָג" אינדערפרי. — —

דער בריוו־טרעגער אָנגעלאָדן מיט שווערע פּעק און זעק,
רופֿט־אויס נעמען אַלערליי, נעמען אָן־אַן־עק.
פֿון טיר און טויער לאָזן זיך מענער און פֿרויען אויף דער גאַס אַרויס.
די גאַס ווערט פֿלוצים פֿול מיט קליין און גרויס.
מאַמעס באַגלייטן די קינדער אין שולע, באַזאָרגט מיט ליבע און פֿרייד,
נאָר דער טומל פֿון די קינדער אין דער ווייט פֿאַרשווינדט.
וועש פֿריש־געוואַשענע פֿלאַטערן ווי גייסטער אינעם ווינט,
און וויגן זיך אינעם ריטמישן טאַנץ אויף לאַנגע, ווייסע שטריק.
און פֿון מזרח־זייט קוקט אַרויס פֿון טומאַן
דער שטאָלצער ווילי‍אַמסבורג־בריק.

אונטן, אויפֿן איסט־ריווער, שווימען שיפֿן אַלערליי,
פֿון לענדער ווייטע פֿרעמדע, און פֿון הי.
זיי שניידן אינעם מאָרגן־נעפּל צום האַפֿן זיך אַ וועג;
אַ פֿייפֿן, ברומען, און וואָרנונג־סיגנאַלן טראָגן זיך פֿון ברעג־צו־ברעג
און צעמישן זיך מיטן טומל פֿון ים־פֿויגלס געשריי,
וואָס טראָגט זיך איבערן איסט־ריווער און איבערן ווילי‍אַמסבורג־בריק.
אינעם פֿליגל־פֿלאַטער פֿונעם פֿויגל־פֿלי,
וואַכט אויף דער „בלויער־מאָנטאָג"
אין ווילי‍אַמסבורג, אינדערפֿרי. — —

מאָנטאָג פֿרי: ווילי‍אַמסבורג שטייט נאָך אין גרויען נעפּל איינגעהילט.
פֿון דער „דאָמינאָ"־צוקער־פֿאַבריק ציען זיך לאַנגע פֿראַכט־אויטאָס,
מיט צוקער־זעק און קאַסטנס אָנגעלאָדן שווער;
דער רעש פֿון די רעדער ווערט זעלטן איינגעשטילט,
און איבער ווילי‍אַמסבורג־בריק ציען זיך אָן אַן אויפֿהער,
באַנען און אויטאָמאָבילן, אַהין־אַהער.
די פֿוס־גייער שפּאַנען איילנדיק ביי ביידע זייטן פֿון בריק,
ווער נאָענט און ווער — ווייט;

נאָר יעדער איילט זיך אָנקומען אין צייט.
ס'איז אַזוי גוט צו מאַרשירן מיט האָרעפּאַשניקעס אין ריי,
זיך צונויפֿמענגיסן, אויסמישן, ווערן אַ טייל פֿון זיי.

אויף „וואַשינגטאָן־ברידזש־פּלאַזאַ" שטייען שוין אָמניבוסן גרייט,
זיי פֿירן פּאַסאַזשירן אין אַלע טיילן פֿון דער שטאָט,
צו פֿאַבריקן, ברוועריייען, פּראַכט־הייזער און אַלערליי געשעפֿטן.
פֿיל שפּאַנען אומעטיקע, מיט קעפּ־געבויגענע;
אַלטע, אַרבעטלאָזע און נייע צוגעקומענע, קיין אַרבעט — ניטאָ.
איבער וויליאַמסבורג ציען זיך די מאַסן אין געדראַנג,
נאָר רויטע ליכט־סיגנאַלן שטערן אָפּטמאָל זייער גאַנג.
יונג און אַלט מאַרשירן אַלע אין איין ריי,
אין דער פֿרימאָרגן־שעה, אין יונגן גלי —
אין „בלויען־מאָנטאָג" אינדערפֿרי.

מאָנטאָג פֿרי. דאַכט זיך, אַ טאָג ווי אַלע טעג פֿון וואָך,
נאָר עפּעס פּילט זיך אין דער לופֿט אַנדערש גאָר;
עפּעס שפּירט מען אין די גאַסן, אין די הייזער אַנדערש — דאָך,
אַ מאָדנער געפֿיל, אַזאַ, אַ פֿרעמדער,
ווי טאָג וואָלט געווען איינגעהילט אין אַ בלויען שלייער,
און אַ בלויער וואָלקן וואָלט געהאַנגען אויף יעדן טויער;
ווי אַן אויסגעטראַכטער אומעט וואָלט דאָ געלעגן אויסגעגאָסן,
ווי די זון וואָלט זיך באַהאַלטן און ס'ליכט דאָ אויסגעלאָשן.
דער גאַנג איז, דאַכט זיך, דאָ ניט מער דער זעלבער:
ס'איז ניט דער זעלבער אימפּעט אינעם שפּאַנען,
עפּעס איז אין טאָג פֿאַרבאָרגן, עפּעס איז אין אים פֿאַראַנען.
„בלויער־מאָנטאָג", אַזאַ פּוסטקייט פֿילט זיך אין די סקווערן,
קיינער קאָן עס ניט באַגרייפֿן, קיינער קאָן עס ניט דערקלערן,
און אפֿשר?—אפֿשר דאַכט זיך דיר גאָר אויסעט?

אפשר איז דער „בלויער־מאָנטאָג״ גאָר אינגאַנצן ניט קיין בלויער?
נאָר אַ טאָג אַזאַ ווי אַלע,
אַ טאָג אַזאַ גרויער...

אויבן, אויף דער וויליאַמסבורג־בריק, אויפן מאַסט דעם העכסטן
וואָס קוקט אַרונטער אין איסט־ריווער אינעם מוטנע־גרינעם וואַסער,
אויף די ראָגן און אַלייען און אויף די אומעטיקע גאַסן,
און אויף די צאַנקנדיקע לאָמפּן און אויף די קוימענס הויכע,
וואָס שפּאַרן מיט וואולקאַנען שוואַרצע, סאַזשעדיקע רויכן,
אין די סאַמע הויכן צווישן וואָלקנס גרויע,
הענגט דאָרט אויפן הימל אַ לאַמטערנע בלויע,
ווי אַ מיסטיש ליכט אינעם מאָרגן־גלי —
דער „בלויער־מאָנטאָג״ אינדערפרי. — — —

ביים ברוקלין מחיי

לאַנג און ברייט איז די איסטערן־פּאַרקוויי,
מיט רייען ביימער און אַלייען פאַר שפּאַציר.
אַנטקעגן דעם ברוקלין־מוזיי
פאַלן האַרבסט־באַצירטע בלעטער,
פאַלן בלעטער פון קופּער און גאָלד.
פון פּראָספּעקט־פּאַרק קומען צופליען פייגלען אַלערליי
און פליען צוזאַמען מיט די גאָלדענע האַרבסט־בלעטער,
פליען אַוועק צוזאַמען מיטן גאָלדענעם האַרבסט
און פאַרשווינדן מיטן זון־פּאַרגיי,
אַנטקעגן דעם ברוקלין־מוזיי.

שוין זיינען די ביימער אין בלי,
נאָר שענער נאָך זיינען די פייגל אין פלי,
און שענער נאָך זיינען געמאָלט
די האַרבסט־בלעטער מיט קופּער און גאָלד,
וואָס פליען און שוועבן אינאיינעם מיט די פייגל אין ווינט,
אַנטקעגן דער זון וואָס פאַרשווינדט
צווישן ביימער און אַלייען־געדריי,
אַנטקעגן דעם ברוקלין־מוזיי.

צייט שפּאַנט רואיק איר וועג
איבער יאָרן און טעג — —
ביי די טירן פונעם ברוקלין־מוזיי
קומען צוגיין קינסטלער אַלערליי
זוכן די קינסטלערישע אומשטערבלעכקייט,—
זייער האַרץ־באַגער,

אומשטערבלעכקייט — אייביקייט !
דאַכט זיך, נאָר ווערטער צוויי ;
דאַכט זיך, נאַריש קלינגען זיי ;
דאָך, קומען אַהער די קינסטלער צום ברוקלין־מוזיי —
עס קומען קינסטלער מיט מיסיעס וויכטיקע,
עס קומען קינסטלער מיט חלומות ליכטיקע ;
און עס קומען קינסטלער שוין לאַנג פאַרגעסענע,
און עס קומען קינסטלער פון נויט צעפרעסענע ;
ווי האַרבסט־בלעטער צעשאָטענע,
ווי פייגל צעטראָטענע,
אַלע, אַלע קומען דאָ אין ריי,
אַהער, צום ברוקלין מוזיי.

דער ווינטער איז פאַרגאַנגען צוזאַמען מיטן שניי
און אויבן, איבערן ברוקלין־מוזיי,
פליען שוין יונגע פייגל, פרייע,
און טראָגן אויף די שפּיץ־פליגל זייערע,
צייכנס פון זוניקע צייטן נייע.
אונטן, אויף די צווייגן די נאַקעטע, דינע,
שפּראָצן שוין יונגינקע בלעטעלעך, ווי עמעראַלדן גרינע,
און אַ ים פון ליבע און וואַרעמקייט פילט אָן די לופט,
ווי פון יונגע בלומען דער זיסער דופט,
ווי דער פייגל־געזאַנג אין די פאַרטאָגן,
ווי יונגע מילדע ווינטעלעך, וואָס טראָגן
דעם יונגן פרילינג אַנטקעגן
איבער איסטערן פאַרקוויי׳ס אַלייען און וועגן,
מיט זון־שטראַלן און זון־אויפגיי,
אַנטקעגן דעם ברוקלין מוזיי. — —

ווילימסבורג „בעק־יאַרד־פאַרמערס״

פרילינג אין ווילימסבורג, די זון וואַרעמט די דערוואַכטע ערד.
אַ וואַרעמע פרייד נעמט אַרום יעדן הויף, יעדן הויז,
אַוועק איז דער ווינטער, די קעלט און די לאַסט.
די שכנים פון ווילימסבורג, סיי קליין און סיי גרויס,
קומען אַלע אַרויס באַגריסן דעם גאַסט.
דער גאָרטן אין „בעק־יאַרד״ שוין אומגעדולדיק וואַרט,
אַ ווינטער אַ לאַנגן געשטאַנען פאַרשעמט
און איצט, אינעם פרילינג, ווי אַ פאַרחלשט קינד, גאַרט
אויפן צאַרטן באַריר פון וואַרעמע הענט.

פון הינטער־הויפן קומען שכנים אין גאָרטן אַרויס
און שמועסן אַריבער פאַרקנס פון ברעטער און דראָט,
און חלומען פון אַ גאָרטן, דעם שענסטן אין שטאָט...
די ווייַנטרויבן־צווייַגעלעך זייַנען שוין געשניטן אַצינד,
מען נעמט שוין פון פייגנבוים פאַמעלעך די טיכער אַראָפּ,
ווי פון אַ פאַרוויקלט קינד.
אָט לויפן שוין שכנים אין קעלער אַרונטער,
אַלערליי פלאַנצן און זוימען זיי זוכן, געפינען:
זוימען פון בלומען, פון גרינסן, פון אוגערקעס און טאָמאַטן;
זריעה פון אַסטערס, מאָן־בלומען, פון מעריגאָלד און ציניען
און פלאַנצן פון דאַליעס פאַרן פריען פאַרזיי,
זוימען און וואָרצלען פון בלומען אַלערליי.

דער „בעק־יאַרד" פּאַרמער איז שוין גרייט מיט גראַבליע און רידל
צעגראָבן די ערד און פאַרקעמען זי פלאַך.
די רויז־צווייגעלעך קומען שוין אַרויס מיט יונגע שפּראָצן
פון גרין, געל, פיאָלעט און רויט;
די אירים, אָרעמאַנסקע־אָרכידן, זיינען שוין גרייט מיט פאַרבן אַ סך:
בלוי, ברוין, געל, פיאָלעט און פּורפּור;
די טיגער־ליליע מיט אירע פאַרבן פון אָראַנזש און גאָלד,
איז גרייט שוין מיט ווירדע צום בלי:
די יאַפּאָנישע לאַמטערנע, די פעפער־מינץ און כריזאַנטעמעס,
קוקן שוין מיט די אויגעלעך אַרויס פאַרפרי;
די פּעטוניע און דער „שניי־אויפן־באַרג" רייסן זיך ווי פון קלעם, —
וואונדערלעך איז די נאַטור, כישופדיק און רייך
און וואונדערלעך איז מענטש מיט דער בלום צוגלייך — —
דער גערטנער פאַרגלייכט דעם מענטשן צו אַ בלום,
ווי אַנדערש איז בלום פון מענטש, אַנדערש, פאַרקערט:
בלום הייבט־אָן לעבן ערשט
ווען מען באַגראָבט זי אין דער ערד...

דער „בעק־יאַרד" פאַרמער אַרבעט פלייסיק אין זיין פרייער צייט,
ער פלאַנצט און צערטלט יעדער בלימל איבערגעבן און געטריי.
באַלד וועט זיך דער גאָרטן צעבליען אין זיין גאַנצער פּראַכט,
די פאַרבן וועלן גליען ביז שפּעט אין דער נאַכט,
און דער גערטנער, דער „בעק־יאַרד־פּאַרמער",
וועט דאָרט שפּאַנען צווישן בלומען פיל,
ווי אַ פאַרליבט קינד אין זיין קינדער־שפּיל.

מיינע פענצטער

איך קוק אַרויס פון מיינע פענצטער—
איך זע קוימענס גרויע, ריזיקע פון זאַוואָדן און פאַבריקן;
איך זע קרומע ווענט, פאַררויכערטע,
אין פענצטער געדיכטע רויכן דריקן
און שטיקן אָן אויפהער ווי שווערע כמאַרעס ;
איך זע גראָזן, פלאַנצן געל־גרינע, צעטראָטענע,
מיט אַש און שטויב פאַרשאָטענע,
וואָס שפּאַרן און רייסן זיך עקשנות׳דיק דורך
צווישן די גרויע שטיינער פון טראָטואַרן צום הימל,
און וועלקן און שטאַרבן אין שימל.

איך זע קרומע ביימער מיט געלע בלעטער, פאַרוויאַנעטע,
וואָס שטייען פאַריתומטע און איינגעבויגענע,
ווי שטומע בעטלער ביי די ראָגן;
איך זע דעם ברעג פונעם איסט־ריווער
מיט זיין מוטנעם גרין־גרויען וואַסער זיך יאָגן;
איך זע שווערע שלעפּ־דאַמפּערס זיך ציען מידע;
איך זע באַרקעס, טאַנקען און פּאַסאַזשיר־שיפן
מיט שרייענדיקע פאָנען, פאַרשייטע;
איך זע: ברייטע האַפנס מיט פראַכט־שיפן גרייטע, באַנייטע,
געלאָדן־אויסגעלאָדן מיט סחורה
פון לענדער נאָענטע און ווייטע.

איך זע אַ טייל פון וויליאַמסבורג־בריק הענגען
אַנטקעגן איבער ברייטן און מעכטיקן איסט־ריווער,
איך זע פייגלעך, טויבן און ים־פייגל מיט לאַנגע פליגל, אַנטקעגן,

פלאַטערן הונגעריקע ביי די ברעגן.
איך זע אויך אַ שפּיץ פון מאַנהעטן ; הימלקראַצערס און מויערן,
געביידעס ריזיקע, פאַבריקן און זאַוואָדן פאַרבויטע,
ווי מאָנסטערס שוואַרצע מיט אויגן רויטע,
ביי די ברעגן הויערן. — —

אין מיין הינטער־הויף זע איך :
גערטנדלעך קליינע אין פאַרבן פאַרשיידענע
און מיין אייגענעם גאָרטן, דעם קליינעם און אָרעמען,
מיט פלאַנצן און בלומען באַשיידענע,
וואָס פירט אַ קאַמף אַ פאַרלאָרענעם
מיט שטויב און רויך, אַש און קויל צושפּרייענדיקער.
אָפּט זע איך אַ לאַמטערנע רויטע
הענגט אַרונטער פון צעצונדענעם הימל ;
פון דער זון, דער פאַרגייענדיקער.

אַז איך קוק אַרויס פון מיינע פענצטער זע איך אויך זעלטן,
דורך אַ גרויען נעפּל אין די וויליאַמסבורגער גאַסן,
אַ הימל מיט זוניקע פאַסן,
אַ צירוליען בלויען הימל אַזאַ קלאָרער, לויטערער,
און אַמאָל זע איך, נאָך אַ זומער־שטורעם,
זילבער־ווייסע וואָלקנס, זוניקע הענגען
אויפן ראַנד פון אַ רעגנבויגן, גירלאַנדענעם,
וואָס פאַרבלאָנדזשעט האָט אַהער אין וויליאַמסבורג —
ווי אַ גאַסט, אַ פרעמדער
און געקומען איז אַהער וואַנדערן
פון אַ לאַנד, אַן אַנדערן...

לידער פון ברוקלין־מוזיי

ווייסע כריזאַנטעמעס

די ביימער מיט די נאַקעטע צווייגן אַנטקעגן ברוקלין־מוזיי,
ווערן באַצירט מיט קלאָר־ווייסן שניי,
ווי זילבער־ווייסע כריזאַנטעמעס.
אויף דער לענג און ברייט פון איסטערן־פּאַרקוויי
וויקלט זיך פאַנאַנדער אַ לאַנגער, זילבער־ווייסער טעפּיך
און ווייסע טויבן פּלאַטערן אין ווייסן געדריי,
אַרום די רוימישע זיילן וואָס שטייען אין ריי
איבערן זילבער־ווייסן טעפּיך,
לייכט און געשווינד
דורך שניי און דורך ווינט.

י ו נ ג ע ר ש נ י י

קלאָר און צאַרט און זילבער־ווייס איז דער יונגער שניי
וואָס לייגט זיך אויף די סקולפּטור־פיגורן, אָרנאַמענטן און קופּאָלן
און אויף די קעפּ פון געטער, הייליקע און נביאים,
מלכים, פּאָעטן, פילאָזאָפן און אַפּאָסטאָלן,
וואָס רינגלען אַרום די ווענט פונעם ברוקלין־מוזיי:
משה, דוד, ישעיה, ירמיהו, יעזוס און מוכאַמעד;
סט.פּאול, קאָנפוציוס און בודאַ,
אַריסטאָטל, סאָפאָקלעס, סאָקראַטעס, ווירגיל און לאַ־אָ־טסע,

אַלע, אַלע שטייען זיי דאָ הויך אין אַ ריי,
ווי געטרייע שומרים אויף דער וואַך,
זיי באַגריסן די באַזוכער פון מוזיי,
יעדער איינער אויף זיין שטומער שפּראַך.

דער שטראָם צום מוזיי

אין די שאַפעס פון ברוקלין מוזיי
ליגן אוצרות אַלערליי:
אַנטיקן פון דער אייביקייט, קונסט־אוצרות אָן צאָל,
פונעם היינט, פונעם נעכטן און פון דעם אַמאָל,
דער עולם שטראָמט צום מוזיי דורך אַלערליי וועגן און בריקן—
זיבן טעג אַ וואָך, פון מאָרגן־פרי ביז שפּעט.
פון אויבן קוקט אַרונטער מיט שמייכלדיקע בליקן,
דוד, דער קעניג, מוזיקער און פּאָעט.
נאָר דער נביא ישעיה קוקט אַרונטער אין טיפן טרויער
פונעם זיילן־טויער אויף די מענטשן־קינדער,
וואָס שטראָמען צום מוזיי
דורך ווינט און דורך שניי.
דער ווייסער קאָפּ זיינער איז געבויגן
און ער קוקט מיט אומעטיקע אויגן.

וואָס טראַכסטו איצט?

וואָס טראַכסטו איצט נביא ישעיה?
טראַכסט אפשר פון דיין נבואה פון אייביקן פרידן,
וואָס איז נאָך אַלץ ניט מקוים געוואָרן?
אָדער צווייפלסט גאָר אינגאַנצן,—ס׳איז נאָך ווייט

צום אחרית־הימים, די נבואהדיקע צייט,
ווען ס׳וועט ניט זידן אין מענטשנס בלוט די נקמה
און פֿאָלק קעגן פֿאָלק וועט ניט פֿירן קיין מלחמה!
צי טראַכסטו, נביא, פֿון דער האַלבער נבואה דיינער,
וואָס איז שוין איצט מקוים געוואָרן:
ס׳איז שוין צעשמאָלצן געוואָרן די שווערד,
נאָר קיין אַקעראייזן האָט מען פֿון דעם ניט געמאַכט,
נאָר אַטאָמען־וואָפֿן, מיסלס, מאָנסטערישע, מאַוים׳דיקע,
וואָס קאָנען פֿאַרטיליקן די ערד!
און דו, ירמיהו, וואָס טראַכסטו פֿון דער היינטיקער וועלט?
און איר, סאָקראַטעס, אַריסטאָטל,
קאָנפֿוציוס, ווירגיל און לאַאָ־טסע,
וואָס האַלט איר אייער פּנים פֿאַרשטעלט?
נאָר בודאַ אַליין קוקט רואיק אַרונטער, זיין שטערן געקאַרבט,
אַ קלוגער שמייכל אויפֿן געזיכט,
קוקט ער אַרונטער אויפֿן צאַרטן, קלאָר־ווייסן שניי,
וואָס איז געבוירן און ער שטאַרבט
ביים שוועל פֿון מוזיי.

זיי שווייגן אַלע

געטער, הייליקע, אַפּאָסטאָלן,
פֿילאָזאָפֿן, נביאים, דענקער און פּאָעטן,
דאָ, אין אייער פּאַנטעאָן, אין אייער רואיק געצעלט,
זאָגט מיר און זינגט מיר אויס אייער נבואה
וועגן אונדזער קראַנקער און צעטומלטער וועלט:
וועלן טאַקע אַטאָמען־וואָפֿן און טייוולאָנישע מיסלס

ווי ווילדע אוראַגאַנען איבער אונזערע קעפּ ברומען?
אָדער, שלום אייביקער וועט אָנקומען? — —
נאָר עס שווייגן די געטער, הייליקע און אַפּאָסטאָלן,
עס שווייגן די פילאָזאָפן און די פּאָעטן שטומען!
און עס שווייגן די נביאים, די צוויי, — —
נאָר אויף ברוקלין־מוזיי, אויף דעכער און קופּאָלן,
פאַלט אַלץ דער שניי און באַדעקט די סקולפּטורן, געזאַלבטע,
די זיילן, אָרנאַמענטן און שטאַכעטן
און די געבויגענע קעפּ פון די געטער,
פילאָזאָפן, נביאים און פּאָעטן,
וואָס קוקן אַרונטער מיט וויי
ביים טויער פון ברוקלין־מוזיי. — —

מיין גאָרטן אין ברוקלין

מיין גאָרטן אין ברוקלין, שוין איינמאָל אַ גאָרטן !
צווישן דלות און גלות מיט פאַבריקן פאַרשטעלט ;
איי איז דאָס אַ גאָרטן ; דער זיבעטער וואונדער !
ווי אַן אַלטער בית־עולם פאַרוויאַנעט, פאַרגעלט.

מיין גאָרטן אין ברוקלין, די בלומען קוים בליען,
זעלטן דאָ פלאַנצן ווערן צייטיק, פאַרגרינט;
פון וויליאַמסבורג, בראָנזוויל און אַזש פון קאַנאַרסי,
קומען צוגאַסט דאָ די קעץ און די הינט...

מיין גאָרטן אין ברוקלין — צו אים איז קיין גלייכן —
אין שאָטן באַהאַלטן, אָן זונשיין־באַריר;
כ'האָב גערטנער געזען שוין, גערטנער די שענסטע,
נאָר ווי קומען זיי אַלע צום גאָרטן ביי מיר ?

מיין גאָרטן אין ברוקלין, די בלומען, יתומים,
די פלאַנצן און ביימלעך פאַרדאַרט און פאַרדרייט;
מוראַשקעס און ביטלס און ווערים ווי שלאַנגען,
און גיפטיקע שווערמלעך, וואָס כ'האָב גאָרניט פאַרזייט.

מיין גאָרטן אין ברוקלין, ווי תחית־המתים,
שטייט אויף אין פרילינג מיט זיין גאַנצן פאַרמאָג
און קעמפט קעגן אַש, קעגן גיפטיקע גאַזן,
קעגן רויך, קעגן שטויב, קעגן קוילן און „סמאָג".

מיין גאָרטן אין ברוקלין, אַ קעמפער אַ בראַווער,
כאָטש אָרעם און קליין און ווי אַ מפיל דערצו,
דאָך, מיין גאָרטן גיט האָפנונג, מיין גאָרטן גיט טרייסט,
מיין גאָרטן ער ברענגט מיר : סיי פרייד און סיי רו.

איבערן איסט־ריווער וואַכט דער קאַפּיטאַן

שיפן און פאָנען

איבערן איסט־ריווער שווימען שיפן פון דער גרויסער וועלט.
אין די האַפנס זיינען גיגאַנטישע שיפן פון ווייטע לענדער אָנגעשטעלט.
סטיוועדאָרן און מאַטראָסן אַרבעטן טאָג־און־נאַכט אין די האַפנס,
און אויסגעלאָדענע שיפן וואַרטן דאָ, ביים האַפן־ברעג.
שיפן היגע, שיפן פון נאָענט און שיפן פון ווייטן וועג.
שיפן פון שטעט און לענדער אַלערליי
שטייען דאָ און וואַרטן אין דער ריי;
שיפן, טונקעלע און גרויע, שיפן פאַרביקע, באַצירטע,
אויף זייערע מאַסטן פלאַטערן אַלערליי פאָנען קאָלירטע.
פאָנען פלאַטערן צווישן זון און רויך,
און איבער פאָנען און שיפן, די אָנגעלאָדענע, גרייטע,
פלאַטערן ווייסע ים־פייגל מיט פליגל אויסגעשפּרייטע;
איבער די ים־פייגל פליען עראָפּלאַנען אין די הימלען הויך
און איבער בריקן, ריזיקע פאַרלייגטע, אָמניבוסן ציען,
פראַכט־אויטאָס, אויטאָמאָביל און באַן,
און אונטן, אין די וואַסערן פון איסט־ריווער
רואיק פירט זיין שיף דער קאַפּיטאַן.

איסט־ריווער טראַפיק

אַלע שיפן ציען צום האַפן אויפן ברייטן שליאַך,
כאָטש מיד איז שוין דער קאַפּיטאַן, און מידער נאָך די וואַך!

די שיף מוז אָנקומען אין צייט כאָטש האַפן איז נאָך ווייט.
פון ווייטן הערט מען שוין דאָס טעמפּע קלינגען
פונעם וואַסער־גלאָק, אומעטיק און לאַנג, —
ער וואָרנט אַלע שיפן מיט זיין מאָנאָטאָנעם קלאַנג.
און פּלוצים קומען שיפן אָן מיט פייף און געברום,
דער איסט־ריווער ווערט באַלד פול מיט שיפן גרויס און קליין,
נאָר ווייטער קאָנען זיי ניט גיין, אַ טראַפיק גאָר אַ ווילדער,
א פייפן, ליאַרעמען, געשריי, אַ טומל און געפּילדער.
פּראָזשעקטאָרן פּראַלן, ליכט־סיגנאַלן פאַלן אויף האַפן און שיפן,
און איבער שיפן שרייען ים־פייגל, הונגעריק אין דער נאַכט,
נאָר אויף זיין פּאָסטן שטייט דער קאַפּיטאַן
רואיק שטיל און וואַכט.

אין פאַלדן פון דער נאַכט

איבערן איסט־ריווער שווימען שיפן טאָג־און־נאַכט,
פּאַסאַזשיר־שיפן און שיפן אָנגעלאָדענע מיט פראַכט.
יאַכט־שיפן אויסגעפּוצטע, נייע און זעגל־שיפן שטאָלצע, שטילע,
גייען לאַנגזאַם פאַרביי די האַפנס פילע,
נאָר אינעם שווערן נעפּל און מיטן שטורעם־אָנקום
הערט מען גלאָקן קלינגען, הערט מען שיף־געברום,
הערט מען נעפּל־האָרן שאַלן, הערט מען אַלערליי סיגנאַלן,
איבער דער לענג און ברייט פונעם וואַסער פראָנט.
פייערלעך רויטע, גרינע און געלע
צינדן זיך און לעשן זיך אין די פאַלדן פון דער נאַכט.
נאָר אויבן, אויפן וואַכטורעם פון דער שיף,
קוקט דער קאַפּיטאַן מיטן ווייטן ליכט־פאַנאַר
און היט די שיף פון יעטווידער געפאַר.

דער קאַפּיטאַן מוז דאָ אַלעמאָל זיין אויף דער וואַך —
ער פּירט זיין שיף צום האַפן זיכער און געשווינד,
דורך שטורעם, נעפּל, דורך נאַכט און דורך ווינט.

בריקן איבערן איסט־ריווער

איבערן איסט־ריווער זיינען גיגאַנטישע בריקן פאַרלייגט
און אונטן שטייען מויערן מיט טורעמדיקע טויערן צעלייגט ;
פייער־פונקען צינדן זיך, לעשן זיך און טונקען.
דאָרט ביים „נעיווי־יאַרד" אין רייען אויסגעשפּרייט,
שטייען קריגס־שיפן פאַראַנקערט און גרייט.
די סאַמע גרעסטע שיפן מיט די שווערסטע לאַסטן,
גייען פריי אַדורך די טויערן פון בריק,
מיט די שטאָלצע און הויכע מאַסטן.
שלעפּ־שיפן אַלערליי און טאַנקען ריזיקע פול מיט נאַפט און אויל,
שטראָמען שורות־לאַנג אינעם ווייטן גאַנג.
עס פּירט זיין שיף דער קאַפּיטאַן
דורך טאָג און נאַכט, דורך שטורעם און טומאַן,
באַגלייט מיט ים־פייגל צוגלייך
איבער דעם איסט־ריווער,
דעם אייביק־פליסנדיקן טייך. — —

לידער פון
קאני־
איילאנד

אַז איך פאָר מיט דער סאָבוויי קיין קאָני־איילאַנד,
און קוק אַרויס פון דאָרט דורך שטויביקע שויבן,
זע איך אַ בית־עולם ווי איבערגעשניטן;
אויבן פליען אַרום שניי־ווייסע טויבן,
אונטן — שוואַרצע מצבות שטייען אין מיטן.

אַז איך פאָר מיט דער סאָבוויי קיין קאָני־איילאַנד,
זע איך גערטנער און סעדער צעשפּרייטע;
גערטנער און סעדער ביים אינדזל ווי קומען?
גערטנער מיט גרינסן און בלומען פּאַרזייטע?
איך קוק און באַוואונדער די גרינסן און בלומען.

אַז איך פאָר מיט דער סאָבוויי קיין קאָני־איילאַנד,
הער איך דעם טומל וואָס טראָגט זיך פון ווייטן
פון שפּיל־פּלעצער, „ציקלאָנען" און קאַרוזעלן,
גרילצנדיקע קולות און געעלעכטער פאַרשייטן,
וואָס רייסן אַרויס זיך פון „ליבע־טונעלן".

אַז איך פאָר מיט דער סאָבוויי קיין קאָני־איילאַנד
שפּאַן איך אַרום דאָרט אויף זוניקע ברעגן,
איך הער ווי די כוואַליעס דאָרט רוישן אין נידער,
איך שפּרייט מיינע הענט אויס צום ים אַנטקעגן,
און טו אים באַגריסן ווי אַ וואַנדערער מידער.

אַ שטורעם איבער קאָני אײלאַנד

פֿאַרטאָג האָט אַ ווילדער שטורעם זיך אַ יאָג געטאָן
איבער דעם וואונדערלעכן. קאָני־אײלאַנד.
דער שטורעם האָט זיך האַסטיק צעטראָגן איבער די עוועניוס
און די גאַסן און זיך אַרײנגעריסן אין פֿאַרביק־בלענדיקן קאַרוזעל
מיט די צאַצקעדיק געמאַליעוועטע פֿערדלעך,
וואָס זײנען דאָ אײנגעקאָוועטע געהאַנגען
אויף רערן פֿון שטאָל־און־אײזן,
ווי אין קײטן געשמידט אויף די הויכע שטאַנגען
און זיך הילפֿלאָז געדרײט ווי פֿאַרווירטע
אין מאָנאָטאָנע קרײַזן. —

דער שטורעם האָט אַרײנגעכאַפּט די פֿערדלעך פֿון קאַרוזעל,
די פֿערדלעך שוין לאַנג מיד פֿון אײביקן געראַנגל,
פֿונעם שווערן זעלביקן, מאָנאָטאָנעם געדרײ,
פֿון רײטער און רײטערקעס אַלערלײ,
וואָס דרײען זיך אָן־אויפֿהער אויפֿן קאַרוזעל דעם הויכן
און קאָנען קײנמאָל אין ערגעץ ניט דערגרײכן!
די פֿערדלעך זײנען מיד געוואָרן פֿון זיך דרײען אָן אַ ציל—
(פֿערדלעך האָבן אויך אַ האַרץ און געפֿיל);

און זיי האָבן צעשמעטערט דעם פאַרבן־בלענדיקן קאַרוזעל
און צעריסן אַלע לייצעס, די צוימען, די דראָטן
און די אייזנס צעבויגן און צעטראָטן
און זיך באַפרייט פון די שטאָל־געפלאָכטענע שטאַנגען
אויף וועלכע זיי זיינען הילפלאָז געהאנגען. — —

איבער קאָני־איילאַנדער שפּיל־פּלעצער, טורעמס און טעראַסן,
איבער סוירף און נעפּטון עוועניוס און גאַסן,
זיינען די באַפרייטע פערדלעך ווילד געלאָפן,
ווי אויפגעוואַכטע פון אַ לאַנגן און שווערן שלאָפן — —
און ס׳האָבן זיך צעטראָגן איבער קאָני־איילאַנד קלאַנגען
פון צעבראָכענע אייזנס און פאַלנדיקע שטאַנגען
און צעטראָגן האָט זיך מיטן ווינט אַ געבראַזגעריי
און אויסגעמישט זיך מיט דער באַפרייטער פערד־הירזשעריי.
וואָס קאָני־איילאַנד האָט פריער קיינמאָל ניט געהערט—
ס׳האָבן פלוצים רעוואָלטירט פון קאַרוזעל די פערד! — —

אויף די ברעטער פונעם לאַנגן באָרדוואָק איבער קאָני־איילאַנד,
פונעם רייכן סיגעיט ביזן שטאָלצן ברייטאָן,
און אויף די ברייטע, גאָלד־זאַמדיקע וואַסער־ברעגן,
וואו די זילבער־כוואַליעס שפּילן זיך מיט דער מאָרגנזון אַנטקעגן,
לויפן אום־און־אַרום, גאַלאָפּירן פאַרביקע פערדלעך טראָציק פאַרשייט,
פערדלעך שווימען אום אויף ווייסע זילבער־כוואַליעס
אַרום די ים־ברעגן באַפרייט.
זייערע גריווזעס און זייערע עקן גלאַנצן
און ווי צירק־פערדלעך שפּרינגען זיי און טאַנצן
אין אַ ריטמיש־רעגנבויגנדיקן פאַרבן־ראָד,
אין אַ פאַרכישופטן קאַראָהאָד. — —

איינגעשטילט האָט זיך דער קאָני־איילאַנדער שטורעם
אויפן באָרדוואָק, אויף די עוועניוס און גאַסן;
אויפן בלויען הימל צינדן זיך שוין פייערדיקע פּאַסן.
נאָר פאַרזונקען זענען נאָך די פערדלעך
אין אַ מידן, זיסן דרימל,
כאָטש די זון קוקט שוין אַראָפּ שטראַלנדיק פון הימל.
אויפגעוואַכט פון שלאָף האָט קאָני־איילאַנד שוין פון שעה׳ן לאַנג—
און דער ים רוישט און ברויזט מיט זיין אייביקן געזאַנג,

און די זילבער־כוואַליעס, פריי און זוניק,
טאַנצן־אום צום ריטם און צום טאַקט געטריי,—
ליב און טייער איז דאָס ליד
פון אייביק פריי! — —

ד ע ר   י ם

וואונדערלעך מעכטיק ביזטו ים און ריזיק גרויס!
דו וויגסט די שטורעמדיקסטע כוואַליעס רואיק איין,
דו שיקסט מיט זילבער־שוים זיי ווילד צום ברעג אַרויס,
און זאַמלסט זיי צוריק אין שוים אַריין.

גיגאַנטיש ביזטו ים, ביזט אָפּגרונט־טיף און רייך;
באַצירסט די כוואַליעס דיינע מיט לבנה־שיין,
דו שלינגסט וואולקאַנען איין אַזוי ווי שיפן גלייך,
דו רוישסט און שטורעמסט, דו וואַרפסט זיך ווי אין פּיין.

ניט איינמאָל האָב איך, ים, דיין שטאַרקע מאַכט געפילט,
אין שטורמווינט געוועזן בין איך — אַ פּאַסאַזשיר,
אַן אוראַגאַן האָסטו דאַן ווי אַ קינד פאַרשטילט,—
איך האָב דעם טויט געהערט דאַן קלאַפּן אין מיין טיר.

אייביק ביזטו ים — די אייביקייט אַליין!
פאַנטאַסטיש ביזטו ים, און שיין ביזטו — אַ פּראַכט!
און כאָטש אַנטקעגן דיר בין איך אַ מילב בלויז קליין,
דאָך, מיין האַרץ, ווי דיינס, שטורעמט טאָג און נאַכט.

דער וואונדער־ראָד

דער וואונדער־ראָד אין קאָני־אײלאַנד דרייט זיך לאַנגזאַם און רואיק,
ביי די גאָלדיקע ים־ברעגן, דעם ים אַנטקעגן.
אויף קייטן און שטאַנגען וויגן זיך פאַרביקע קאַיוטעס, ווי פייגל־שטייגן
פאַרהאַנגען,
וויגן זיך אין זיגזאַגיקן ריטם ווי פאַרביקע שיפלעך אויף כוואַליעס
אַרום;
נאָר פון די פאַרמאַכטע קאַיוטעס רייסן זיך אָפּטמאָל
געשרייען אַרויס צום ים, געשרייען פאַרשטיקטע, פאַרשיכורטע,
פריידיקע און בלייבן שטום.— —
פון סי־געיט ביז ברייטאָן ציט זיך דער באָרדוואָק פאַרביי דעם ים
ווי אַ טעפּיך א ברייטער, אַן אויסגעשפּרייטער;
און פון ברייטאָן ביז סי־געיט ציען זיך אַלערליי באָד־הייזער,
שענקען, „געמבלינג־הייזער" און רעסטאָראַנען,
מיט „זינגענדיקע־וויטערס", „בינגאָ" און „פּאָוקער"־זאַלן,
„פּעני־אַרקאַדעס", שים־גאַלעריען און באַלאַגאַנען.
קאָני־אײלאַנד, אינדזל פון פאַרגעניגן־זוכער פון גאָרער וועלט!
אינדזל פון משוגענעם געווירבל, פון בראַזגעדיקן דזשאַז,
פון טומל און פאַרטומל! פון צעשטרייאונג און פאַרגעסונג,
פון הולטייען, פון אַבענטייער און פון שטיפעריען!
אינדזל פון ליכטער, מיליאָסן, אויף עוועניוס און גאַסן.
אינדזל פון מינוטיקער פרייד און מאָמענטיקן גליק,
פון גאַליקן געלעכטער און ביליקער מוזיק!

ווי ביים בבל־טורעם מישן זיך דאָ אויס
אין דער לופטן אַלערליי מענטשן און שפּראַכן,
נאָר דער טייוול ביים „פּאָני־הויז" לאַכט, הערט ניט אויף צו לאַכן!
מיט שרייאיקע שילדן, פּאַרהאַנגען, נעאָן־ליכט אין טאַנץ־געדריי,
רופן די אַמוזיר־פּלעצער אויס די וואונדער זייערע
מיט מיסטישע סעאַנסן אַלערליי;
פון איין זייט רופן גרילצנדיקע קולות פון מיקראָפאָנען,
וואָס זאָגן אייך־צו „טרילס" אין די מיליאָנען,
מיט טומל, מוזיק און גאַנצן טאַראַראַם;
פון דער אַנדער זייט רופט אייך רואיק דער ים.

דער וואונדער־ראָד רופט אייך מאַיעסטעטיש און געלאַסן,
אין די פארהאַנגענע קאַיוטעס וואָס דרייען זיך אויף שטאָלענע פּאַסן,
וואָס גליטשן זיך זיג־זאַגיק אויף זילבערנע זעגן,
וואו עס שפּיגלט זיך די זון און דער ים אַנטקעגן.
שווייסיקע לייבער, פאַרברוינטע פון זוניקן פלאַם,
לייבער, וואָס קייקלען זיך אין גאָלדענעם זאַמד
און לייבער, וואָס טאַנצן אויף די כוואַליעס פון ים.
העלע לייבער, טונקלע לייבער, לייבער אָן אַ שיעור!
אין פאַרביקע באָד־קאָסטיומען, אין רעשיקע,
גייען און פלירטעווען יונגע דאַמען אויף שפּאַציר...
דאַמען מיט שלאַנקע פיגורן ווי סטאַטועס פון בראָנדז־געגאָסענע
און מיט ים־ווינט אין די האָר, ווי ים־כוואַליעס צעפּלאָסענע.
מיט זאַמד־הויפנס ווי גאָלד־צעשאָטענע שפּילן זיך מאַן, פרוי, קינד,
אין אַלערליי שפּילערייען, און נאַסן זאַמד, ווי גאָלד צעטראָטענער,
בויען זיי האַפנס, טורעמס און פּאַלאַצן.
נאָר דער ים פאַרשווענקט זייערע זאַמדיקע קרעאַצן איינס־און־צוויי!
זייערע קולות און דער געלעכטער,
צעטראָגן זיך צו די לייב־וועכטער,
די בראַווע, צו די שווימער די וואַגנדיקע פאַרשייטע,
און צו די שיפן און זעגלען ווייטע.

פון אַקוואַריום־צאַם רייסן זיך פאַרצווייפלטע געשרייען צום ים,
געשרייען פון ים־לייבן פאַרבענקטע, געפאַנגענע.
נאָר דער וואונדער־ראָד פלאַטערט ווי אַ ווינט־מיל אַ דרייענדיקע,
אַנטקעגן דער זון, דער פאַרגייענדיקער,
נאָר פון די סודותדיקע קאַיוטעס רייסן זיך געשרייען פריידיקע
און מישן זיך אוים מיט די היסטערישע גוואַלדן
וואָס קומען פון דעם „לופ־דע־לופ" און „ציקלאָן"
און מישן זיך אוים מיט די קוויטשערייען וואָס רייסן זיך
פון „באַבסלעד", פון „טאָרנאַדאָ", פון „דראַגאָן",
„אַסטראָלאַנד", שווייצאַרישע־הימל־רייזע
און מיט ווילדע קולות פון „עקספלאָרער" און „ווירדזשיניאַ־ווהיל".
און די משוגענע קוויטשערייען פון „גיראָ־גלאָב" און „הוריקאַן",
אינעם ווילדן, משוגענעם שפּיל. — —

די עקסטאַז־געשרייען פון די „פּאַראַשוט"־שפּרינגער אַרונטער,
צעטראָגן זיך ווייט אין אַרום פריילעך און מונטער.
זיי מישן זיך מיט די ווילדע קולות וואָס טראָגן זיך
פון „סטיפּל־טשעיס" לאַבירינטן און פון רייטערס
אויף פערדלעך, טונקעלע,
וואָס יאָגן זיך מיט די „האַט־ראַדס" ווי די ווינטן
און צעטראָגן זיך מיט דער קינדערשער פרייד און געלעכטער
פונעם קאַרוסעל, וואָס דרייט זיך מיט די פאַרביקע פערדלעך
אין אַ פאַרכישופטן קרייז, אַ געפאַנגענעם,
ווי אַ רעגנבויגן אַן אויפגעהאַנגענעם.
די אַלע קולות, געלעכטערס און פריידיקע געשרייען,
מישן זיך אוים מיט די פאַרשטיקטע ווייען
וואָס טראָגן זיך פון די טונקעלע שוועלן
פון די ליבע־טונעלן. — —

אויבן דרייט זיך דער וואונדער־ראַד ווי אַ קאָשמאַר פון פלאַמען,
און אונטן, אין ים, דרייען זיך כוואַליעס אויף די שטיינערנע צאַמען,
אינדערמיט, אויפן באָרדוואָק, גייען מענער, פרויען און קינדער
אין רייען,
אויף די בענק זיצן געטוליעטע פאָרלעך, יונגע און אַלטע,
און שפילן אין ליבע אַנטקעגן זון־פאַסן צעשטראַלטע,
און אויף שטרוי־וועגעלעך פירן מענער אַלטע,
ווי פאַרשטעלטע קולים אומעטום;
מאַטראָסן האַלב־שיכורע איבערן באָרדוואָק אַרום.
און אונטערן באָרדוואָק צינדן זיך און לעשן זיך פייערלעך
הינטער זיילן מיט זאַמד פאַרשאָטענע,
וואו עס שפילן זיך־אָפּ ליבע־סצענעס, פאַרבאָטענע.
נאָר דער ים רוישט איצט בייז און שליידערט ווייסע קעפּ ווי שניי.
פון סטילוועל עוועניו רופט אַ מידער דער וואַקס־מוזיי:
וואַקס־פיגורן אין אַריינגאַנג אין פענצטער־שוי דערציילן
פון טראַגישע ליבעס, פון קינדער־מוטערס און מאָרדן גרויליקע!
פון זינד, פאַרברעכן, פאַרגוואַלדיקונג און מערדער יוגנטלעכע!
אַרום וואַקס־מוזיי איז אַ גרויסע מהומה,
מען לויפט אַהער זען די וואַקס־גולמס, די שטומע.

די „גייסטער־הייזער" און די „פאָני־הייזער" הייזעריק שרייען.
פון סוירף עוועניו רופן באַלאַגאַנען מיט אַלערליי באַרימערייען,
אויבן הענגען שילדן פון אַלערליי דעביוטן;
אַלערליי פאַרזעענישן, חיות און לאַפּיטוטן:
אַ זיבן־הונדערט־פונטיקע פרוי פאַרהייראַט צו אַ זיבעציק פונטיקן מאַן,
האַלב־מאַן און האַלב־פרוי: העלפט־מענטש און העלפט חיה:
האַלב־פרוי און האַלב־שלאַנג...
גיגאַנטן, און ליליפוטן, ווי אַ „טוטפיק" לאַנג...
זינגערינס און טענצערינס, האַלב־נאַקעטע, מולאַטישע,

זינגען לידלעך צעקוואַקטע, פֿאַרשייטע, עראָטישע,
און טאַנצן „הולאַ־הולאַ" און „בויך־טענץ" תאווה־דיקע, עקזאָטישע,
צו די קלאַנגען פֿון אַקאָרדיאָן, פּייקל און גיטאַרן,
און צום וואולגאַרן רופֿן פֿון די „באַרקערס",
קאָמעדיאַנטן, פּאָקוסניקעס, פּאַיאַצן און נאַרן.

דער וואונדער־ראָד דרייט זיך ווי אַ וועלט אַ מאַגישע,
אינאיינעם מיט די קאַיוטעס וואָס וויגן זיך זיגזאַגישע,
נאָר דער קליינער יאַפּאָנעזער פּאַרקויפֿט נאָך אַלץ
קווייטלעך האַראָסקאָפּישע און זיין „טראָפּיאָ"־וואונדער־פֿויגל
„רעדט" און ברענגט אַרויס פֿון גאָלדענעם מעטשעט, קווייטלעך
פֿאַרוויקלטע, מזלדיקע, אין זיין שנאָבל דעם טראָפּישן.
אין זייטיקע גאַסן, וואָס פֿירן צו טונקעלע פֿענצטער און טירן,
מיט מזלות, מיסטישע און סימבאָלן און שלייערן פֿאַרהאָנגענע,
רופֿן ציגיינערטעס האַלב־פֿאַרשלאָפֿענע אין ברייט־פֿאַרביקע־קליידער
און אָפֿענע ברוסטן, באַהאַנגען מיט ביליקע צירונג, פּערל, סאַפּירן,
מיט גאָלד און זילבער, האַלדז־בענדער און ברוסלעטן, רופֿן זיי
סודותדיק: „בראָדער", אייער מזל פֿאַר אַ „קוואָדער"!
און פֿון טיי־הייזער טונקל־באַלויכטענע, ביי טישלעך קליינע
מיט פֿאַרביקע ליכטער, רופֿן „טרעפֿערינס" פֿאַרשלייערטע,
לייענען אַרויס אייער מזל פֿון טיי־בלעטלעך פֿאַרנעפּלטע;
פֿון „פּאָקער" און „בינגאָ"־הייזער רופֿן קולות מיקראָפֿאָנישע,
דאָרט זיצן מענער און פֿרויען נערוועזע, ווי אָטאָמאַטן
וואַרפֿן זיי שוואַרצע פּילקעס צוזאַמען מיט זייער געלט,
הינטער אַ דיקן גלאָז, אַ מאַטן.

פֿון רעסטאָראַנען, ביר־הייזער, רופֿן זינגענדיקע „וועיטערס־אַמאַטאָרן"
מיט הייזעריקע שטימען, נעבעכדיקע טאַלאַנטן פֿאַרלאָרן,
און סילועטן־קינסטלער, קופּער־קינסטלער און מאָלער רופֿן:

אייער פּאָרטרעט מאַכן פּאַר אַ נישטיקער סומע,
און שוואַרץ־קינסטלער רופן און היפּנאָטיקער און פּאַיאַצן רופן—
דער טומל און דער געפּילדער וואַקסן אַלץ ווילדער,
עס קאָכט און עס ברויזט ביז די העכסטע שטופן,
דרייט זיך און מישט זיך ווי אַ וואַקכאַנאַלן־טאַנץ פון געשלעכטער,
דער „טייוול" ביים „פּאָני־הויז" לאַכט מיט סאַטאַנישן געלעכטער!
אין דער לופט הענגט אַ זים־זויערער ריח פון וואורשטלעך,
„פּיצאַ־פּאַים", ביר און קנישעס און מישט זיך אויס
מיט די דערפרישנדיקע ווינטלעך, וואָס קומען פון ים.
דאָרט ביים האָריזאָנט פאַרגייט די זון אין בלוטיקן פלאַם.
די „גאָלד־זוכער" מיט זייערע דראָט־וועגעלעך „קעמען" שוין
דעם זאַמד און זוכן דאָרט „אוצרות" פאַרלאָרענע,
דער עולם שוויבלט און גריבלט אויפן אינדזל פון לוסט.
פון באַלויכטענע שיפן אין ים פּלאַצן אַרויס פייערווערק אַלערליי
מיט אַ דונערן און קראַכן;
נאָר דער „טייוול" ביים „פּאָני־הויז" הערט ניט אויף צו לאַכן!
און אַלץ אַרום דרייט זיך און פאַרגייט ווי אַ וויכער,
אין אַ ווילדן, משוגענעם טאַנץ,
נאָר דער וואונדער־ראָד דרייט זיך רואיק און זיכער,
ווי אַ פאַרכישופטע וועלט אין אַ מיסטישן גלאַנץ,
אין די הימלישע ספערן,
צווישן פינקלדיקע שטערן. — —

„גאַמברעי"
(GAMBRAY)

לעבן קאָני־איילאַנד איז אַ בריק פאַראַן,
אַ בריק אַזאַ מאָדנע, ניט ברייט און ניט שמאָל,
ניט קורץ און ניט לאַנג, איז די ברייט פון אַ שפאַן,
נאָר געבויט איז די בריק פון אייזן און שטאָל.

עס שניידן די באַנען דאָרט איבער דער בריק
און האַלטן די בריק דאָרטן אַלעמאָל וואַך;
עס יאָגן די באַנען אַהין־און־צוריק,
מיט קלאַפּן און בראַזגן, מיט טומל און קראַך.

גלייך אונטער דער בריק לויפט אַ גרינער קאַנאַל,
עס ליגט דאָרט אַ שלעפּ־שיף פאַרזונקען גאָר טיף,
אין שימל אין גרינעם פאַרזונקען ברוטאַל.
נאָר דעם נאָמען „גאַמברעי" זעט מען קלאָר אויף דער שיף.

די שיף איז פאַרלאָזן פון מאַנשאַפט שוין לאַנג,
זי ליגט דאָרט ביים בריק שוין פיל יאָרן אַזוי
אין וואַסער אין גרינעם, אין שימל־געפּאַנג,
זי ליגט דאָרט פאַרזונקען די שלעפּ־שיף „גאַמברעי".

דער טורעם פון אויבן וואו מאַנשאַפט האַלט וואַך,
צעפוילט איז, צעבראָכן, דער קוימען צודריקט;
די ווענט האַלב צעפאַלן, צעלעכערט דער דאַך;
די שלעפּ־שיף, אַ חורבה, ביים בריק דאָרטן ליגט.

עס לויפֿן די באַנען בייטאָג און ביינאַכט,
אַריבער דער בריק דאָרט אַהער־און־אַהין,
נאָר דער טורעם פֿון שיף איז שוין מער ניט באַוואַכט
און "גאַמברעי" זינקט אַלץ טיפֿער אין שימל פֿון גרין.

נאָר ווען באַנען ניט לויפֿן און שטיל ווערט און שטום,
דאַן דאַכט זיך, נאָך הילף רופֿט די שלעפּ־שיף „גאַמברעי",
און אַ שטילקייט אַ טויטע צעשפּרייט זיך אַרום,
מען הערט נאָר דעם ים־פֿויגלס ווילדן געשריי.

בודאַ אין קאָני־אײַלאַנד

דער טונקעלער מאַן פון מזרח־אינדיע
וועט דיר דערציילן די סודות פון דיין לעבן.
צו וועמען דען זאָל ער זיך ווענדן מיט זיין לערע?
דער מיסטעריעזער מאַן פון וויטן מזרח וועט פאַרענטפערן
די פראַגן וואָס שטערן דיין רו. —
די שאַרפסטע שווערד וועט ניט אויסשניידן די וואונד
וואָס מאַטערט דיין האַרץ, ווייל דער סודותדיקער מאַן
פון מזרח־אינדיע, ווייסט אַלץ, זעט אַלץ
און דערציילט אַלץ מיט גרויס „טאַלענט",
פאַרן נישטיקן פרייז פון צען סענט.

דער טונקעלער מאַן פונעם וויטן מזרח
מיט זיין אַסקעטיש פנים, ווי ער, בודאַ אַליין,
קוקט אַרויס פאַרטראַכט פון זיין גאָלדערנעם טורבאַן,
מיט זיינע אומעטיקע אויגן אין דער ווייט פונעם ים,
פון אַ פרעמדער וועלט פול מיט פיין.
דער שוואַרצער פאָרהאַנג הינטער אים
ברענגט נאָך שאַרפער אַרויס זיין שטאָלצע פיגור.
מיט גאָלדענע אָרנאַמענטן און סימבאָלישע צייכנס
פון וויטן אָריענט איז באַצייכנט זיין קליינער געצעלט.
אויף זיין טישל אַנטקעגן דער זון שפּיגלט זיך
זיין קרישטאָלענער באַל. —
קומט אַהער, מענטשן, אויף צאַרט־ווייס פּאַפּיר

װעלן אומזעבאַרע הענט אױפֿשרײַבן אַן ענטפֿער
צו אײַער געבעט און אײַך ברענגען טרײסט
אין אײן מאָמענט,
פֿאַרן נישטיקן פּרײַז פֿון צען סענט.

פֿון בודאַס מױל צעגײט זיך אַ װײרױך, דין װי זײד,
מישט זיך אױס מיט ריחות פֿון פֿראַנקפֿורטער און קלעמס.
נאָר דער טונקעלער מאַן, אַזױ װי בודאַ אַלײן,
קוקט שטאַר אין דער װײַט צום ים־האָריזאָנט.—
װי קומט ער אַהער דאָ, אין קאָני־אײלאַנדער מאַרק?
װער האָט דאָ פֿאַרנאַרט אים פֿאַר אַ קלײן ביסל געלט,
צו זײַן אַ פֿאַקיר פֿאַר דער װעלט?

דער געדאַנק בלאָנדזשעט אום װי דער װינט,
די שטילע רו טאַנצט אום אױף אַ שױמיקער װאַל
און צערינט מיט דעם ברױז און דעם רױש פֿונעם ים.
װאו ביזטו, רו, פֿון װײַטן מזרח־לאַנד, אינדיע?—
אין זײַן פֿורפֿערנער קלײד זעט ער אױס װי אַ „שוט",
מיט דער גאָלדענער רוט,
אין דערמיט פֿון קאָני־אײלאַנדער דזשאַז.
די „בוסטערס" שרײַען מיט גרילצנדיקן רוף
אױפֿן קאָני־אײלאַנדער מאַרק,
זײ לױפֿן װי פֿאַרװירטע אין דער לענג און דער ברײט,
פֿון קלײט צו קלײט.

אױף פֿעדעסטאַלן פֿאַרביקע, אין פּראָנט פֿון באַלאַגאַן,
װײַזן שװאַרץ־קינסטלער קונצן אַלערלײ,
און אונטער גרילצנדיקע קלאַנגען פֿון סאַקסאָפֿאָן און פּױק
און װילדן עקזאָטישן געשרײ,

טאַנצן האַלב־נאַקעטע מולאַטינס עראָטישע טענץ:
קומט אַריין, קומט אַריין, היינט איז האַלב־פּרייז!
נאָר די ווייטע, אומעטיקע קלאַנגען פונעם קאַרוזעל,
מישן זיך אוים מיט דער בעטנדיקער שטים
פונעם טונקעלן מאַן פונעם אָריענט:
קומט אַהער אַלע, וועל איך דערציילן סודות,
ענטפערן פראַגן, אַנטפּלעקן אייער צוקונפט
ברענגען אייך טרייסט
פאַרן נישטיקן פּרייז פון צען סענט. — —

דער ים איז אייביק

ים, וואָס קאָנסטו מיר דערציילן
פון דיינע טעג־און־נעכט אומרואיקע,
פון דיינע כוואַליעס, די טורעמדיקע,
און פון דיינע וואַסערן, די שטורעמדיקע,
וואָס קאָנסטו מיר, ים, דערציילן?

רווישיק ביזטו, ים, און גיגאַנטיש,
דיינע כוואַליעס פאַרשלינגען די ברעגן:
דו שפּילסט זיך מיט לבנה־ליכט און זונענשטראַלן,
דו שפּילסט זיך מיט שטורעם־ווינטן און הוראַגאַנען
און שפּילסט זיך מיט שיפן, הילפלאָזע, גרויזאַם און לאַנג,
אויף זייער לעצטן גאַנג.

ים, וואָס קאָנסטו מיר דערציילן
פון די אייזבערג טיטאַנישע און פון די קאַמפן העראָאישע,
פון די שיפן פאַרזונקענע און פון לעבנס־אויסגעלאָשענע,
און פון די שטעט פאַרטרונקענע,
וואָס קאָנסטו מיר, ים, דערציילן?

אין דיינע אָפּגרונטן ליגן אוצרות אומשאַצבאַרע,
אין דיינע טיפן רוען סודות פאַרבאָרגענע,
און אין דיין אינגעווייד שרייען אַגאָניעס, דערוואָרגענע,
נאָר אויף דיינע כוואַליעס וויגט זיך רואיק די צייט,
און אין דיינע סאַמע טיפן
רוט די אייביקייט.

ים, וואָס קאָנסטו מיר דערציילן
פון די פישערלייט די העלדישע, פון קאַפּיטאַנען בראַווע
און מאַטראָסן מוטיקע,
פון פּיראַטן גרויזאַמע און מלחמות בלוטיקע,
פון דיינע זעלטענע פיש און עקזאָטישע פלאַנצן,
וואָס קאָנסטו מיר, ים, דערציילן?
וואונדערלעך ביזטו ים און פּרעכטיק
און גרויזאַם ביסטו און מעכטיק —
אין דיינע שטורעמדיקע וואַסער־געוועבן
שפּיגלט זיך אָפּ
אונדזער שטורעמדיק לעבן. — —

דאָס געזאַנג פון די כוואַליעס

צו די ברעגן! צו די ברעגן!
קומען כוואַליעס אָן אַטקעגן;
כוואַליעס קליין און כוואַליעס גרויס,
שטעלן בייכער פּעטע אויס,
פּלאַצט אַ בויך — אַ כוואַליע טויט;
פאַרבט דאָס גרינע וואַסער — רויט.
קלינגט אין לופט ווי גלאָז געמאָלן —
אַ געלעכטער,
באַלד צעברעכט ער,
שוים־שוים־שוים
און צעשיט זיך אינעם רוים
אין אַ זילבער־נאַסן־שטויב.
פליטערט־פלאַטערט וואו אַ טויב;
טאַנצט אַ מיידל — בריסטן נאַקעט,
צווישן שוים און זונענשיין,
שלינגט אַ כוואַליע באַלד זי איין.— —

ווייזט דאָס מיידל באַלד זיך ווידער,
שלינגען־שלאַנגען אירע גלידער,
קומט אַ כוואַליע — שוים־שוים־שוים,
נעמט זי מיט אין טיפן תהום,
וואַקסן אויס גיגאַנטן הויך
און צעשיטן זיך ווי רויך.— —

יאָגן כוואַליעס זיך נאָך רו,
איינע דעקט די צווייטע צו;

איינע שלינגט די צווייטע איין,
שיינט די זון מיט גינגאָלד־שיין;
שיטן דימענטן זיך אויס
פון דער כוואַליעס שוימיק־שויס — —

לאַכט דאָס מיידל, לאַכט און לאַכט,
ס׳האָט אַ כוואַליע זי געבראַכט,
לאַכן אירע אויגן — בלוי;
שמייכלט זי און לאַכט אַזוי,
רופט צו זיך אין ים אַריין.

שטאַרצן אירע בריסטן גרויס,
שטרעקט זי אייך די אָרעמס אויס:
„קומט צו מיר אין ים אַריין!"
„אין ים אַריין! אין ים אַריין!"
הילכט איר עכאָ ווייט און לאַנג,
זינגען כוואַליעס אַ געזאַנג. — —

קאָני-אײלאַנד אין װינטער

דער װאונדערלעכער „באָרדװאָק“ אין קאָני-אײלאַנד
איז באַדעקט מיט אַ זילבער-העלן װינטער-טעפּעך,
און דער קאָני-אײלאַנדער גאָלד-זאַמדיקער ים-ברעג
איז ליכטיק-װײס און שײנענדיק װי שפּיגלעדיק מיליאַסן.
ליכטיק-װײס זענען אַלע קאָני-אײלאַנדער עװעניוס און גאַסן.
די ריזן-שטײנער און פעלזן װאָס ברעכן ים-כװאַליעס בײ ברעגן,
זײנען אײנגעהילט אין אַ זילבער-װײסן װינטער-זױם.
נאָר דער ים רױשט און ברױזט אָן אױפהער מיט כװאַליע-שױם;
רײסט און בײסט שטיקער פון קאָני-אײלאַנדער װינטער-באַציר
מיט זײן שטורעמדיקן כװאַלע-געריש.
נאָר דער „טײװול“ בײם „גײסטער-הױז,“ אין זײן װײסן פאַרהיל,
לאַכט אין דער שטיל.— —

די עװעניוס און גאַסן אין גאַנץ קאָני-אײלאַנד
זײנען אין װינטער-װײסקײט פאַרהילט.
נעפּטון, מערמעיד און סטילװעל עװענוס,
ליגן אין דער װינטערדיקער רואיקײט פאַרשטילט;
די קאָני-אײלאַנד-„באַוערי“ און אין זײטיקע געסלעך און אַלײען
הערט מען מער ניט דעם װילדן טומל און געשרײען. —
די „פאָני - הײזער,“ „גײסטער-הײזער“, צירקן און באַלאַגאַנען,
באָד-הײזער, ביר-שענקען, נאַכט-קלובן און רעסטאָראַנען;
„בינגאָ“ און „פּאָקער“-זאַלן, „פּעני-אַרקאַדעס“ און שיס-גאַלערײען,
ליגן איצט אין שלומער און זײנען פאַרהאַקט און פאַרשלאָסן

און וואַרטן אומגעדולדיק אויפֿן אָנקום פֿון זומער.
די „סטיפֿל־טשעים" פּאַראַשוט־שפּרינגער
און די רעגנבויגן־געמאַליעוועטע קאַרוסעלן,
זיינען באַדעקט און פֿאַרהאַנגען מיט אַ צודעק אַ העלן.
עס שלאָפֿן רואיק די מידע פֿערדלעך —
נאָר צו אַלץ נעמט אַ סוף,
באַלד וועט דער זוניקער זומער קומען, פֿערדלעך וועלן אויפֿוואַכן
פֿון לאַנגן ווינטער־שלאָף
און צום חלום וועט נעמען אַ סוף. — —

די „באַבסלעד", „טאָרנאַדאָ", „הוריקאַן";
„דראַגאָן" און „די לעידי־וואָס־לאַכט",
ליגן איצט אַלע רואיק אונטער אַ זילבערנער שאַכט;
מען הערט מער ניט דעם הייזעריקן גרילצן פֿון מיקראָפֿאָן
און דעם ווילדן געשריי פֿון דעם „לופּ־דע־לופּ" און „ציקלאָן";
מען הערט ניט מער דאָס רופֿן פֿון „בוסטערס", באַרקעס און פּאַיאַצן,
שוואַרץ־קינסטלער, היפּנאָטיקער, „פּאָני־מען" און די נאַרן;
מען הערט ניט די זינגערינס באַגלייט פֿון גיטאַרן,
מ׳הערט ניט די ווילדע „דזשאַז"־מוזיק פֿון סאַקסאַפֿאָן, פּויקן און טאַצן
און מען זעט ניט די גלוסטיקע טענצערינס און אַלע „לאַפּיטוטן";
דער „וואונדער ראָד" מיט די געהיימע פֿאַרהאַנגענע קאַיוטן,
דרייט זיך מער ניט אין אַ זיגזאַגיקן קרייז,
נאָר הענגט אַ פֿאַרזיגלטער, אַ פֿאַרקלעמטער,
קאָני־אײַלאַנד איז ווינטער —
ווי אַן אינדזל אַ פֿאַרשעמטער. — —

אַ ווייסע רואיקייט ליגט אויסגעבעט אין קאָני־אײַלאַנד טאָג־און־נאַכט.
נאָר דער ים רוישט און ברויזט אין זיין אייביק מאָנאָטאָנעם טראַכט —
אַלע קאָני־אײַלאַנדער ברעגן ליגן אין ווייסן שניי פֿאַרטרונקען.

קאָני־איילאַנד איז ווי דער ווייסער בער,
אין ווינטער־שלאָף פאַרזונקען.
אַ ווינטער־ווייסע שטילקייט וויקלט אַלץ מער און מער
דעם לוסטיקן   פאַרוויילונגסס־אינדזל אַרום,
און דרייט זיך אום שטום
אויף טורעמס און טעראַסן, אויף דעכער און קופּאָלן,
צוזאַמען מיט די ים־פויגל, צעשפּרייט אין שטייגנדיקע צאָלן;
פאַרבלאָנדזשעטע מאַטראָסן פון אַ וויטן לאַנד
זוכן אַ ביר־שענק און נאָך עפּעס אויף די זייטיקע געסלעך באַנאַנד — —
פישער פאַנאַטישע, אָנגעפּעלצטע, לאָזן זיך צום ים אויף שפּאַציר,
צום מאָנאָטאָנעם פיש־כאַפּן אויפן באַרימטן „סטיפּל־טשעיס פּיר״,
נאָר דער הונגעריקער ים־פויגל שרייט און רופט.
זיין געשריי צעוויגט זיך איבער די כוואַליעס פון ים
און צערינט אין דער קאַלטער קאָני־איילאַנדער לופט.

דער קאָני־איילאַנדער אַקוואַריום איז פאַרשנייט און פאַרמאַכט.
מען הערט מער ניט די מאָדנע קולות פון ים־חיות אין וואַסער־באַסיין.
די פּענגווינס שטייען ווי פאַרגליווערטע סטאַטועס פאַרטראַכט,
און דער „וואַלראָם״ ליגט ביים ים־ברעג אַן אומעטיקער אַליין — —
און ווינטן און שנייען קומען פון ווייט און פון נאָענט,
און שיפן ברומען אין די פאַרנעפּלטע האָריזאָנטן.
נאָר דער ים רוישט און ברויזט, רוישט און ברויזט,
וואַרפט זיך און דרייט זיך ווי אַ ריזיקער קנויל,
צופּט און שלינגט שטיקער זילבער מיט זיין כוואַליעדיק מויל,
ווי ער' וואָלט געוואָלט איינשלינגען דעם גאַנצן זילבער־פאַרמעג.
נאָר עס קעמפט און גיט זיך ניט אונטער
דער שטאָלצער קאָני־איילאַנדער ברעג — —
און דער „טייוול״ ביים „גייסטער־הויז״ אין ווייסן געהיל,
שמייכלט און קוקט זיך צו צום שפּיל
און לאַכט אין דער שטיל. — —

דריי אַלטע לייט

דריי אַלטע שווימען אויפן ים,
דריי אַלטע לייט מיט פאַרמעטענע הענט;
דריי לייבער טוקן זיך אין פלאַם,—
דער הימל ברענט, דער הימל ברענט.

דער ים אַרום איז שטיל און שטום,
דריי אַלטע לייט מיט וואַקסענע קעפ,
שטיל שווימען אויף די כוואַליעס־אום,
ווי נימפן שטום, מיט פלאַקסענע צעפ.

דאָס רויט פאַרגייט, דער הימל — בלוי.
דריי אַלטע לייט אין בלויער נאַכט,
נאָך שווימען אום ווי שאָטנס גרוי,
אין גרויער נאַכט, אין בלויער טראַכט.

באַלד קומען־אָן פון בלינדן ראַנד,
מיט דין געזאַנג פון ערגעץ־ווייט,
שטאַפעטן דריי פון פרעמדן לאַנד
און נעמען ווייט, דריי אַלטע לייט.

ים פייגל

ווען דער זומער אין קאָני־איילאַנד פאַרשווינדט,
ווערט אויפן ים־ברעג אַזוי אומעטיק שטיל;
נאָר ים־פייגל קומען צעפליען געשווינד
פון לענדער פון ווייטע, זיי קומען דאָ פיל.

הונגעריקע ים־פייגל פליען דאָ אום
איבער זאַמד און ים ביז זונען־פאַרגיי,
זיי זוכן דאָ שפּייז, זיי פליען אַרום
און רופן און שרייען מיט ווילדן געשריי.

זיי שפּרייטן אויס די פליגל גיך אין געאייל
און שפּילן זיך ריטמיש אַרום מיטן ווינט,—
אָט לאָזט ער אַראָפּ זיך אין ים ווי אַ זייל
און הויבט זיך באַלד־אויף ווי אַ בליץ און פאַרשווינדט.

שטאָלץ איז דער ים־פויגל, דעם קאָפּ האַלט ער הויך,
נאָר ווען זומער זיך ווייזט אויפן גאָלדענעם זאַמד,
דאַן הויבט ער זיך אויף און פאַרשווינדט ווי דער רויך
און פליט אַוועק ווייט, אין ווייט־ווייטן לאַנד.

לידער פון באַרגאָוואַלד

בערג אַרום און בערג אַרום
און הינטער זיי אין פֿאַרבן-בלוי,
בערג ווי סילועטן קוקן שטום,
בערג ווי האַלבע לבנות, אָריענטאַלישע
און בערג ווי פּיראַמידן,
בערג ווי קעמל-קאַראַוואַנען
וואָס פֿאָרן אויף יאַרידן
אין קאָלירפֿולע געשפּאַנען.
אויף די קעמלען מיט די הויקערס קרומע,
זיצן רייטערס שטומע.

ווי טעמפּלען מיט גינגאָלד באַזוימטע
אַנטקעגן אַ זון אַ פֿאַרנויגנדיקע,
שטייען בערג, רעגנבויגנדיקע,
ווי שטומע ריזן פֿאַרטרוימטע,
און הינטער די בערג ווי צונטער,
לאָזט זיך פֿאַמעלעך אַרונטער
ווי אַ האַלבער באַלון,
די פֿאַרגייענדיקע זון.

די זון — אַ באַרג, קאַרמינען-רויט,
באַהאַלט זיך הינטער 'בערג און שטיל פֿאַרגייט.
ווי קראַטערס פֿון וואולקאַנען לאַווע-פֿלאַם
און רויך,
צינדט זי וואָלקנס אין דער הויך
מיט איר לעצטן פֿייער-פֿלאַם,
ווי אַ רויטער ים.

בערג, בערג — אַדעריאַנדעקס בערג!
הימל, באַרג און זונפאַרגאַנג,
אַ כישוף-ליד, אַ לעצט געזאַנג —
דאָס שענסטע ווערק, אַ וואונדער-ווערק!
בערג, בערג — און בלויער רוים —
צונויפגעגאָסן אין וואָר און טרוים.

בערג און וועלדער אין די קעטסקילס

קעטסקיל־בערג אין באַגינען

די זון אין יונגן מאָרגן צינדט־אָן איר ערשטן ליכט.
עס ליכטיקן זיך בערג און ציען קליידער זוניקע זיך אָן.
די לופט איז פול מיט שטילע קלאַנגען און וויזיעס:
זיגרייכע לעגיאָנען קערן זיך צוריק פון קריג,
אַ הינטער זיי, ווי בעטלער קרומע, טאַנצט נאָך הינקענדיג, דער זיג.
ווי אומרואיקע שאָטנס, גראָע, קריכן זיי מידע פון טאָל אַרויס.
אויף טעפּיכער אויסגעשפּרייטע אין סאַמעטענעם גרין,
טריט־ביי־טריט, אין ריטם, טרעטן די לעגיאָנען פאָראויס,
געפּאַנצערט מיט כלי־זיין און מיט בלויזן שווערד.
אין שוואַרצן געקליידט, אַ בעדואין, וויגט זיך אום אַהער־אַהין,
און פירט זיין מידן קאַראַוואַן אויף בערג אין טאָלן גרין,
און הינטער אים אויף טוי־באַדעקטער ערד,
מיט זיין גאַנצן זון־פּאַרמאָג,
שפּאַנט נאָך דער יונגער טאָג.

דריי זיינען אויף יאַגד געגאַנגען

דער וועג, וואָס פירט אין וואַלד אַריין פירט אויף יאַגד דריי יעגער דאָ.
אין ערגעץ־נים איז אַזוי שטיל ווי דאָ אין גרין און בלאָ.
דופּרע טראָגט זיין ביקס און גייט פאָראויס און האַלט מיט אומרו וואַך,
אַהינטער אים מיט שטילע טריט דאָס מיידל שלייכט געשפּאַנט;
זי זעט אין ווייט אַ זעאונג וואו, איר קאָפּ בויגט טיף צום שליאַך.

דופּרע טראַכט פון פייגל־פאַנג, פון ווילדער קאַץ און האָז.
אַ פייער צינדט זיך אין זיין אויג ווען ער אין ווייט אַ פאַנג דערבליקט.
דער דיכטער שפּרייזט אַ שטראַליקער, דאָס גרין און בלאָ פאַרוויגט.
עס אָטעמט טיף און פריי זיין ברוסט, אים דאַכט: ער הערט געזאַנג —
דער אומעט האָט פאַרלאָזן אים אָט־דאָ אין וואַלד שוין לאַנג.
ער האָט זיך ווי באַפרייט אָט־דאָ און באַרואיקט באַלד.
איצט זינגט זיין האַרץ אַ נייע ליד
צום מיידל און צום וואַלד.

דער וואַלד וויינט

אַ צאַפּל האָט געטאָן דער וואַלד און אויפגעציטערט באַלד:
אין סאַמע האַרץ האָט אויפגעוואַכט און אויפגעקראַכט אַ שאָס
און אומעטום האָט אָפּגעהילכט זיין עכאָ טויזנט מאָל,
און אַ געשריי פון פייגל פיל האָט אָנגעפילט די לופט
און זיך צעטראָגן איבער באַרג און טאָל;
די פייגל האָבן זיך געלאָזט צעמישט מיט פליגל־פלאַטער ווילד.
נאָר דופּרע האָט געצילט זיין ביקס, געצילט אים שטילערהייט,
און זי, דאָס מיידל, האָט געלאַכט און שטיל געוויינט פאַר פרייד;
נאָר ער, דער דיכטער, האָט געהערט דאָס וויינען פונעם וואַלד,
ער האָט געזען: פון צווייגן טריפט — ווי טוי פון בלאַט — דאָס בלוט
און אויפגעציטערט האָט זיין האַרץ צום שרעק פון פויגלס שריי
און אָפּגעענטפערט האָט דער וואַלד:
פייגל טויטע דריי!

די פרייד פונעם זוניקן טאָג

עס פלאַטערט פריי דער רויטער מאַנטל אירער קעגן ווינט ;
די האָר צעלאָזן ווילד, די בריסט־פריי און מיט פאַרריסן קאָפּ,
און באַלד — זי לאָזט זיך לויפן באַרג אַראָפּ מיט מוט,
און שרייט אַזוי און לאַכט קעגן שטראַלן פון דער זון,
פון גרויסער פרייד וואָס שטראָמט אין האַרצנס־בלוט.
דער וואַלד האָט אויסגעזויגן יעדע פיצל זאָרג און פּיין
און איצטער לאַכט זי זינגענדיק, זאָרגלאָזיק און פריי ;
דאָס פּנים שטראַלט אַקעגן זון, די אויגן — טיף און גרויס ;
אַוועק איז ווי מיט כּישוף גאָר די זאָרג און לייד ;
און פּלוצים פאַלט זי מיטן פּנים צו דער ערד און קושט
די בלימעלעך מיט טוי באַדעקט און אָטעמט־איין דעם דופט
און לאַכט אַזוי און וויינט פון איבערפולטער פרייד.

דער צער פון פאַרגיין

אויסגעשפּרייטע בערג און טאָלן בלויען אין דער ווייט.
נאָר זי, דאָס מיידל, איז ניט מער צעשיינט, צעשטרייט ;
און לעבן איר, דעם קאָפּ געבויגן טיף, דער דיכטער זיצט
און קוקט פאַרבענקט אין ווייט אַריין — די זון פאַרגייט.
דער דיכטער טראַכט פון מענטש און זון פאַרגיין ;
אַ צאַרטער אומעט שפּרייט זיך אויס אַזש ביז די האָריזאָנטן־בערג.
אויף באַרג און טאָל און פעלד און וואַלד דער אומעט שפּרינגט.
עס זינגט דער טאָג אין טרויער שטיל דאָס ליד פון אונטערגאַנג,
און אינאיינעם מיט דעם זונפאַרגאַנג פאַרגייט די טיפע פרייד.
נאָר ווייט אַוועק, צווישן בערג, עס לויפט אַ שוואַרצער פאַקל דורך
און שרייבט ווי מיט אַ האַנט הויך אויף הימל־ראַנד.
שטיל, אומעטיק און באַנג —
דעם טיפן צער פון אונטערגאַנג.

די פּאַן פון נאַכט און רו

די נאַכט קומט־אָן, דער ווינט צעטראָגט די פינצטערניש פון טאָל —
צו טאָל,
נאָר דאָ־און־דאָרט עס ליגן בערג ווי גרויסע מידע קי,
די קעפּ פאַרדרייט און דרעמלען מידע איין אין דער נאַכט אַריין.
דער וואַלד האָט זיך איינגעדרייט אין אַ שוואַרצן קנויל
און איינגעשלונגען אַלע ביימער שלעפעריק און פויל.
נאָר ערגעץ קריכט פאָראויס אַ ליכט און שאָטנס שוואַרץ ווי נאַכט,
שניידן מיט אַ מעסער דורך דאָס מידע האַרץ פון וואַלד.
נאָר הינטער זיי די פינצטערניש וואַקסט אויס געדיכטער נאָך, זי וואַכט
און ווי אַ פראָש שפּרינגט אום און שלינגט דאָס ליכט,
און איבער טייכן, איבער פעלד און וואַלד און באַרג און טאָל,
פלאַטערט אויף אַ מאַסטבוים וואו —
די פּאַן פון נאַכט און רו. — — —

נאכט אויף די בערג

פייערפליגן טאַנצן אוים דעם פייערטאַנץ
אויף בלויע בערג אין זומער נעכט.
גרוי און בלוי, ערד און הימל,
איינגעהילט אין נאַכטיק־בלויען דרימל.
דאָס ליד פון פאַסטוך שוועבט נאָך אין דער לופט.
דער וואַלד נעמט שטיל און סודותדיק
זיך אין זיסן שלאָף פאַרוויגן.
אין טאָלן קלינגט נאָך דער עכאָ פונעם גלעקל אויף אַ שאָף
מיט אַ שטילן אומעטיקן ניגון.
נאָר די פייערפליגן טאַנצן אוים דעם פייערטאַנץ
מיט זייערע פיצעלעך לאַמטערן,
וואָס פינקלען ווי די שטערן.

ווי אַן אָנזאָג אויף דעם אָנקומען פון נאַכט,
קלינגט טעמפּ און מאָנאָטאָן דער גלאָק אויף אַ דרעמלדיקער קו.
דער פאַסטוך־יונג שפּילט אוים דעם צער
איבער זיין פאַרלוירענע שאָף,
ער שפּילט אוים אויף זיין פלייט די נאַכטיקע רו.
ביז עס קומט דער זיסער שלאָף.

מיט ריחות זיסע פון דער לאָנקע טראָגט דער טוי זיך,
ווי אַ פאָרהאַנג אויסגעשפּרייטער;
איבער הימל, איבער שטערן אין די ספערן,
ווי אַ פעלד אַ יונג־פאַרזייטע.

נאַכט אויף די בערג — האָריזאָנטן פאַרשטעלטע;
נאַכט אויף די בערג — וועלטן צעהעלטע;
טיפֿע שטילקייט אין דער נאַכט,
געבענטשטע רו —
אַ מידער בלאָנדזשעט אום אויף וועגן,
נאָר קיינער קומט אים ניט אַנטקעגן.

דער שמאָלער הימלפּאַס צווישן ביימער־שפּיצן אין וואַלד,
ווייזט דעם מידן וואַנדערער זיין וועג;
טונקעלע כמאַרעס אויפֿן הימל זאָגן אָן:
לאַנגע, שווערע טעג.
מיט מאָדנע נאַכט־קלאַנגען איז אָנגעפּילט דער וואַלד;
צווישן גרוי און בלוי שווימט אַ פֿאַרחלומטע די נאַכט.
דער יונגער מאָרגן דערוואַכט, עפֿנט אויף די אויגן זיינע
און די טויאיקע לופֿט
וועקט און רופֿט.

נאַכט איז די רו פֿון מידע פֿויגלים אויף יאַרידן,
נאַכט איז די רו פֿון וואַנדרנדיקן בעטלער מידן;
נאַכט איז די אומרו פֿון בלאָנדזשענדיקע שיפֿן;
נאַכט איז די אומרו פֿון פֿאַרבאָרגענע טיפֿן.

דער טוי טריפֿט טראָפּ נאָך טראָפּ אין ריטמישער צאָל,
איבער פֿלאַנץ און בלום.
די ראָסע שליִיכט אום ווי אַ קעמל אויף באַרג און טאָל.
די פֿעלדער זעען אוים פֿאַרפֿלייצטע,
ווי אָזערערס און טייכן —
איבער זיי נעפּל־וואָלקנס בלויע שלייכן.
דער פּאַסטוך־יונג חלומט פֿון לאָנקעס גרינע פֿאַרהילט,
מיט וואַסער־קוואַלן פֿאַרגרייט,
ער היט זיינע זוניקע שאָף און שפּילט
אויף זיין זילבערנעם פֿלייט.

די חתונה אין וואַלד

הויכע טאָפּאָל־ביימער, ווי חתנים געגרייטע,
וואַרטן אומגעדולדיק אויף דער חופּה־נאַכט;
בעריאָזע־ביימער, ווי כלות אין־ווייסן געקליידטע,
אין די שלייערן גרייטע צו דער חופּה־טראַכט.

קאַשטאַנען־ביימער, ווי מחותנים מיט בייכער גראָבע,
שטייען ברייטע מיטן נדן אויסגעשפּרייט;
מעיפּל־ביימער, ווי מחותנת׳טעס מיט אָסאָבע,
שטייען אין דערמיט, צו דער חופּה גרייט.

וואָלנוס־ביימער קרומע, ווי אויף אַ חתונה שדכנים,
שטייען פריילעכע, בגילופ׳נדיק פאַרשעמט;
בוימער, ווערבעס, מיט צווייגן, ווי וויינענדיקע בדחנים
אויף באַזעצנס, שטרעקן דאָ אויס די הענט...

ביימער־דעמבעס, ווי מחותנים קודלעוואַטע,
שטייען גרייט צום שער און צום קאַדריל;
סכך־ביימער ליסע, ווי מחותנים, פליכעוואַטע,
שטייען מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזטן שטיל...

לינדן-ביימער, ווי מחותּנים רייכע, אויסגעפּוצטע,
שטייען שטאָלץ, ווי עס פּאַסט נאָר פּאַר אַ גביר;
סאָסנעס, הוילע, ווי מחותּנים אין קליידער אָפּגענוצטע,
שטייען דאָ, ווי בעטלער, נעבעך, ביי דער טיר...

ביימער, ביימער, ביימער; גרויס, קליין, רייך און אָרים,
טאַנצן וועלן דעם ברוגז-טאַנץ דאָ באַלד,
די פייגל אין וואַלד וועלן זיין דאָ די כּלי-זמרים,
צו דער חתונה פון די ביימער אין דעם וואַלד.

דאָס פאַרכישופט פאַסטוכל

אויף אַ בערגעלע אַ גרינעם שטייט אַ פּאַסטוכל אַ קליינער,
ער היט זיינע שעפעלעך, ער היט זיי ווי קיינער;
זיינע אויגעלעך בלויע און ליכטיקע ווי זונען,
זיינע לאָקעלעך בלאָנדע ווי פון גאָלד געשפּונען.

ניט קיין פּאַסטוכל־שלעפער, ניט קיין פּאַסטוכל־טרוימער,
נאָר אַ יינגל אַ בראַווער, אַ פּאַסטוכל שומר;
ס'לאָזן ניט וועלף דאָרט פון שעפעלעך ביינדעלעך־שפּורן,
און ער זוכט ניט זיין שעפעלע אויף שטיינדעלעך־פורן.

נאָר אַ פּאַסטוכל טרייער, אַ פלינקער, אַ שפּרינגער
מיט אַ פייפעלע דינעם און פאַרכישופטע פינגער,
און נעמט ער, דאָס פּאַסטוכל, אויף זיין פייפעלע שפּילן,
צעזינגען זיך פייגעלעך אין וועלדעלע שטילן.

שפּילט ער, דאָס פּאַסטוכל, אויף אַ פייפעלע דינעם,
שפּילן זיך שעפעלעך אויף בערגעלע גרינעם;
שפּיגלען זיך פעלדער און וועלדער אין גילדערנע שטראַלן,
שפּיגלט זיך זון דאָרט אין קרישטאָלענע קוואַלן.

דאַן שפּאַנט דער פּאַסטוך קליינער, רואיק און זיכער,
און פירט זיינע שעפעלעך אַהיים שוין וואָס גיכער;
די זון איז אין פלאַמען ווי דורך כישוף פאַרגאַנגען,
און פּאַסטוכל קליינעם מיט איר כישוף געפאַנגען.

דער „היל־בילי״ זינגט

נאַכט אויף די בערג אין פאַרמערשן הויז.
זומערנאַכט, זומערטראַכט — נאַכט צינדט, נאַכט שפּינט —
האָרכט, איר לייט: ערגעץ ווייט —
פעלזן גרויס, מוטער־שויס,— אָט געווען, אָט געשען —
מאַן פון באַרג, מאַן פון ווינט, גיך פאַרשווינדט.
ברענט אַ לאָמפּ, פאַלט אַ שיין דאָרט אויף טרעפּ,
אויף די קעפּ ציטערט האַנט, שאָטנט וואַנט.
אַלץ אַרום, נאַכטיק שטום.— —
„קאַו־באָי״־יונג טוט אַ שפּרונג אין דער נאַכט,
רייט אַוועק אויף זיין פערד אין „פּרעירי־סטעפּ״.
רייט אַפיר, ווי פּאול רעווירע, —
האַלט גרייט דיין ביקס אין דער האַנט,—
וואַך זיין מוז דער „היל־בילי״
אין זיין פאַרוואָרפן לאַנד.

קליין און גרויס קומט אַרויס,
ווער פון אייך פלינק איז און בראַוו?
זע: „ווייסע „בראָנקאָס״ אין דער נאַכט—
יאָגט געשווינד, ווי דער ווינט, אויף באַרג און טאָל.
קרויזער־קאָפּ פון באַרגמאַן אין גאַלאָפּ,
גיט זיך אַ צעזונג: באַרגמאַן, באַרגמאַן, ווער ניט מיד!
זינג פון פרייד, זינג פון פּיין,
זינג דיין אומעטיק ליד. — —

זיצן פאַרמערס אויסגעזעצט אויף די שטולן, אויפן דיל.
דופּרע גיסט אַ גלעזל אָן „היל־ביל׳ן" — אַט אַזוי,
באַרגמאַן, טרינק! זינג אתּדז פון אינדיאַנער־שלאַכט, זינג און שפּיל
פון די סטאַדעס פי געגנבעטע, פון די „ראָסטלערס"
און פון די „קאָו־באָיעס" נאָך זיי. — —
אָ, שטייט אויף איר העלדן אַלע פון אַמאָל!
פון ערשט נעכטן, דאָ ניט לאַנג, זינגט דאָס „קאָו־באָי"־ליד
פון אַ „קעיסי דזשאָונס", דעם לעגענדאַרן העלד,
פון „דזשאָן־בראַון" מיט זיינע זין געטרייע;
זינג פון נעגער־שקלאַף און זיין ווייסן האַר,
זינג און באַגלייט מיט דיין גיטאַר.

שאָטנס פאַלן אויף די ווענט —
דער באַרגמאַן זינגט, וויינט און לאַכט.
ווינטן שפּילן ביי דעם וואַלד, אַן עכאָ ווי אַ פליט פאַרגייט.
זינג פון „באָפלאָ־ביל", פון „האָנטער־האוז" ביינאַכט;
פון „סליפּי־האָלאָו", זינג פון „גאָלד־ראָש" צייט. —
שטילער, שטילער, נאַכט און ווינט, לבנה־שיין
שלאָגט אין „קעבין" דאָ, ביים „רענטש" מיט זיסן דופט.
אַלע פאַלן מיד אַוועק פון „עפּל דזשעק" און ווייַן,
נאָר דאָס „קאַבאָי"־ליד פון „פּרעירי־פעלד"
טראָגט זיך אין דער לופט. — —
דער באַרגמאַן מיטן „קאָו־באָי" רייטן אויף לבנה־ווייסע פערד
אין דער „פּרעירי" אויף דער שוואַרצער ערד
אין דער טונקל־בלויער נאַכט.
עס באַגלייט זיי מיד דאָס „קאָו־באָי"־ליד
ווי אַ ווייטער עכאָ פון אַמאָל —
איבער באַרג און טאָל. — —

אין לאנד פון רו

דאָ אויפן באַרג שטייען ביימער צעשפּרייטע
אין זון באַקליידטע;
דער אינדיאַנער זומער איז דאָ ווי אויסגעמאָלט
אין קופּער, רויט-געל-און-גאָלד.
מיט אָרעמס, שווערע און מיט שטאַרקע הענט,
ווי אַ בראָנז-מאָנומענט,
צווישן שטיין און גראַניט,
שטייט דאָ אַ פעלז אינדערמיט —
אַ שטאָלצער ריז אויפן שליאַך,
ווי אַ שומר אויף דער וואַך.
ער קוקט אַרויף צום הימל-צו —
דאָ, אין לאַנד פון רו.

ביי מיין פענצטער דורך די שויבן,
זע איך: פילע פייגל פליען;
זע איך: פליען ווייסע טויבן;
זע איך: ווייסע זעגל ציען.
אויף האָריזאָנטן בלויע זע איך רייטן
קעמלען-קאַראַוואַנען פון דער ווייטן.
צווישן ביימער ווי באַהאַלטן,
שטייט אַ פעסטונג דאָ אַן אַלטע,
און אַרום אויף באַרג און טאָל,
דרעמלען- אינדיאַנער-שלאַכטן פון אַמאָל;
מצבות אַלטע, זע איך וואו —
דאָ, אין לאַנד פון רו.

דורך דעם פענצטער פון שפּיטאָל,
זע איך פלאַנצן אָן אַ צאָל;
פלאַנצן פון אַ יעדן שטאַם,
איינגעטונקט אין פאַרבן ים,
איינגעוועבט אין גאָלד און גרין.
מיט שטראַלן זון ווי פעדים־דין,
שטייט אַ באַרג דאָ אַזאַ הויכער,
ווי פון טייך אַרויס — אַ טויכער.
דער טויכער מיט זיין גאָלדענעם קאָפּ,
אַ שטומער קוקט פון באַרג אַראָפּ,
ער ווינקט צו מיר און שמייכלט צו —
דאָ, אין לאַנד פון רו. — —

איך הער
קלאנגען

איך הער קלאַנגען, ווייטע קלאַנגען,
צאַרטע קלאַנגען, ווי האַרפּן־שפּיל;
איך הער לירישע געזאַנגען
זיך טראָגן ערגעץ אין דער שטיל.

איך הער וואונדערלעכע קלאַנגען,
ווי שטערן־שטויב אין נאַכט צעהעלט;
ס׳האָבן קלאַנגען מיך געפאַנגען,
געפאַנגען אין אַ כישוף־וועלט.

איך הער כישופדיקע קלאַנגען,
עס זינגט די גאַנצע וועלט אַצינד.
ס׳ברויזט מיין האַרץ איצט מיט פאַרלאַנגען —
איך וויין און פריי זיך ווי אַ קינד.

איך הער קלאַנגען, שטילע קלאַנגען,
ווי נאַכט־מוזיק, ווי מאָצאַרט, דין;
נאַכט מיט שטערן אויסגעהאָנגען,
און איך אַליין, אַ שטערן בין.

„לאַ־קאַמפּאַנעלאַ״

("LA-CAMPANELLA")

לוסי סטוירנ׳ען

ווען לוסיע סטוירן האָט באַרירט די ערשטע טענער
פון ליסט׳ס „לאַ־קאַמפּאַנעלאַ״,
האָבן אַלע אין דאָרענז׳ס סטודיאָ געגאַפט
און מיט אויגן שטאַרע פאַרחלומט געקוקט — —
און אַלע האָבן געהערט ווי פון ערגעץ־וואו
האָבן זיך פאַרכישופטע קלאַנגען געטראָגן,
ווי פון אַ גלעקל אַ באַצויבערטן.
אַ נשמה האָט דורך פינגער־שפּיצן דינע,
די צאַרטע ביינדלעך פון קלאַוויר באַרירט —
און פאַרטיפט זיינען אַלע געזעסן אין דער סטודיאָ
ווי אויף דעם בילד
פון „בעטהאָווענס סאָנאַטע״.

נאָר ווער האָט געהערט דאָס געזאַנג
פונעם זילבערנעם וואַסער־קוואַל?
דאָס גערויש פון די ביימער, דאָס געבעט פונעם ווינט?
ווער האָט געהערט?
און ווער האָט געזען ווי זעגלען פאַרחלומטע זיך ציען
אויפן שאַרף פון אַ שווערד ספּיראַלדיקן,
אַנטקעגן דער זון, דער פאַרגייענדיקער;
דעם בלאַסן לבנה־שיין אויפן טייכל פאַלדיקן,
ווער האָט געזען? — —

לוסיע סטוירן,
ביזט די דיכטערין פון מיינע טרוימען !
ביזט דער ציטער פון מיין האַרץ, שטורעמדיקן !
ביזט דאָס געזאַנג פונעם זילבערנעם וואַסער־קוואַלעכל !
ביזט דאָס געדויש פונעם בוים, דאָס געבעט פונעם ווינט !
מיינע פאַרחלומטע זעגלען ביזטו ! —
לוסיע סטוירן —
דו ביזט דאָס ליד פון דער נשמה, געלייטערטער,
וואָס דו זינגסט אַרויס מיט וואונדערלעכע קלאַנגען
און מיט פאַרכישופטע געזאַנגען,
געזאַנגען, זוניקע, העלע,
פון ליסט׳ס „לאַ־קאַמפּאַנעלאַ". — —

אניטאַ

אַניטאַ, דער פֿאַלדיקער זוים פֿון דיין זיידן קלייד
שלייכט אויף די שפּיצן־פֿינגער
פֿון דיין כינעזישן טעפּיך,
ווי שטילע אָריענטאַלישע געזאַנגען — —
הער זיך איין אין די סודות׳דיקע קלאַנגען
פֿון פֿעלדער, וועלדער און טייכן,
אין דער דעמער־שעה. — —
הער זיך איין אינעם לירישן פֿלאַטער
פֿונעם ים־פֿויגל מידן,
איבערן ים און זונפֿאַרגאַנג,
צווישן פֿלאַמיקע פּיראַמידן.

אַניטאַ, דיין שטים איז ווי זוניקע פֿרייד
פֿון יונגן, אָנקומענדיקן פֿרילינג.
די אויפֿגעלויכטענע שמייכלען אין די אויגן
פֿון קראַנקן קינד דערציילן שטומערהייט
פֿון זיין שטאַרקער ליבע,
פֿון זיין טיפֿער פֿרייד. — —

קוק זיך איין אין די דורכזיכטיקע פֿינגער
פֿון זיין מוטערס איידעלער האַנט.
דעם קינדס ליפּן לייענען שטומערהייט,
איר שטילן צער, איר לירישע פֿרייד,
דורכן צאַרטן באַריר
פֿון איר איידעלער האַנט. — —

אַניטאַ, אינעם ריטמישן פלאַטער
פונעם זון־באַטרונקענעם ים־פויגל,
באַהעפט זיך אונדזערביידנס גורל פון זיין,
אונדזער ביידנס פרייד,
אונדזער ביידנס פיין! — —

אַניטאַ, אין די פאַלדן פון דיין מעלאָדישער שטים,
לייטערט זיך דער טיפער צער
פונעם מאַרטירערס פיין.
אַניטאַ, איך בין מיד און אומרואיק
ווי דער ווינט!
אַניטאַ, איך בין אַליין —
דאָס קראַנקע קינד! — —

דער קאַטערינסטשיק

דער קאַטערינסטשיקל שפּילט זיך רואיק
אויף זיין פיל־פאַרביקע קאַטערינקע,
דער פּאַפּוגיי זיינער פּלאַפּלט, פּלאַפּלט,
ווי אויף אַ צעשפּאָלטענער פּלאַסטינקע.
דער קאַטערינסטשיק איז דעם פּאַפּוגיי געטריי,
נאָר געטרייער איז אים — דער פּאַפּוגיי.

אויף זיין קאַטערינקע שפּילט דער קאַטערינסטשיק:
אַ וואַלצער, אַ מאַרש און אַ קאַדריל
און אַן אומעטיק ליבע־לידל,
פון אַ ציגיינער מיט אַ פידל.
ער טופּעט־צו פּאַמעלעך מיט זיין שטיוועלע צום שפּיל,
פּונקט צום טאַקט פון דער קאַטערינקעס הייזעריקע קלאַנגען,
וואָס פילן אָן זיין האַרץ מיט בענקשאַפט
און מיט שטילע, אומעטיקע באַנגען.

דער קאַטערינסטשיק שפּילט אָפט אַ פאָלקס־ליד, אַ פּאָלקע און אַ שער,
ער פייפט זיך אונטער פריילעך,
כאָטש ס׳לעבן זיינס איז שווער,
שווער און טרויעריק אַזוי!
מיט זיין קאַטערינקעלע באַצירטער
און זיינע הויזן די בלויע און זשאַקעטל דעם רויטן,
מיט שטיוועלעך לאַקירטע,
מיט אַ גרייט שמייכעלע באַגריסט ער אַ יעדן...

און פון זיין גלאַנציקן קאַזיריקל, פאַרדרייטן,
ווינקט ער שעלמיש מיט זיין כיטרען אויגל,
צו זיין רויט־גרינעם פויגל,
וואָס טיילט אוים מיט ביטול
אַ „מזלדיקן" קוויטל.

קאַטערינסטשיק, אָפטמאָל זעט מען דיך אויף די ראָגן
וואַקלסט זיך מיט דער קאַטערינקע אויף אַ פיסל
און אפשר פאַר צרות נעבעך, קאַטערינסטשיקל,
פאַרשנאָסקעטט זיך אַביסל...
אין זיינע פאַרביקע קליידער מיט דער קאַטערינקע, זעט ער אוים
ווי אַרויסגעשפרונגען פון אַן אַלטער רוסישער קאַרטינקע,
אפשר איז ער גאָר אַ קינסטלער אַ פאַרשטעלטער,
אַן אַקטיאָרטשיק, אַ שוואַרץ־קינסטלער אַ בלאַטער,
און מיט זיין פאַרביקער קאַטערינקע
שפּילט ער גאָר טעאַטער ?
און אויף די ראָגן, ביים לאַמטערן, און אין יעדן טויער
שפּילט ער אויסעט פאַר דער וועלט
זיין שטומען טרויער.

קאַטערינסטשיק, אָ, ווי פאַלש עס האָבן דיכטער
דיך באַזונגען !
און ווי פאַלש עס האָבן מאָלער דיך געמאָלן! —
מיט דיין „מזלדיקן" קוויטל קליינעם,
ביזטו, גאָרניט אויסן נאַרן קיינעם !
נאָר דו ברענגסט אַן אוצר זיי מיט האָפנונג און פרייד —
און עס קומען צו דיר מזל זוכן :
מענטשן אָרעמע, פאַרשטויסענע,

און עס קומען אַלטע מוידן און עס קומען כלות,
אַלע, אַלע קומען זיי צו דיר מזל זוכן,
אַלע, אַלע אומגליקלעכע, אַנטוישטע —
און דו שענקסט זיי, די אָרעמע, אַוועק
דיינע גאָלדענע פּאַלאַצן,
נאָר דו אַליין לעבסט אויף בעטל-ברויט
און וואוינסט אין אַ טונקלען קעלער-פּלאַץ
און ווי אַ קינסטלער שפּילסטו טריי די ראָל
פון שווינדלער, בעטלער און פּאַיאַץ! — —

אַנאַ

(פראַגמענט)

זי האָט געשטיפּט אַ גאַנצן אָוונט,
ווי אַ שמעטערלינג געטאַנצט;
אַלע, אַלע, אויסער איינער,
האָט ניט מיטגעטאַנצט.

זי האָט געזונגען לוסטיק, מונטער,
און געפרייט זיך און געלאַכט;
אַלע, אַלע, אויסער איינער,
האָט ניט מיטגעלאַכט.

נאָכדעם האָט זי אין אַ ווינקל
שטיל אַזוי, אַזוי געוויינט!
קיינער, קיינער, אויסער איינער,
שטיל האָט מיטגעוויינט.

די קליינע טענצערין

טאַנץ, ציגײנערל, טאַנץ,
ניין, אַניוטעלע וויל ניט טאַנצן!
שפּיל, פלײטעלע, שפּיל!
שפּיל, טראָמפּײטעלע, שפּיל!
פּויק, פּײקעלע, פּויק!
ברענג די טאַמבורינקעלע, שוין!
טופּעט איר פיסעלע — ניין!
נאָר אירע אויגעלעך ציגײנערשע גלאַנצן —
ניין! אַניוטעלע וויל ניט טאַנצן!

טאַנץ, ציגײנערל, טאַנץ!
ניין, אַניוטעלע וויל ניט טאַנצן!
בעטן זיך מענטשן, פרײלעכע;
בעטן זיך מענטשן, אומעטיקע;
פאַלן רענדלעך, קופּערנע;
פאַלן רענדלעך, זילבערנע;
פאַלן רענדלעך, גילדערנע;
נאָר אירע אויגעלעך ציגײנערשע גלאַנצן —
ניין! — אַניוטעלע וויל ניט טאַנצן!

טאַנץ — נײַן! — שפּילן זאָל מישינקע אויף זײַן פֿידעלע
אַניוטעלע׳ס ציגײַנערשע לידעלע—
הענטעלעך, שלענגעלעך, בינדן זיך!
בלוטעלעך ציגײַנערשע צינדן זיך!
פֿיסעלעך שוועבן — פֿינטעלעך!
יונגינקע הערשעלעך — ווינטעלעך!
פֿײַגעלעך, טײַבעלעך, פֿלאַטערן!—
אוי, גענוג שוין! גענוג שוין, איר מאַטערן!
נאָר אירע אויגעלעך ציגײַנערשע גלאַנצן, —
אַניוטעלע הערט ניט־אויף טאַנצן. — —

טאַנגלוואוד

איך בין אין טאַנגלוואוד ביים מוזיק־פעסטיוואַל געווען,
איך האָב טאַנגלוואוד צום ערשטן מאָל געזען
און בין באַרוישט געוואָרן פון דער גלאָריע און דער פולער שיינקייט.
מיט טיפער פרייד האָב איך באַוואונדערט
די גרינע פעלדער, די גיגאַנטישע ביימער,
די מעכטיקע דעמבעס און די ווייסע, שטאָלצע בעריאָזן.
די בלויע בערג אַרום און די טיף־גרינע פריש־געשניטענע גראָזן.
ווי טעפּיכער ברייטע, אויסגעשפּרייטע,
זיינען אין טאַנגלוואוד די פּרעכטיקע לאַנען.
די בראָנזענע סטאַטועט שפּיגלען זיך אָפּ אין זילבערנע פאָנטאַנען — —
די מוזיק־פעסטיוואַלן פונעם באָסטאָנער סימפאָנישן־אָרקעסטער
הילכן־אָפּ פון דעם וואונדערלעכן סטאַדיום־געצעלט
פון טאַנגלוואוד — איבער אַלע פופציק שטאַטן פון אַמעריקע,
און איבער גאָר דער וועלט.

איבערפולט איז דער ריזיקער סטאַדיום אין טאַנגלוואוד
און איבערפולט זיינען די גרינע פעלדער און לאַנען.
הינטער קוסטעס און ביימער זיצן פּאָרלעך, צוגעטוליעט, באַהעפטע,
און אויף טעפּיכער פאַרביקע און אַלערליי דעקן
זיצן און שטייען יונג און אַלט, דאָס פּנים שטראַלט
מיט פריידיקער דערוואַרטונג, דער הימל איז לויטער־בלוי ;
די זון, ווי אין אָריענט, בלענדט מיט אָראַנזשן־שטראַלן
אויף די פאַרביקע שאַלן און די קליידער פון די פרויען — —
מילדע ווינטן, ווי צאַרטע מינועטן, צערטלען און גלעטן
די שטיל־פאַרטראַכטע פּנימער פון די פרויען און מענער.

פונעם זעכצן־טויזנט קעפּיקן עולם
וואָס איז ווי אין אַ טראַנס געשטאַנען
אין און אַרום דעם טאַנגלוואוד סטאַדיום
און וואַרט גערן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם צו הערן
דעם וואונדערלעכן באָסטאָנער סימפאָנישן אָרקעסטער
שפּילן בעטהאָווענס ניינטע סימפאָניע. — —

ווען שאַרל מונטש מיט זיין צויבער־שטעקל דערשיינט
ווערט אַן אויפברויז פון שטורמישן אַפּלאָז,
ווי אַן אויסברוך פון וואולקאַן, ווי ס׳וואָלט אַ לאַווע זיך צעגאָסן,
זיך צעוויגט און זיך צעטראָגן איבערן סטאַדיום
און איבער די גרינע פעלדער און לאַנען פון טאַנגלוואוד— —
ווי אַ מכשף האָט שאַרל מונטש מיט זיין צויבער־שטעקל
געפירט, באַהערשט און אינספּירירט
דעם באָסטאָנער סימפאָנישן אָרקעסטער,
וואָס האָט מייסטעריש געשפּילט בעטהאָווענס ניינטע סימפאָניע.
דער זעכצן־טויזנט קעפּיקער עולם האָט געגאַפט ביז העכסטן עקסטאַז —
און אויף די גרינע לאַנען און די גראָזן
האָט ווי אין אַ מאַסן־היפּנאָז יעדערער געפילט,
ווי די גאַנצע וועלט אַרום זינגט און שפּילט
בעטהאָווענס געטלעכע סימפאָניע. — —

פון נאָענט און פון ווייט און איבער בערקשירס האָריזאָנטן,
האָבן זיך פּלוצים דערטראָגן וואונדערלעכע שטימען
פונעם כאָר מיטן קוואַרטעט,
און אין שטילער באַגלייטונג פון באָסטאָנער סימפאָנישן אָרקעסטער,
ווען זיי האָבן צוזאַמען אויסגעזונגען און אויסגעשפּילט :

„אַלעגראָ מאַנאָטאַנאָ״ און „אַלעגראָ אַססי״ —
דער זעכצן-טויזנט-קעפּיקער עולם האָט דערפילט ווי
איבער די טאַנגלוואודער באַרגיקע שאַרפן האָבן מלאכים
מיט גאָלדערנע האַרפן, מיטן אָרקעסטער און כאָר,
געשפּילט און געזונגען די געטלעכע מוזיק
פון בעטהאָווענס ניינטע סימפאָניע. — —

די הימלשע מוזיק און הימלשע געזאַנגען האָבן געפּאַנגען
הערצער פון יונג און אַלט, דער פּאַרכישופטער ניגון
האָט זיך געטראָגן אויף די מילדע ווינטן
און זיך געוויגט איבער דעם טאַנגלוואודער סטאַדיום,
איבער די ברייטע, גרינע לאַנען און פּאָנטאַנען,
און די עכאָ פון די מייסטער-ווירטואָזן האָבן זיך צעטראָגן
אין די הימלשע רוימען
און זיך אָנגעשלאָגן אָן די גאָלדענע זוימען
פון די זוניקע וואָלקנס און די שטאָלצע בעריאָזן
און אָן די גיגאַנטישע דעמבעס. — —
און אויף די בלויע בעקשייער-בערג
פון וואונדערלעכן טאַנגלוואוד האָט מען געזען
ווי בעטהאָוון אַליין שפּאַצירט
און פירט מיט זיין כישוף-שטעקעלע
זיין געטלעכע, ניינטע סימפאָניע. — —

דוד דאָרעג׳ען

בלומען פאַרגעלטע,
אין מאָרגן פון בלי;
זונען פאַרשטעלטע,
אין אויפגאַנג פון גלי.

אויגן פאַרוויינטע,
אין שלאָפלאָזע נעכט,
הערצער פאַרשטיינטע,
צום צער פון קנעכט.

בעטלער פאַראַכטע
אין ווינטיקער נאַכט;
קינסטלער פאַרלאַכטע,
ביי טירן פאַרמאַכט.

לעבנס פאַרשפּילטע,
אין פרילינג פון מאַי;
העלדן פאַרשטילטע,
אין קאַמף פאַר דער פריי.

דער יידישער העלד פון אלע צייטן

ער גייט מיט שליחות וויכטיקע,
ער גייט און ציילט די טעג;
ווי שאָף, די שטערן ליכטיקע,
ער ציילט באַנאַכט אין וועג.

ער שפּאַנט אויף זאַמדן גלוטיקע,
ער פּילט דעם שאַרף פון שטיין;
ער טרעט אויף דערנער בלוטיקע,
אָן צער און אָן געוויין.

ער ברעכט דורך וועגן צאַמיקע,
דורך שטורעם און דורך צוואַנג;
ער גייט דורך שייטערס פלאַמיקע,
מיט לידער און געזאַנג.

ער גייט זיין וועג דעם איינזאַמען,
ער גייט און ווערט ניט מיד;
ער שפּאָט פון פיינט, דעם גרויזאַמען,
ער שפּאָט פון טויט — דער ייד.

צו אייך זינג איך

איר אַלע פאָלקס־מענטשן, שאַפער און בויער,
האַרעפּאַשניקעס, טרעגער פון וועלט־יאָך, פון פרייד און פון טרויער ;
איר שאַפער פון פאָלקלאָר, לעגענדעס און באַלאַדן ;
פון פאָלקס־טענץ, פאָלקס־מוזיק, פאָלקס־ליד ;
פון וואונדערלעכע מעשות, ליבע־לידער און סערענאַדן ;
איר, וואָס האָט אָנגעזאַמלט אוצרות גאַנצע, פאָלקס־פּערל ;
איר אַלע אומבאַקאַנטע, ניט־באַוואוסטע, ניט־אַנטדעקטע,
איר אַלע ניט־געלויבטע, איגנאָרירטע, ניט־אַנטפּלעקטע;
איר קינסטלער, וואָס זענט שטיין־געבליבן אויסגעלאַכטע,
געבליבענע אין מיטן און ווייטער ניט דערגאַנגען,
שטיין־געבליבענע ביי טירן, פאַרמאַכטע ;
איר, וואָס האָט דעם ציל קיינמאָל ניט דערגרייכט ;
איר אַלע אַנטוישטע, אומגליקלעכע, פאַרצווייפלטע,
איר אַלע געקרייוודעטע, ניט־געזאַלבטע, ניט־באַזונגענע, —
צו אייך אַלע, אָן שם און אָן רום, זינג איך איצט מיין ליד,
מיין ליד, מיין אומעטיק ליד !

איר העלדן, געפאַנגענע, באַזיגטע, פאַרראַטע, פאַרשפּילטע,
פאַרשקלאַפטע, פאַרשטומטע, פאַרשריגענע,
באַצוואונגענע, באַלעסטיקטע, פאַרגוואַלטיקטע, פאַרשטילטע,
פאַרוואונדעטע, פאַרלוירענע, געפאַלענע ;
איר פאַרשפּאָטע, אין חרם־געלייגטע, פאַרשפּיגענע,
באַשמוצטע, נידערשלאָגענע, אַנטמוטיקטע,
איר פאַרגעסענע, באַטריבענע, בלוטלאָזע, טאַלאַנטלאָזע,

די שרעקעדיקע, פאַרשטויסענע, פאַרפּרעמדטע,
פאַרהאַסטע, פאַראַכטע, פאַרשאָלטענע,
די באַליידיקטע, דערנידעריקטע, פאַרשעמטע;
אָפּגענאַרטע, באַרויבטע, באַשווינדלטע,
איר בעטלער, היימלאָזע, דאַכלאָזע, שוצלאָזע,
אָרעמע, ניט־דערנערטע, אויסגעצערטע, הונגעריקע;
איר אַלע געקריוודעטע, ניט־געזאַלבטע, ניט־באַזונגענע, —
צו אייך אַלע, אָן שם און אָן רום, זינג איך איצט מיין ליד,
מיין ליד, מיין אומעטיק ליד!

איר די צווייפלער, וואַקלדיקע, מוטלאָזע און שוואַכע,
די פאַנאַטיקער פאַרפירטע, פאַרבלאָנדזשעטע;
פרייהייט־קעמפער, אמת־זוכער, יונגע לעבנס פאַרלאָשענע;
מאַרטירער, וואָלוגטירן, זעלבסטמערדער, אַסקעטן;
איר פאַראורטיילטע, פאַלש־באַשולדיקטע, אומשולדיק פאַרמשפּטע,
הינטער גראַטעס פאַרשפּאַרטע, אין קייטן־געשמידטע,
אין פינצטערע צעלן פאַרשלאָסענע;
אומזיסט־באַשטראָפטע, פאַרפייניקטע, דערמאָרדעטע;
איר אַלע פאַרפאָלגטע, פאַרטריבענע, פאַריאָגטע;
און איר אַלע קראַנקע, אומהיילבאַרע אינוואַלידן, געפּלאָגטע;
מצורעים, פאַליקע, הילפלאָזע, קאַליקעס, קרומע;
טרייסטלאָזע, האָפענונגסלאָזע, בלינדע, טויבע און שטומע;
איר צעטומלטע, צערודערטע, גייסטיק־קראַנקע, מעלאַנכאָלישע,
עלנטע, פריינטלאָזע, שלאָפלאָזע, ליידנדיקע, מידע —
איר אַלע געקריוודעטע, ניט־געזאַלבטע, ניט־באַזונגענע,
צו אייך אַלע, אָן שם און אָן רום, זינג איך איצט מיין ליד!
מיין ליד, מיין אומעטיק ליד!

שטייט אַ לאַנד

שטייט אַ לאַנד, אַ לאַנד פאַרקלעמטע,
דאָס לעבן דאָרט איז גרויליק־שווער;
שטייט אַ לאַנד, אַ לאַנד פאַרשעמטע,
זעלטן קומט דאָ ווער אַהער.

וואָלקנס גרויע, שווערע שניידן,
טרויער הערשט דאָ אומעטום;
איינגעהילט אין טיפֿן ליידן,
שטייט אַ לאַנד פאַרשקלאַפטע, שטום.

זעלטן הערט מען דאָרטן זינגען,
איינגעוויגט אין שטומען פּיין;
קייטן הערט מען דאָרטן קלינגען,
פֿרייד קומט זעלטן ווען אַריין.

שטייט אַ לאַנד, אַ לאַנד אַ ווייטע,
פֿאַר ליכט און זונשיין בלינד פאַרשטעלט;
ווען דאָס לאַנד זיין וועט אַ באַפרייטע,
פֿריי זיין וועט די גאַנצע וועלט.

דער זעלנער קאָן ניט שטאַרבן

איז דער זעלנער שוין טויט ?
ניין, ער פירט זיין לעצטן קאַמף
אין די פאַרקלעמטע אָרעמס פון טויט!
בייטאָג געווען איז דאָ אַזאַ מוראדיקע שלאַכט,
און איצט ווערט אַזוי פינצטער און גרויליק די נאַכט!
בערג מיט הרוגים וואַלגערן זיך דאָ פאַרגליווערטע אין פעלד,
דאָ ליגט דער פחדן צוגלייך מיטן העלד.
דאָ ליגט דער באַזיגטער מיטן זיגער אין דער זעלבער ריי,
און ער, דער זעלנער, ליגט ווי אַ בלוטיקער קנויל, צווישן זיי.
ער קוקט אויף די הרוגים, ער זעט זיי, האַלב-בלינד;
ער טראַכט פון זיין היים, פון זיין ווייב, פון זיין קינד.
ער זעט : אַלץ אַרום איז דאָ שטיל, פאַרגליווערט און רויט,
און שטום וואַרט דאָ, אומגעדולדיק דער טויט. —
די קויל פונעם שונא בויערט אַלץ טיפער אין שאַרבן,
נאָר ער, דער זעלנער, קאָן אַלץ ניט שטאַרבן!

איז דער זעלנער שוין טויט ?
ניין, ער קעמפט נאָך מיט זיינע לעצטע כוחות,
אין די קאַלטע אָרעמס פון טויט!
דער זעלנער זעט אַרום זיך אַזאַ גרויליק בילד :
מענטש קעמפט קעגן מענטש, ווי אַ חיה, גרויליק און ווילד !
עס ראַנגלען זיך קערפּערס פאַרצווייפלט ביז דער לעצטער מינוט
און פאַלן אין גסיסה פאַרגליווערטע אין טייכן בלוט !
מען האָט די זעלנער ווי ווילדע חיות מושטירט !

און מען האָט זיי ווי שאָף אין דער שלאַכט דאָ געפירט!
איצט רויכערן פעלדער פאַרוויסטע און דערפער פאַרלענדט!
שטעט אויסגעוואָרצלט און הייזער — פאַרברענט!
פוןביידע מחנות ליגן זעלנער פאַרשטילט אין אָקאָפּע און שטאַכעט!
גראָטעסק צעריסן פון שראַפּנעל, ליגן קערפּערס אויף באַיאָנעט, —
נאָר ער, דער זעלנער, מיט אַ קויל אין זיין שאַרבן,
ליגט דאָ אין דערמיט און קאָן אַלץ ניט שטאַרבן!

איז דער זעלנער שוין טויט?
ניין, ער קעמפט נאָך אַלץ מוטיק און בראַוו
אין די קנאָכיקע אָרעמס פון טויט!
ער טראַכט איצט פון די וואָס האָבן דעם בלוטיקן שפּיל דאָ געפּלאַנט;
ער טראַכט איצט פון די וואָס האָבן בלינד צום טויט דאָ געשפּאַנט —
דיפּלאָמאַטן האָבן זיי פאַרוויגט מיט „זיג", מיט פאַלשע רייד,
און צווישן זיך האָבן זיי געלאַכט ציניש, שטילערהייט.
איצט באַנעמט דער זעלנער דעם אומזין פון קריג!
ער קלערט, אַ פאַרשעמטער, פון די רייד וועגן „זיג"!
און דער זעלנער טראַכט און דער זעלנער זעט:
ער שפּאַנט איבער לענדער, ער שפּאַנט איבער שטעט,
ער רופט צום קאַמף קעגן קריג, קעגן מלחמה־צינדער!
ער דערציילט אויס דעם גרויל, די משוגעת פון דער שלאַכט!
און דער זעלנער מיט דער קויל אין זיין שאַרבן, —
וועט לעבן, וועט לעבן, ער טאָר איצט ניט שטאַרבן! — —

פיר בריקן

איבערן איסט־ריווער זיינען פיר בריקן פֿאַרשפּרייט:
די קווינסבאָראָ־בריק און די וויליאַמסבורג־בריק,
די מאַנהעטן־בריק און די ברוקלין־בריק.
גיגאַנטישע בריקן פיר,
מיט ראַיאָנען פֿאַר וואַגאָנען און פֿאַר אויטאָס און שפּאַציר.
פיר וואונדערלעכע בריקן פֿאַראייניקן
ברוקלין מיט ניו־יאָרק.

דער מענש, דער גאָניע, האָט די פיר קאָלאָסאַלע בריקן פֿאַרטראַכט.
זע ווי מאַיעסטעטיש און גיגאַנטיש
די בריקן זעען אויס אין מאָרגנבלי,
ווען די ערשטע זונשטראַלן שפּיגלען זיך אין רויטן גלי;
ווי פּאָעטיש זיי זעען אויס אין פֿאַרנאַכט,
ווען די לעצטע זונשטראַלן פֿאַלן
אויף די מאַסטן און טורעמס פֿון בריק.
קוק זיך צו ווי פֿאַנטאַסטיש די פיר בריקן הענגען
איבערן איסט־ריווער, דעם אייביק־שטראָמיקן טייך,
אויף די לאַנגע, זילבער־שטאָלענע שטריק,
ווי פֿון וואָלקנס גלייך.

הער זיך איין אין דעם אָוונט שטילן,
ווי די ווינטן שפּילן אויף זיינע זילבער־שאַרפֿן,
ווי מיט כּישוף־האַרפֿן.

און זע ווי הונדערטער וואַגאָנען און טראַמווייען,
אָמניבוסן, אויטאָמאָבילן און מענטשן־מאַסן
און די שווערסטע לאַסט־אויטאָס, באַלאָדענע מיט פראַכט,
באַוועגן זיך לייכט און ריטמיש טאָג און נאַכט,
אַן אָפּרו, אַהין און צוריק,
איבער די ברייטע, שטאָלענע פאַסן
פון דער גיגאַנטישער בריק.

בריקן, גיגאַנטישע פיר.
איך זינג פון אייער מאַכט, אייער כישוף־פּראַכט;
איך זינג צום אַרכיטעקט און אינזשנער,
בויער פון די בריקן, פיר;
איך זינג צו האָרעפּאַשנע אַרבעטער־הענט,
אַרבעטער פון דער גאָרער וועלט,
וואָס האָבן זייער לעבן אָפּט אין קאָן געשטעלט,
צו בויען אָט־די פיר וואונדערלעכע בריקן.

איך פרעג: דו אַרכיטעקט און דו אינזשינער,
און דו אַרבעטער, מענטש פון מי,
בויער פון די בריקן, פיר,—
פאַרוואָס איבערבויסטו ניט די וועלט פאַרן מענטשן,
מיט דיין טאַלאַנט און זשעני,
מיטן כוח פון דיין דינאַמישער האַנט,
אַזוי פאַבלדיק און אימפּאָזאַנט,
געניי ווי דו בויסט
די פיר וואונדערלעכע בריקן.——

דער האָן האָט שוין מער ניט געקרייט

דער האָן האָט דאָ מער שוין קיינמאָל ניט געקרייט
און האָט מער שוין קיינעם ניט פון שלאָף געוועקט. — —
אין שוץ־קעלערס פאַרברענטע, טיף־צעגראָבן אין דער ערד,
האָט שוין קיינער דאָרט מער גאָרניט געהערט. — —
דער גייסט פון טויט געשוועבט האָט ווי דער ווירבל־ווינט,
איבער דער גאָרער וועלט. — —
אַ שטילקייט, אַזאַ פרעמדע, האָט אומעטום געהערשט:
קיין שאָרך, קיין קול, קיין קלאַנג;
קיין פויגל־געזאַנג, קיין ציטער פון אַ בלאַט, קיין האַמער און זעג.
נעכט און טעג האָבן זיך געצויגן הויל און מאָנאָטאָן,
אָן אַ סוף, איינגעקלעמט, פאַרשטילט,
פאַרגליווערט, שטום, מיט שוואַרצן אַש באַדעקט.
אין טיפן טרויער איינגעהילט,
געלעגן איז די וועלט אַרום —
איין ריזיקער בית־עולם — די גאַנצע וועלט!
סקעלעטן, שאַרבנס, האָבן זיך געוואַלגערט אומעטום,
מיט ריחות פון טויט, ווי פון הויפנס מיסט פאַרברענטע,
נאָר קיין מצבות האָט מען דאָ מער שוין קיינעם ניט געשטעלט;
גערטנער און פעלדער מער שוין קיינמאָל ניט פאַרזייט;
און דער האָן האָט דאָ מער שוין קיינמאָל ניט געקרייט.

פונעם איינגעווייד פון דער ערד, פון טיפע לעכער פאַרשטעלט,
זיינען שטשורעס אַרויס און מיט וואונדער און שרעק
באַטראַכט די וועלט פון חורבות,
פון קנאָכן און גלידער גראָטעסקע — אָן אַן עק!

אַ וועלט פון מיסט און שטויב, פון גליאיקן זאַמד און שטיין!
אַ וועלט, וואָס האָט זיך פרייוויליג דערמאָרדעט אַליין!
ווי וואולקאַנען מיט לאַווע וואָס פליסן פון דער הויך
און געדיכטע, שוואַרצע וואָלקנס רויך,
ווי אַן ערדציטערניש מיט ריזיקע לעכער אַרום,
געקוקט האָט די וועלט דערשטוינט און שטום,
ווי מיט אויגן אויסגעלאָשענע, רויטע, פאַרגליווערטע פון שרעק! — —
נאָר עקזאָטישע שאָטנס פון גלידער צעריסענע,
פון קערפּערס, פון פּיס און פון הענט,
פון דער אַטאָמישער שריפה פאַרברענט,
האָבן געטאַנצט אַ טויטן־טאַנץ מיט ווינט און פלאַם. — —
נאָר רואיק אַרום געווען איז דער ים
און רואיק פון דער ווייט דער האָריזאָנט.
נאָר דעם צער פון די אומעטיקע שאָטנס פון די צעפּאַלענע ווענט
און דעם צער פון דעם ווינט און דער פאַרברענטער ערד,
האָט דאָ מער שוין קיינער באַנעמען ניט געקענט! — —
פונעם שפּייז־זאַפּאַס אין די צעשטערטע שויץ־קעלערס,
אין טיפן לאַבירינט האָבן שטשורעס, ריזיקע, מלכות־סעודות געגרייט,
נאָר דער האָן האָט דאָ מער שוין קיינמאָל ניט געקרייט.

דער גייסט פון טויט געשוועבט האָט איבער וואַסער, איבער ערד,
פאַרטיליקט איז געלעגן איצט די גאַנצע וועלט, חרוב, צעשטערט! — —
פייגל, חיה, אויסגעראָטן; מענטש — פאַרברענט, פאַרשאָטן, —
אין שויץ־קעלער געפאַנג. — —
נאָר די זון געשיינט האָט איצטער העלער נאָך און פאַרביקער,
אין איר אויפגאַנג און פאַרגאַנג;

דער רעגנבויגן האָט געשפּיגלט זיך ווי פאַרכישופט אין פאַרבן ;
די לבנה, די שטערן, געלויכטן האָבן איצט
קלאָרער נאָך און ליכטיקער אין דער בלויער נאַכט ;
אָזערעס און טייכן האָבן זיך געשפּיגלט ווי קיינמאָל פריער
אין בלוט־רויטן פלאַם
און מיט גאָלד און זילבער־כוואַליעס
צעזונגען האָט זיך דער ים — —
און בלומען מיט רעגנבויגנדיקע פאַרבן, פאַנטאַסטיש־גרויס,
זיינען פלוצים אַרויסגעשפּרונגען פון דער ערד אַרויס — —
און זאַכן וואונדערלעכע, אויסטערלישע, זיינען דאָ געשען ;
נאָר ס׳האָט שוין קיינער דאָ מער זיי ניט געזען ;
און די שטשורעס, ריזיקע, צעגריזשעט האָבן אַלץ און זיך
מוראדיק געמערט,
נאָר קיינער האָט זיי דאָ מער שוין ניט געשטערט—
און געוועלטיקט האָבן שטשורעס איבער גאָרער ערד,
גאַנצע טויזנט יאָר, ביז אויפגעפרעסן האָבן זיי זיך,
איינס ס׳אַנדערע לעבעדיקערהייט, —
נאָר דער האָן האָט דאָ מער שוין קיינמאָל ניט געקרייט! — —

דער מאַי משיח

עפנט אויף די פענצטער,
עפנט אויף די טירן;
ס׳וועלן זונענשטראַלן
אייער האַרץ באַצירן.

רייסט אַראָפּ די לאָדן,
דעקט אויף די גאַרדינען,
ס׳וועלן זונענשטראַלן
רויטע פעדים שפינען.

שפינען רויטע פעדים
וועלן זונענשטראַלן;
ווען דער מאַי וועט קומען,
וועט משיח שפּלן.

שיפן זיינען בריקן

שיפן וואָס שווימען אַוועק פון האַפן
נעמען מיט זיך מיט לאָגלען אָנגעפילט מיט פרייד ;
לאָגלען אָנגעפילט מיט האָפנונג,
מיט לבנה־ליכט און זונענשיין —
און לאָגלען אָנגעפילט מיט צער און פיין.

אינעם פייף פון דער שיף זינגט אַרויס
די פאַרבאָרגענע שרעק פון פּאַסאַזשיר ;
זינגט אַרויס זיין פרייד און האָפנונג.
די שיפן וויגן זיך אויף די שטורמדיקע כוואַליעס פון ים,
ס'וויגן זיך הערצער פון אַלערליי מאַסן ;
ס'וויגן זיך הערצער פון פעלקער און ראַסן ;
ס'וויגן זיך אוצרות ניט־געפונענע
און חלומות ניט־דערשפונענע.

די אויגן פון די פּאַסאַזשירן שפּיגלען זיך אין דער טיף,
די שיף באַוועגט זיך פאָראויס צום ווייטן לאַנד,
באַנאַנד מיט אַנדערע שיפן אויפן ים ;
די שיף זעט אויס מיט איר ליכט
ווי אַ פאַנטאַסטישע שטאָט.
רואיק איז די וואַכט
אין דער שטערנלאָזער נאַכט.

די נאַכט שפּרייט־אויס איר טונקעלן דעק אויפן ים
און שפּרינגט מיט שטיקער פינצטערניש אויף די כוואַליעס,
און הילט דעם הימל איין ביזן האָריזאָנט ;
נאָר אין מיטן ים לויכט אויף

ווי אַ לייכט־טורעם ווייט און נאָענט,
דאָס ליכט פון דער פאַנטאַסטישער שטאָט,
וואָס באַוועגט זיך שנעל פאָראויס מיט ריזן־טראָט
און מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס
און מיט אַ פרייד אַ לאַנג־דערוואַרטן —
צום האַפן לאַנג־געגאַרטן.

ברומען שיפן אויס וואָרנונג־סיגנאַלן אין דער נאַכט,
ברומען שיפן אויס פרייד און צער פאַרבאָרגענעם;
ברומען שיפן אויס חלומות, ליכטיקע;
ברומען שיפן אויס סודות, וויכטיקע;
ברומען שיפן אויס נעכט, אומרואיקע, שלאָפלאָזע;
ברומען שיפן אויס נעכט, פאַרגליווערטע, פאַרשלאָסענע;
ווי וועלטן פאַרלאָשענע.

שווימט אַ שיף אין מיטן ים,
פייפט און ברומט מאָנאָטאָן,
צווישן כוואַליעס בייזע און ציקלאָן,
שווימט אַ שיף אין נאַכט אַליין,
צווישן נעפל און טומאַן,
שווימט אַ שיף אין אָקעאַן.

שיפן זיינען שווימענדיקע בריקן,
שיפן וועלן שטענדיק וואַנדערן
פון איין לאַנד צום אַנדערן;
ווערן נאָענט לענדער ווייטע,
ווערן פרעמדע מענטשן ווי באַפרייטע,
פאַרבינדן שיפן נאָכאַנאַנד
מענטש מיט מענטש, לאַנד מיט לאַנד.—
ווען גרענעצן וועלן ניט זיין מער פאַרשטעלט,
וועט דאַן ווערן פריי די גאַנצע וועלט! — —

אין צוואנג־מיליטער

די באַן

עס האָט די באַן זיך ווילד געשניטן
אויף וועגן ווייטע, שעה׳ן לאַנגע;
איצט זיינען אַלע ווי געשמידטע,
איצט זיינען אַלע ווי געפאַנגען.

עס האָט די באַן זיך ווילד געטראָגן
אויף וועגן אומבאַקאַנטע, פרעמדע;
איצט זיינען אַלע ווייט פאַרטראָגן,
איצט זיינען אַלע ווי פאַרשעמטע.

דורכן גרויען פענצטער

דורכן קליינעם גרויען פענצטער
שלייכט אַ שטראַל אַריין אין מאָרגן;
דורך די כמאַרעס ווי געשפענסטער,
דרינגט ער טיף אין האַרץ פאַרבאָרגן.

דורך דעם קליינעם פענצטער, גראָען,
זע איך שקלאַפן, שקלאַפן־טרייהייט;
דורך די לאַנגע, שווערע שעה׳ן,
רייסט מיין האַרץ זיך אויף דער פרייהייט.

אין פרעמדע קליידער

אין פרעמדע קליידער אָנגעקליידט,
ס׳איז אומעטיק אַזוי און שווער ;
מען האָט צום קריג מיך צוגעגרייט,
אַ זעלנער בין איך מיט געווער.

כ׳טראָג די ביקס איצט, כ׳טראָג מיט צאָרן,
און כאָטש מיין האַרץ איז פול מיט פיין,
דאָך, מיין מוט איז ניט פאַרלאָרן, —
איך וויים : כ׳וועל דער זיגער זיין.

זיי האָבן געלערנט

זיי האָבן געלערנט מיך, שיסן,
און שטעכן דעם שונא אין ברוסט ;
געלערנט מיך בלוט צו פאַרגיסן,
נאָר מאָרדן, איך האָב ניט קיין לוסט.

זיי האָבן געלערנט מיך, האַסן,
דעם זעלנער פון פיינטלעכן פאָלק ;
נאָר איך — האָב ליב גאָר די מאַסן
און האַס גאָר דעם שונא פון פאָלק.

דעם קוילענגרעבערס נס

קוילנגרעבער, פֿאַרשוואַרצטער, פֿאַרקוילטער,
אין סאַמע טיף פֿון דער פֿאַרשטיינערטער ערד,
שנײַדסטו שטיינקוילן, דימענטן שוואַרצע,
מיט האַמער און אײַזן און שטאָל־האַק שווערן,
רײַסטו אויף קוילן־ווענט פֿון טויזנט יאָר פֿאַרשטיינערט ווערן.
אין לאַנגע, פֿינצטערע טונעלן,
פֿאַרשטעלט פֿון זונשײַן און ליכטיקן מאָרגן,
וואו גיפֿטיקע גאַזן פֿון באַהאַלטענע ווינקלען שפּאַרן,
שטעלסטו דײַן לעבן אײַן יעדן טאָג אין טויזנטער געפֿאַרן,
כּדי דײַן הויזגעזינט מיט אָרעם ברויט פֿאַרזאָרגן.
קוילנגרעבער, אין יעדן שאַכטן־גאַנג, אין יעדן וואַכן־קלאַנג,
זינגסטו אויס מיר דײַן טרויעריק ליד!

קוילנגרעבער, פֿאַרשמאַכטער, אין טונקעלע לאַבירינטן,
פּירסט וועגעלעך שוואַרצע, שווערע — שטיינקוילן טאָנען,
דײַן אָרעם ברויט פֿאַרדינטן.
אַ לעמפּעלע אַ קלײנער, ווי אַ של־ראש,
באַלײַכט מיט אַ מאַט ליכט ווי אין אַ טומאַן אַ שווערן.
דײַן פֿאַרשוויצטן פֿאַרסאַזשעטן שטערן.
אַ יעדער שריט־און־טריט דײַן לעבן באַדראָט!
שטענדיק ביזטו אין דער קוילנשאַכט,
ווי אין אַ שוואַרצער נעץ געפֿאַנגען,
און דער טויט, ווי אַ שוואַרצער טאַראַנטעלאַ־שפּין פֿאַרהאַנגען,
לויערט שטיל אויף דײַן יעדן טראָט.

און תמיד וואַרט מיט האַרץ־קלאַפּ און מיט אומרו,
דײַן ווײַב מיט שטומען טרויער בײַ דײַן טיר;
אַ יעדער בײַזער טראַך, אַ יעדער ווײַטער קראַך,
הילכט אָפּ טעמפּ, ווי אַן עכאָ טיף אין האַרצן בײַ איר,
צינדט־אָן אין די אויגן אַ פֿײַערל פֿון שרעק און צער;
זיי ווייסן ווײַב און קינד, ווייסן שוין פֿון לאַנג,
אַז אין יעדן האַמער־שלאָג, אין יעדן קלאַנג,
לויערט אומקום שטיל, לויערט טויט־געפֿאַר — —
עס ווייסן עלטערן, עס ווייסן כּלות און עס ווייסן אַלע,
פֿון קוילנשאַכטן אָפּגעווישטע, פֿון טונעלן פֿאַרשאָטענע,
פֿון קוילנגרעבער לעבעדיק־באַגראָבענע —
און זיי ווייסן אַלע פֿון אויפֿרײַסן, עקספּלאָזיעס,
וואָס הילכן אָפּ אין דער לופֿט ווי ערד־ציטערנישן קראַכנדיקע
און טרײַסלען אויף פּלוצים דאָס שטיל־אומעטיק שטעטל
מיט ציטער, מיט אומרו און מיט טויט־שרעק! — —
און זיי זעען באַלד די אײַלנדיקע, יאָגנדיקע רעטונג־בריגאַדעס
מיט לאָמען, פֿאָנאַרן און מיט העק!
און זיי הערן באַלד פֿון ווײַטן, פֿון קוילנבאַסיין,
פֿון קרובֿים און פֿרײַנט, פֿון אייגענע און נאָענטע,
ווי עס צעטראָגט זיך אין דער לופֿט אַ יאָמערדיק געוויין! — —

און אָט דערזעען זיי רעטונג־בריגאַדעס מיט פֿינצטערע פּנימער
קומען אַרויס פֿון קוילנשאַכט מיט פֿאַרדעקטע טראָג־בעטלעך
און זיי זעען די אַרויסגעטראָגענע, די שטומע, די פֿאַרגליווערטע,
די הילפֿלאָזע און פֿאַרצווייפֿלטע, די צערפֿולע;
און זיי זעען: מענער, פֿרויען און קינדער בײַ דער קוילנשאַכט קניען
און זיי הערן די תּפֿילות פֿאַר די מסירות־נפֿשדיק־אָפּגעראַטעוועטע,
און זיי הערן דאָס געבעט פֿאַר די פֿאַרקריפּלטע און גוסס־דיקע,

און פֿאַר די שווין פֿון־לעבן־פֿאַרלאָשענע — —
זיי זעען ווי טאַטעס־מאַמעס, פֿרויען און קינדער „דערקאָנען"
די ליבע און טייערע, נאָענטע און אייגענע — —
און זיי זעען פֿון וויטן שטיין די שולדיקע,
מיט קעפּ געבויגענע —
די קוילן־באַראָנען! — —

עס קייקלט זיך שטיל אין ווייבס אויג אַ טרער,
זי ווייסט, און עס ווייסן אַלע פֿון קוילנשטעטל,
װעגן מענער, זין און טאַטעס, קוילנגרעבער אָן אַ צאָל,
וואָס זיינען אין קוילנשאַכט אַוועק אַמאָל
און זיך קיינמאָל צוריקגעקערט מער.
איצט וואַרטן ווייב און קינד פֿאַרצווייפֿלט ביי דער טיר. — —
שטיל, רואיק איז אַרום, קיין שאָרך, קיין ריר,
נאָר דער האַרץ־קלאַפּ הערט זיך אין דער שטיל;
שאַ־שטיל, שטום איז אַלץ אַרום.
באַלד דערהערן זיך וויטע טריט,
און עס פֿאַלן הייסע טרערן אינדערמיט —
פֿאַלן אויפֿן האַלדז פֿון קוילנגרעבער ווייב און קינד,
אַ פֿרייד, געמישט מיט צער און שרעק כאַפּט אַרום דאָס הויזגעזינד:
אַ נס, אַ נס איז געשען! אַ קוילנגרעבערס־נס! אַ גליק!
דער קוילנגרעבער איז צוריקגעקומען פֿון קוילנשאַכט —
אַ לעבעדיקער, אַהיים, צוריק! — —

דער שפּיגל

העי, וואו זענט איר שמידן?
שמידט מיר אויס. אַ קייט!
אַ געשמידטער אומגיין
וועל איך ווייט און ברייט.

שוואַכע וועל איך שטאַרקן,
שטאַרקע — געבן מוט,
און אין הערצער קראַנקע,
פליסן, שטראָמען בלוט.

כ׳וועל קיין וואָרט ניט ריידן,
אומגיין שטום אין פּיין,
מיט די קייטן קלינגען
און אַ שפּיגל זיין.

פאַרוואָס ביזטו אַוועק יעסענין

פאַרוואָס ביזטו אַוועק אַזוי פרי, יעסענין ?
דיין ליד וואָס האָט אַזויפיל זוניק־פרייד פאַרמאָגט,
איז עלנט איצט, פאַרשעמט.
אין האַלב־מאַסט הענגט איצט דיין דיכטער־פאָן ;
אַרבעטער, פויער און רויטאַרמייער הערט זיך איין :
איבער גרינע פעלדער און לאָנקעס ביים שטילן דאָן,
טראָגט זיך איצט פאַריתומט יעסענינס ליד !
זיין ליד וועט יונגער פרילינג־ווינט טראָגן,
דער אַקעראייזן און די שוואַרצע ווייכע ערד,
די ברייטע טייגע און די ווייטע, פעלדער און דער סטעפּ.
די זינגענדיקע קאָסע, האַמער, און סערפּ אין די פאַרטאָגן,
וועלן אויסזינגען אין זוניקע טעג
די טיפע פרייד פון דיין ליד ;
אין לענדער אָן אַ צאָל.
נאָר קיינער וועט ניט הערן מער דיין מונטער קול.—
פאַרוואָס ביזטו אַוועק יעסענין ?

דיין ניט־געצאַמטע נאַטור האָסטו פאַרוואַנדלט אין קאַלטן גראַניט.
די רויערד האָט איינגעזאַפּט דעם שטילן טרויער
פון דיין פּיין און אומרואיק געמיט !
דער ביטערער טראָפּן האָט ניט געקאָנט פאַרגיסן
דעם נאָגנדיקן טרויער און דעם שטומען וויי !
אָ, דיכטער פון דאָרף, זינגער פון פרייד און פּיין,
ווער וועט זינגען איצט פון רויערד, פון קאָסע און זאַנג,
אַזוי ווי דו, יעסענין !

די קינדישע פרייד האָט ביז טרערן גערירט אין דיין ליד,
נאָר אין אופּברויז פון פּיין האָסטו פאַרגעסן דיין אייגענעם איך!
קיינעם האָסטו ניט אויסדערציילט דיין טיפן צער?
ווער ווייסט וויפל מאָל האָסט געקעמפט קעגן טויט!
אין דער בייזער שעה האָסטו פאַרשטילט דאָס פּאַמע לעבן!
אָ, דיכטער פון דאָרף, זינגער פון פרייד און פּיין,
ווער וועט אונז דערציילן דעם סוד
פון דיין לעצטן באַשלוס, ווער וועט פאַרשטיין
דיין מאָדנעם פאַרגיין!
פאַרוואָס ביזטו אַוועק, יעסענין?

שוין יאָרן אַוועק און דער שטילער טרויער איז נאָך דאָ,
ווי אין דער ערשטער שעה.
דער פאַרדרוס וויל ניט פאַרגיין
און קיינער קאָן עס ניט פאַרשטיין!
ווי אַ גראָער שאָטן גייט ער נאָך טריט-ביי-טריט.
נאָר זיינע ליערישע, פריידיקע לידער, זינגען מיט די זאַנגען
אינעם זוניק-גאָלדיקן פעלד;
די זים-פריידיקע רו שפּאַנט אום
ביי די ברעגן פונעם שטילן דאָן און איבער דער גאָרער וועלט.
קומען וועט אַ צייט און די פרייד וועט זיין פאַרפולט,
געלעכטער וועט קלינגען אָן טרויער
ביים אַרבעטער און פּויער.
דער מענטש פאַרנעמען וועט זיסע, אמתדיקע פרייד
פון לעבן, צום ערשטן מאָל,
דאַן וועלן דיינע לידער קלינגען ווידער
איבער באַרג און טאָל,
נאָר שטום וועט זיין דיין קול —
פאַרוואָס ביזטו אַוועק יעסענין? — —

דאָס ליד פון דעם שלאָגלער־בריגאַדיר

ווער פון אייך קאָן אָניאָגן די ווייט?
און ווער פון אייך קאָן איבעריאָגן צייט?
ניט דער קעניג, ניט דער האַר,
ניט דער חכם, ניט דער נאַר.
דער חכם וועט פון צופיל קלוגשאַפט זיך ניט רירן,
דער נאַר וועט קיינעם ערגעץ ניט דערפירן;
ווי דאָס וואַסער וועט ניט לויפן באַרג־אַרויף,
אַזוי ניט אַלץ וואָס האָט אַן אָנהויב —
מוז האָבן אויך אַ סוף.

מיט דער גילדערנער האַרף
אויפן זילבערנעם שאַרף,
זיצט דער קעניג אויף זיין טראָן,
ער זיצט תמיד אויבן־אָן
און איבער אים ווי שוואַרצער קנויט,
פלאַטערט שטום די פאָן פון טויט.

ניט קיין רייטער אויף אַ ווייסן פערד,
ניט קיין זיגער מיט אַ שאַרפער שווערד,
נאָר מיט האַמער און מיט סערפּ,
אין פּראָסטן אַרבעטער־מונדיר,
שפּאַנט דער שלאָגלער־בריגאַדיר;
ער האָט שוין דערגרייכט די ווייט
און האָט איבעריאָגט די צייט.

און אין פילע ווייטע לענדער,
וועט מען הערן אַ לעגענדע
פון אַ שלאָגלער־בריגאַדיר,
אין אַן אַרבעטער־מונדיר,
וואָס האָט שוין דעריאָגט די ווייט
און האָט איבעריאָגט די צייט;
האָט זיך פאַר אַ משיח ניט פאַרשטעלט,
נאָר געהאָלפן, שטילערהייט,
אויסלייזן די וועלט! — —

וואו ביזטו טרובאדור

וואו ביזטו טרובאַדור ?
באַזינג, באַזינג דעם צער,
שפּיל אויס אויף דיין לירע
דעם צווייפל און פּיין
פון דעם פּחדן און קנעכט,
פון דעם בלינדן און שטומען.
דער שטומער מיט זיין טרויעריק געזיכט,
דער בלינדער, וואָס דערזעט ניט דאָס ליכט
און דער צווייפלער און דער נאַר, —
טרובאַדור באַזינג זייער צער !

וואו ביזטו טרובאַדור ?
באַזינג דעם צער פון אַרבעטלאָזן־מאַן,
שפּיל אויס אויף דיין לירע
זיין בונט און זיין קאַמף,
זיין קוראַזש און זיין מוט,
ער מאַרשירט ערשטער פאָראויס
מיט זיין אַרבעטער פאָן,
קעגן שונא׳ס לעגיאָן —
טרובאַדור באַזינג דעם שטרייט
פון דער איבערגאַנג־צייט !

וואו ביזטו טרובאַדור ?
באַזינג ניט דעם צער פון רייכן האַר !
נאָר שפּיל אַים אויף דיין לירע
זיין זאָרג, צאָרן און שרעק —
צום אויסנויץ זאָל נעמען אַן עק !
זאָל ריקשע־יונג אים מער ניט פירן
אויף זיין וועגעלע פאַרשעמט !
זאָל זיין רוט, אויסגעווייקט אין בלוט,
אים באַצאָלן מיט פּראָצענט !
טרובאַדור באַזינג ניט מער דעם צער
פון רייכן האַר !

צוויי זעלנער

בײַ די טויערן פֿון מאַדריד
צוויי זעלנער שטייען גרייטע;
איינער האַלט אַ קייט געשמידט,
דער צווייטער — פֿאָן אַ רויטע.

איינעם האָט דער פֿיינט געשיקט
מיט שווערד און קייט באַהאַנגען;
דעם צווייטן האָט די פּיין געדריקט,
איז ער אויף טויט געגאַנגען.

זיי האָבן זיך צום קאַמף געשטעלט,
די צילן גאָר פֿאַרשיידן;
דעם גורל פֿון דער גאַנצער וועלט
מיט זייער בלוט אַנטשיידן.

איצט קעמפֿן דאָ פֿאַרצווייפֿט זיי
פֿאַר וועלטן — אַלט און נייע;
דאָ קעמפֿן ניט בלויז וועלטן צוויי,
נאָר מענטש קעמפֿט קעגן דער חיה.

בײַ די טויערן פֿון מאַדריד
צוויי זעלנער פֿאַלן טויטע;
אײנער האַלט אַ קייט געשמידט,
דער צווייטער — פֿאָן אַ רויטע.

אײנער האָט פֿאַרדינט דעם טויט,
איצט פֿרעסט אַ ראָב זײַן שאַרבן;
דער צווייטער, מיט דער פֿאָן פֿון רויט,
וועט קיינמאָל, קיינמאָל שטאַרבן!

די וועלט איז משוגע

אויף דעם כּאַראַמאָ־פּראַנט און ביי די טויערן פון מאַדריד
קעמפן העלדיש די געטרייע סאָלדאַטן
פון דעם אייבערעהעם־לינקאָלן־באַטאַליאָן
צוזאַמען מיט די געטרייע זין און טעכטער פון שפּאַניע.
אויף אַלע גאַסן און וועגן זיינען באַריקאַדן אויפגעשטעלט
קעגן שונא פון דער וועלט.

איבערן הויך פון די טראַנשייען
פלאַטערט די פאָן פון רויט
און אויף די שפּיצן פונעם שונאס באַיאָנעטן,
פלאַטערט די פאָן פון טויט.
די טראַנשייען ציען זיך ווי אָדערן אין ערדישן לאַבירינט,
דאָס האַרץ פון די בריגאַדן שלאָגט שטאַרקער
מיט דעם אומאויפהערלעכן זשומען און קאַנאָנאַדן.
און עס פליט באַפעל נאָך באַפעל —
און דער צאָרן פון די געטרייע שפּאַנישע קעמפער מישט זיך אויס
מיטן גרילצנדיקן פייף פונעם שונאס שראַפּנעל.

דער שטאַרקסטער פיינט קאָן ניט באַזיגן דעם אמת
און דער מעכטיקסטער שונא קאָן ניט זיגן
איבערן ווילן פון גערעכטן!
דער אומקום פון פיינט שפּאַנט
מיט שטילע, באַהאַלטענע טריט,
דורך פייער און שטיין און גראַניט,
אַהינטערן צייטווייליקן זיג פונעם שונא.— —

אין דער צעריסענער ערד פון טראַנקאָן און מאַדריד
רוען פינף הונדערט יונגע געפאַלענע אַמעריקאַנער קריגער
פונעם אייברעהעם לינקאָלן־באַטאַליאָן ;
אין דער פאַרוויסטער ערד פון די פאַרברענטע שטעט
רוען טויזנטער יונגע זין און טעכטער פון שפאַניע ;
רוען טויזנטער אומשולדיקע מענער, פרויען און קינדער פונעם לאַנד !
— מאַדריד, וואַלענציא און בילבאָ, — אין פלאַמען !
דער טויט שפאַנט אין זיין ווילקירן מאַרשרוט !
גאַנץ שפאַניע — אין פלאַמען !
גאַנץ שפאַניע — אין בלוט ! ———

די רעגירער און דיפלאָמאַטן פון די רויבערשע לענדער
זיצן אויסגעזעצט אין זייערע קעניגלעכע לאָזשעס
און אַפלאָדירן צופרידענע דעם בלוטיקן ספעקטאַקל
פון די מערדער און שענדער
און שפילן שאַך מיט די לעבנס פון מיליאָנען !
און שפאַניע ראַנגלט זיך אין איר אַגאָניע ;
די שענסטע שטעט אירע,
זיינען איינגעוויקלט ביזן הימל אין פלאַמען !
און דאָס שפאַנישע פאָלק מיט די וואָלונטירן צוזאַמען,
ראַנגלען זיך אויף לעבן און טויט מיטן שונא פון פאָלק !
גאַנץ שפאַניע שווימט איצט אין פייער און בלוט !
און דער שונא שפאַנט, צינדט און צינדט ! — —
די וועלט ווערט געביסן פון צוויי משוגענע הינט —
די וועלט איז משוגע ! — —

צוויי פאָנען

ביי מאַדריד איצט שוועבט דער טויט
און פאָנען צוויי דאָרט זעט ער,
איינע האָט געוועבט די נויט;
די צווייטע — די פאַררעטער.

איינע איז פון רויט געשפּינט,
די צווייטע — פון פּיראַטן;
איינע האָט דאָס פאָלק געדינט,
די צווייטע — נאָר דעם זאַטן.

ביי די טויערן פון מאַדריד
שטייען צוויי אַרמייען;
אַ זעלנער שטום די פאָנען היט,
צווישן טויטע רייען.

נאָר אויבן איז דער הימל רויט
און פאָנען פלאַמיק שוועבן;
איינע איז די פאָן פון טויט,
די צווייטע — פאָן פון לעבן.

די פאָן וואָס האָט געשוועבט מיט טויט,
ניט פלאַטערט מער צוזאַמען;
נאָר די וואָס איז די פאָן פון רויט,
ווערט ניט פאַרצערט פון פלאַמען.

באַלאַגערטע שטאָט

שוואַרצע פלעדערמייז פליען איבער דער באַלאַגערטער שטאָט.
אונטער זייערע שוואַרצע פליגל
טראָגן זיי שטילערהייט באַהאַלטן דעם טויט.
פלאַמען און רויך רייסן זיך פון די טויערן פון מאַדריד,
ווי פון נעראָס אונטערגעצונדענער רוים!
הויך אויף די באַלקאָנען פון די פּאַלאַצן זיצן
צוויי משוגענע נעראָס און האַלטן אין די הענט
צוויי שוואַרצע ברענענדיקע פאַקלען.
אין זייערע גרינע אויגן שפּיגלט זיך אָפּ דאָס פייער
פון מאַדריד, די ברענענדיקע שטאָט!
זייער משוגענער געלעכטער צעטראָגט זיך
פון זייער באַלקאָנען־געצעלט
איבער דער גאָרער וועלט.

ביי די טויערן פון מאַדריד שפּאַנט דער טויט
מיט אַ האַקנקרייץ אין דער האַנט;
און ביים ראַנד פון קיינמסלאַנד,
ראַנגלט זיך די אַנטשיידנדיקע שלאַכט.
די מידע סאָלדאַטן וואַרטן אומגעדולדיק אויפן לעצטן קאַמף —
דעם סוף פונעם קריג!
נאָר אין די פאַלדן פון דער פאָן פלאַטערט
אַ בלינדער, דער „פאַרלאָרענער" זיג!

שוואַרצע פלעדערמייז טראָגן אונטער זייערע פליגל
ביים הימל־ראַנד באַהאַלטן דעם טויט.

פרויען און קינדער לויפן נאָך שוץ אין קעלערס און טונעלן ;
די פלאַמען און רויך גרייכן ביז צום הימל־הויך.
די פלעדערמייז מיט ברענעדיקע פליגל
פאַלן אַרונטער פון הימל אין פלאַמען. — —
אויף די מאַדרידער גאַסן קומען די מענטשן אַרויס
פון די קעלערס און געהיימע טונעלן.
נאָר די צוויי משוגענע נעראָם זיצן אַלץ — הויך אויף די באַלקאָנען,
ווי אויף קעניגלעכע טראָנען,
מיט ברענענדיקע פאַקלען אין די הענט,
און זייער משוגענער געלעכטער און גאַליקער שפּאָט,
צעטראָגט זיך איבער אַלע פיר עקן פון שטאָט.

צעריסענע מויערן קוקן אומעטיק אַרויס
מיט רויטע אויגן פון דער באַלאַגערטער שטאָט.
נאָר דער מוט פונעם פאָלק איז שטאַרקער נאָך
פונעם שונא׳ס באַלאַגער!
דעם שונאס הענט האָבן מאַדריד פאַרברענט !
נאָר ס׳וועט נאָך שלאָגן די שעה,—
אַ טאָג פון רעכענונג איז דאָ !
מיט שטורעם און בליץ וועט קומען מיליץ,
די העלדישע פאָלקס־אַרמיי
און באַזיגן די נעראָם די צוויי !

אויף די באַלקאָנען זיצן צוויי משוגענע נעראָם
און האַלטן צוויי אויסגעלאָשענע פאַקלען
אין זייערע קנאָכיקע הענט.
זייערע אויגן קוקן בלינד און קרום,
נאָר זייער משוגענער געלעכטער איז פאַרגליווערט און שטום,
ווי די פאַרגליווערטע פלאַמען
פון דער באַלאַגערטער שטאָט. — —

אין דער שטאָט פון דעם שטאַרבנדיקן האַר

ווי אַ גאָליווער ריז אַנטקעגן דעם ליליפּוטאַן,
וואַקסט אַרויס די געביידע פון עמפּייער־סטעיט,
אין דער הויך און אין דער ברייט,
אין דער שטאָט פון דעם האַר,
פון דעם שטאַרבנדיקן האַר.

ווי אַ ריזן־קאַרוזעל דרייען זיך די הויכבאַנען אום,
אום און אַרום אָט־דער עמפּייער־סטעיט,
אין דער לענג און דער ברייט
אין דער שטאָט פון דעם האַר
פון דעם שטאַרבנדיקן האַר.

ווי דער זייל־טענצער אויף דעם דראָטענעם שטריק,
שפּאַנט דער אַרבעטער אום אַהין־און־צוריק
אויף דעם הונדערטסטן שטאָק,
אויף אַ שטאָלענעם שטאַנג,
אין דער שטאָט פון דעם האַר,
פון דעם שטאַרבנדיקן האַר.

דער אַרבעטער טראַכט פון דער מאַכט
וואו עס הערשט אָן זיין!
און ער טראַכט פון דער שפּין,
וואָס זיצט אין דער נעץ
פונעם גאָלדענעם געץ,
אין דער שטאָט פון דעם האַר
פון דעם שטאַרבנדיקן האַר.

און דער אַרבעטער פּילט ווי דער גאָליווער ריז, —
אַ נעם טאָן די קרייסלער־געביידע מיט דעם זילבערנעם שפּיז
און דורכשטעכן ס׳האַרץ, דאָס צעפּרעסענע האַרץ,
פונעם קעניג דעם ליץ, מיט דעם גאָלדענעם געץ,
אין דער שטאָט פונעם האַר,
פון דעם שטאַרבנדיקן האַר! — —

בלומען
און שניי

אין גאָרטן ביי מיר
כריזאַנטעמעס צווײ,
נאָך בליִען ביים טיר
צוויי בלומען אין שניי.

די בלומען דאָ שטיין
פון פרילינג פאַרזײ;
פאַרבליבן אַליין,
צוויי בלומען אין שניי.

שוין האַרבסט — אַזוי באַנג,
מיט ווינט און מיט וויי;
דאָך בליִען נאָך לאַנג
צוויי בלומען אין שניי.

דער ווינטער שוין דאָ
און קאַלט איז אַזוי;
געשלאָגן די שעה
פאַר בלומען אין שניי.

דער גאָרטן שוין טויט
אין לעצטען פאַרגײ;
דאָך בליִען נאָך רויט
צוויי בלומען אין שניי.

טויבן אין שניי

טאַנצט שטיל דער שניי אויף די שויבן,
מיט פּראָסטיקן ווייס אין פאַרנאַכטן;
צוויי טויבן, צוויי שניי־ווייסע טויבן,
שטיל פּיקן אין פענצטער פאַרמאַכטן.

ער לייגט זיך, דער שניי, אַזאַ קאַלטער,
פאַרקלעמט זיינען לאָדן און ריגל;
שטיל, ווי דער טוי אַזוי פאַלט ער,
אויף טויבן מיט שניי־ווייסע פליגל.

דער שניי דעקט שוין צו יעדן מויער,
קופּאָלן און טורעמס באַגילדטע;
ביים פענצטער נאָר פלאַטערט דער טרויער
פון טויבן, וואָס פאַלן פאַרשטילטע.

שנייעלעך שטערענדלעך

שנייעלעך, פליטערלעך, זילבערנע שטערנדלעך,
קנאָספּעלעך, פּאָספּאָרנע, שוועבן שנעל;
גלאַנצן און טאַנצן אין הימלישע ספערנדלעך,
טייבעלעך, פיצינקע, ווייסינקע, העל.

שנייעלעך, ליבינקע, קינדערשע טרוימעלעך,
שיינענדיקע, בלישטשנדיקע דימענטן קליין;
בלימעלעך ווייסינקע אויף בערעזעווע בוימעלעך,
ליכטיקע, ציכטיקע, צאַרטינקע שיין.

שנייעלעך גלאַנציקע, טאַנצן און דרייען זיך,
פליטערלעך פלאַטערן סודותדיק שטיל;
הערצעלעך, קינדערשע, צאַפּלען און פרייען זיך,
אויגעלעך, קינדערשע, שטערנדלעך פיל.

בלימעלעך צוויי

צוויי מיידעלעך קליינע זיינען זיי געווען,
אין גאָרטן דערבײַ פֿון בלומען אַלערליי;
צווישן בלומען – בלימעלעך צוויי ט׳מען געזען,
מיידעלעך קליינע, בלימעלעך צוויי.

איינע געווען — שוואַרץ־חנ׳עדיק אַזוי,
ס׳פּנימ׳ל אירס, ווי מיט זונשיין באַמאָלט;
ס׳צווייטע — אייגעלעך ווי הימעלעך בלוי;
הערעלעך בלאָנדע — ווי לויטערער גאָלד.

געשפּילט האָבן זיי זיך יעדן פֿאַרנאַכט;
געטאַנצט און געזונגען ביז זונענפֿאַרגיי;
צווישן די בלומען עס האָט זיך געדאַכט —
בלומען דאָרט טאַנצן מיט די בלימעלעך צוויי.

און פּלוצים האָט איינע פֿאַרוועלקט ווי אַ בלום,
פֿאַרוועלקט אַזוי יונג, פֿאַרוועלקט שטילערהייט;
די צווייטע, באַגלייט האָט איר שוועסטערל שטום,
ניט געקאָנט האָט לאַנג דאָ פֿאַרבלייבן צעשיידט.

צוויי מיידעלעך קליינע פֿאַרבליבן געטריי,
צוויי בלימעלעך אין גאָרטן, מער זעט מען ניט זיי;
איצט וועלקן די בלומען אין גאָרטן דערבײַ,
און אויף בערגעלעך בליען איצט בלימעלעך צוויי.

ש נ י י

ס׳האָט אַ גאַנצע נאַכט געשאָטן
פונעם הימל אָן אַן ענד,
און פון זילבער־ווייסע ציגל
אופגעטורעמט הויכע ווענט.

ווייס באַדעקט די הייזער, טעמפלען,
יעדן ווינקל, יעדן עק,
יעדן זומפ און יעדער בלאָטע,
מיט אַ ווייסער איבערדעק.

און די בלאָטעס פילן שטאָלץ זיך,
אונטער ווייסן, קלאָרן שניי;
זיי, די ברודנע, שוואַרצע זומפּן,
ווייס ווי טעמפלען זיינען זיי.

קומט די זון מיט אירע שטראַלן
און דער ווייסער שניי צעגייט;
זעט מען: טעמפלען בלייבן טעמפלען
און די בלאָטע, בלאָטע שטייט...

אויפן גליטש

א י ן ט אַ נ ק אַ ר י י ן

גלאַט דאָס אייז, פאַרפראָרן טיף,
איז איצט דער טייך אין זילבער־גלאַנץ,
זילבער־ווייס און זילבער־גראָ,
זילבער, זילבער, דאָרט און דאָ,
קום מיט מיר אין זילבער־טאַנץ.

קום מיט מיר אין זילבער־טאַנץ,
וועסט פאַרגעסן זאָרג און פּיין,
ס׳וועט דיין געל און בלאַס געזיכט,
רויטלען זיך אין ראָזן ליכט,
קום מיט מיר אין טאַנץ אַריין!

פ אַ ר נ אַ כ ט

צינדן זיך די לאָמפּן אָן,
פאַרבט דאָס אייז זיך פיאָלעט.
העי, דו דאָרט, וואָס זיצסטו שטיל?
קום מיט מיר אין ווינטער־שפּיל,
קום מיט מיר, עס ווערט שוין שפּעט!

דאָרטן ברענט אַ רויטער לאָמפּ,
ווי אויף אַ קאַראַנטינע־שיף,
היט זיך אוים צו גיין אַהין,
דאָרטן איז דאָס אייז נאָך דין
און דאָס וואַסער קאַלט און טיף.

א י ן   ק נ ו י ל

הענט געפלאָכטן, הענט געדרייט,
שוועבן זיי פאַר מיר פאַרביי:
יינגלעך, מיידלעך, קליין און גרוים,
טאַנצן אייז־מעלאָדיעס אוים,
פראָסט־סימפאָניעס, שפּיפעריי.

יאָגט זיך איינער גלאַט אַזוי,
פאָלגט אים נאָך אַ צווייטער פויל;
פאָלגט אַ דריטער און נאָך מער,
לויפן, יאָגן הין־און־הער,
ביז עס צאַפּלט זיך אַ קנויל.

זאָגט, וואו לויפט איר דאָרט?

אינעם העלן לאָמפּן־שיין
שווינדלען סילועטן פיל,
שווינדלען, שווינדן וואו אַוועק,
קוקן שנעל זיך אום מיט שרעק
און די לאָמפּן שמייכלען שטיל.

איינער לויפט צו מזרח־זייט,
לויפט אַ צווייטער מערב־צו;
לויפט אַ מיידל שלינג־און־שלאַנג,
אויפן אייזפעלד ברייט און לאַנג,
לויפט זי און זי ווייסט ניט וואו.

זאָג, וואו לויפסטו, מיידל, דו?
זאָג, וואו לויפסטו דאָרט אַליין?
קום אָט־דאָ צו מיר אַהער!
ס׳איז דאָס אייז דאָ שטאַרק און שווער,
וועסט ביי מיר ניט פאַלן, ניין!...

בלומען בליִען

בלומען בליִען אין מײַן גאָרטן,
בלומען מערן וואָס אַמאָל;
בלומען וואַקסן פֿילע דאָרטן,
בלומען, בלומען אָן אַ צאָל.

אין מײַן גאָרטן וואַקסן בלומען,
בלומען צאַרטע אָן אַ שיעור;
בלומען בליִען, בלומען קומען,
בלומען, בלומען בײַ מײַן טיר.

בלומען בליִען — פֿילע פֿאַרבן,
בלומען, בלומען אַלערלײ;
נאָר פּליקט מען בלומען — און זײ שטאַרבן,
שטאַרבט מײַן האַרץ צוגלײַך מיט זײ.

קינדער ווינטער רייזע

פעטער שנייער איז געקומען
און אויף ווייס געפאַרבט די ערד,
ס׳האָט מיקיטאַ אין אַ שליטן
איינגעשפּאַנט שוין זיינע פערד.

לויפן קינדער „יאַזדעס כאַפּן",
איז מיקיטאַ אַ „גוטער - גוי",
לאָזט ער קינדער זיך „קאַטייען"
אין זיין שליטן אויפן שטרוי.

„וויאָ!" — שרייט אוים מיקיטאַ פריילעך,
גיט אַ פאָכע מיט דער בייטש,
און די פערדלעך נעמען פליען,
פערד פאַרשטייען שוין דעם טייטש...

ס׳זיינען פלינקע פערד מיקיטאַס,
האָבן פיינט צו כאַפּן שמיץ,
שווימט דער שליטן ווי מיט כישוף,
גליטשט זיך פלינק ווי אויפן גליטש.

הויבן בעקלעך אָן צו פלאַמען,
טאַנצן הערצעלעך פון גליק,
גליען אייגעלעך מיט פייער,
ביז מיקיטאַ קומט צוריק.

אומעטיק ווערן שוין די קינדער,
די רייזע האָט זיי ווי פאַרבלענדט.
יעדער רייזע, קורצע, לאַנגע, —
קומען מוז זי צו אַן ענד...

קינדער קליינע קינדער גרויסע

קינדער האָבן ליב זיך שפּילן,
ס׳גלוסט זיך זיין זיי אַ סאָלדאַט,
און מלחמות גרויסע פירן,
ווי די גרויסע — אָקוראַט!

טיילן זיי זיך אין אַרמייען
און באַוואָפענען זיך שטאַרק,
מיט די ווייסע ווינטער־וואָפן,
וואָס זיי קייקלען אויס אין מאַרק.

און עס נעמט נית לאַנג — די קליינע
שלאָגן זיך אויף לעבן־טויט,
ביז דער ווייסער שניי, דער ריינער,
ערטער־וואו שוין פאַרבט זיך רויט...

פליען, פלאַטערן די שנייען,
אויסגעמישט מיט שטיקער אייז,
און דערווייל וואַקסט אויס אַלץ גרעסער
דער צעשפּילטער קינדער־קרייז.

ביז עס קומען אָן די טאַטעס
און עס נעמט נאָר — איינס און צוויי,
קריגן קינדער מיטן רימען,
דאָרטן וואו עס טוט גאָר וויי...

ווערן חברה שטיל און רואיק,
שפּילן זיך אין טאַטנס שוים;
ווי איז אָבער יענע קינדער
וועמען טאַטעס פעלן אוים!...

בלומען וויינען

בלומען וויינען אין מיין גאָרטן,
ווינטן יאָגן אָן אַ שיעור;
בלעטער פֿאַלן, דאָ און דאָרטן,
האַרבסט — ער קלאַפּט שוין אין מיין טיר.

אין מיין גאָרטן וויינען בלומען,
פֿייגעלעך ניט קומען מער;
מיט אַ טרויער אַזאַ שטומען,
וויינען בלומען, אָן אַ טרער.

בלומען וויינען און פֿאַרשטילן,
ס'איז קיין טרייסט פֿאַר זיי ניטאָ;
בלומען, פּונקט ווי מענטשן, פֿילן,
ווען עס שלאָגט די לעצטע שעה.

ווינטער נאַכט

נאַכט — אַ בלויע לאַמטערנע,
מיסטיש ליכט, וואָס העלט ;
זילבער־שניי און שטערן,
שפּיגלען אין דער וועלט.

נאַכט — אַ שטומער היטער,
שפּאַנט אומעטיק און מיד ;
שטיל, קיין שאָרך, קיין ציטער,
ער זינגט אַ קלאַנגלאָז ליד.

נאַכט – אַ טויב אַ שטילע,
אין ווייטן רוים פאַרשווינדט ;
נאַכט — אַ מאַמעס תּפילה,
ביים וויג פון קראַנקן קינד.

נאַכט — אַ פעלד אין ווינטער,
אַ שיף ביים האָריזאָנט ;
אַ חלום אויסגעשפּינטער,
אַ ניגון, וואָס דערמאָנט.

קאָרוזעל

דריי זיך, דריי זיך, קאַרוזעל,
דרייט זיך, פערדלעך, דרייט זיך שנעל,
איר קאָנט דאָך דרייען זיך ווי גיך,
איר׳ט קיינמאָל ניט דעריאָגן זיך.

דריי זיך, דריי זיך, קאַרוזעל,
גאָלד און זילבער דיין געמעל,
דרייט זיך פערדלעך, אינעם שפּיל,
איר׳ט קיינמאָל גרייכן אייער ציל.

דריי זיך, דריי זיך, קאַרוזעל,
אין רויט און בלאָ, אין גרין און געל,
עס דרייט זיך דאָך אַרום די ערד,
מעגן דרייען זיך אויך פערד...

דריי זיך, דריי זיך, קאַרוזעל,
דיינע פאַרבן זוניק העל;
דרייט זיך פערדלעך, אָן אַ צאָל,
פערד דערוואַכן אויך אַמאָל . . .

דאָס ליד פון דער צייט

צייט פליקט טעג פון אונדזערע יאָרן,
ווי צאַרט־ווייסע פעדערן פון גענדז
און וואַרפט זיי פאַרשווענדעריש, געשווינד,
אויפן ווינט.

וואָס איז צייט?
צייט איז אַ מיראַזש פון זון־אויפגאַנגען
און זון־אונטערגאַנגען;
צייט איז אַ פעלד מיט גאָלדענע זאַנגען
און מיט דערנער און שטויב
וואָס דער רייזנדער זעט דורך דער שויב
פון אַ לויפנדיקער באַן;
צייט איז טעלעפאָנען־שטאַנגען
אויף דיין רייזע לאַנגער,
וואָס שפּרינגען ווילד און פריי
די שויב פון באַן פאַרביי.

צייט איז גרויס, צייט איז קליין,
צייט איז אייביקייט אַליין.

ניט דער קעניג און ניט דער האַר,
ניט דער חכם און ניט דער נאַר
קאָנען אָפּשטעלן צייט,
אייביקייט. — —

צייט איז נאָר אַ בריק פון פרייד און פּיין,
וואָס מיר גייען נאָר אַדורך
אויפן וועג פון זיין.

שקיעה

פאַרלעך דרייען זיך ביים שיין פון לאָמפּ
און טוען באַלד פאַרשווינדן;
עס רירן זיך דאָרט ביימער, געגלעט
פון מילדע אָוונט־ווינטן.

הערט מען ווי ס׳באַוועגן זיך
הינטער ביימער, הינטער גראָזן;
עמעץ האָט פון ליבע זיך —
ווי ווילד די האָר צעלאָזן.

מאַטראָסן פעסט געאָרעמטע
און מיט קינדערשער גאַווה,
וואַקלען זיך האַלב־שיכורע
און זינגען פון פאַרשטיקטער תאווה.

ווי צוגעשמידט צו דעם קערפער
שטאַרצן זייערע גלידער;
וואַקלען זיך מיט מיידלעך צוויי
און זינגען ליבע־לידער.

זיי זיינען אָפּגעהיט און זוכן
אויסצומיידן בייזע וועכטער;
טוליעט זיך דאָרט ווער און לאַכט
אַ שיכורן געלעכטער.

זוכן זיי ערגעץ אַן אָרט
פון מענטשנס אויג זיך אויסבאַהאַלטן;
סודעט איינער זיך און שעפּטשעט שטיל
אַ זיסן סוד אַן אַלטן...

דער הונט

(אַ משל)

אַהונט איז אַמאָל אַרויס פון זיין קאַנורע,
ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט צו באַווייזן זיין גבורה.
און טאַקע באַלד
אַוועק אין וואַלד
און דאָרט געזוכט אַן אָרט וואו אַמבעסטן
אויף אַ חיה זיך פאַרמעסטן.
ס׳האָט ניט גענומען לאַנג,
און ערגעץ שווער
געגאַנגען איז אַ בער
אויף זיין פאַנג.
געטראַכט האָט אונדזער הונט:
ס׳איז אפילו אַ געפאַר
זיך אָנצוהויבן מיט אַ בער...
דערפאַר אָבער
ווען ער, דער הונט,
וועט דעם בער באַזיגן,
וועלן חיות פאַלן ווי די פליגן,
אין דער שטיל
פאַר זיינס אַ ביל...

און ס׳איז געשען!
דער בער האָט אים דערזען

און איידער נאָך עס האָט דער בער
דעם הונט באַרירט
און ס׳פּאַסירט :
אַ יעגער האָט דערשפּירט :
אַ בער שפּאַצירט,
איז טראַכט ער גאָרניט פיל
און שיקט די קויל צום ציל...

האָט אונזער הונט געטראַכט :
„פון שרעק פאַר מיר, געוויס,
געפאַלן איז דער בער פאַר מיינע פיס״..
ערשט איצט וועל איך אַליין אים לאָזן פילן
דעם טעם פון מיינע ציין !״
און אונדזער הונט,
אַ ווילדער, מיט געפילדער,
געריסן האָט די וואונד,
ביי דעם בער דעם שטילן,
און פון גרויס שמחה
זיך פאַרגאַנגען אין אַ בילן...

עס זיינען דאָ אויך הינט צוויי־פיסיקע,
וואָס וואַרפן זיך אויף בערן
מיט זידלערייען פליסיקע,
ווען יענע קאָנען מער ניט הערן
און מיינען אַז זיי זיגן,
ווייל די בערן
האָבן זיי פאַרשוויגן...

דער אַלטער פּאַיאַץ

אויף אַ טאַץ, אַ בלוט־רויטע טאַץ,
פֿאַר אַ קליין ביסל זילבער־געלט,
טראָגט ער, דער אַלטער פּאַיאַץ,
זיין פּאַיאַצן־קאָפּ צו דער וועלט.

מען לאַכט שוין מערניט ווען ער שפּילט,
מען הערט קיינעם ניט לאַכן מער;
און קיינער ווייסט ניט ווי ער פילט,
און קיינער זעט אויך ניט זיין טרער.

דער עולם האָט גאָר שטאַרק געלאַכט
אין צירקן גרויסע אָן אַ צאָל;
ווען ער האָט נאַריש זיך געמאַכט,
נאָר דאָס געווען איז אַלץ אַמאָל.

איצט, לאַך פּאַיאַץ, מוזט לאַכן דאָך
ביז טרערן לאַכן, לאַכן פיל!
עס וועט דער עולם לאַכן נאָך
אויף דיין לעצטן, לעצטן שפּיל.

אַ הינטל האָט געוויינט

אַ הינטל האָט געוויינט ביי מיין שוועל,
אָ, ווער קאָן אַ הינטל פאַרשטיין?
די לבנה אַ ליכטיקע, העל,
געהערט האָט זיין שטילן געוויין.

דער באַלעבאָס האָט מיט אים זיך צעשיידט,
געבונדן צום האַלדז אים אַ שטריק;
דאָס הינטל איצט פילט און פאַרשטייט,
אַז ער׳ט מער שוין ניט קומען צוריק.

דער באַלעבאָס איז פון הויז שטיל אַרויס,
דאָס שיידן געווען אַזוי שווער;
איצט גייט ער פון בענקשאַפט שיעור אויס;
אין אויג זיינעם פינקלט אַ טרער.

אויפן שוועל ליגט ס׳הינטל און טראַכט:
ער וועט ליגן אַזוי אויפן שטיין;
ער וועט ליגן דורך טאָג און דורך נאַכט,
ביז ער׳ט אויסגיין ביים שוועל דאָ אַליין.

אַ הינטל האָט געוויינט ביי מיין שוועל,
זיך פאַרגאַנגען אין געוויין ווי אַ קינד;
די לבנה אַ פאַרגליווערטע, געל,
האָט געציילט זיינע טרערן ביז בלינד.

אַ געזאַנג צום קוימענקערער

קוימענקערער, קונצנמאַכער, אַקראָבאַט.
ווי אַ שד, אַן אויסגעשמירטער ביזטו,
ווי אַ פּאָקוסניק, אָקוראַט, —
פאַרשווינדסט אין וואָלקנרויך אין אַ מינוט.
מיטן קוימען־בעזימל און אייזנקויל ציסטו אַש פון קוימען
מיט דיין שוואַרצער שטריק,
ווי אַ שוואַרץ־קינסטלער, העזעלעך ציען טוט
פון זיין שוואַרצן הוט.

קוימענקערער, פלינק, רירעוודיק ביזטו אין דיין פאַך,
ווי דער דראָטנטענצער אויפן צירקן־דראָט,
ווען דו באַלאַנסירסט זיך אויפן ברעג פון דאַך
מיט דיין ריטמיש־לייכטן טראָט,
דאָ — אַהין, דאָ — צוריק,
מיטן בעזימל און אייזנקויל אין האַנט
און מיטן עמערל און דעם לאַנגן שטריק,
ווי אַ קינסטלער, קאָמעדיאַנט.

קוימענקערער, קיינער קאָן צו דיר זיך ניט פאַרגלייכן
אין דיין קוימענוועלט, דעם רייכן.
דו קלעטערסט פלינק און אָן שום ציטער
אויפן לייטער דינעם ווי אַן אַקראָבאַט געניטער.
אָן אַ טראָפּן מורא שפּרינגסטו איבער דעכער קרומע,
פון איין הויכן דאַך און פאַרדרייטן, —
אויפן צווייטן.

קוימענקערער, קינסטלער פאַרמאַסקירטער
אין דיין היטעלע פאַרשייטן,
און דיין פּנים, אויסגעשמירטער
אויף דעם קוימען הויכן, קרומען,
זעסטו אויסעט פון דער ווייטנס, ווי אַ שד אַ שטומער.
נאָר פון פּנים דיינעם אין סאַזשע איינגעטונקען,
לאַכן שוואַרצע אויגן,
גליענדיק ווי פייער פונקען.

קוימענקערער, מיט דיין בעזימל דעם שפּונטן,
קערסטו אויסעט אַלע קוימענגרונטן.
און ווען דיין אַרבעט איז פאַרענדיקט,
זעצטו זיך אַוועק אויף אַ קוימען הויכן
און פאַררויכערסט זיך דיין ליולקע
און באַטראַכסט דעם ריינעם קוימען
און די קלאָרע, העלע רויכן,
ווי זיי שוועבן אין די רוימען,
ווי זיי שפּרודלען און זיי קוועלן
און טוען מער שוין ניט די זון פאַרשטעלן.

קוימענקערער, שפּרינגסט אויף דעכער אום אַ פרייער,
כאָטש אָפט האָט לעבן דיינס ניט די ווערט קיין דרייער!
קוימענקערער, קונצנמאַכער, אַקראָבאַט,
ביזט אַ קינסטלער אַ פאַרשטעלטער און גלאַט אַ וואוילער יאַט!
ביזט דער מייסטער פון די אַשן און די רויכן.
ביזט שוואַרצקינסטלער פּאַקוסניק,
ביזט דער טענצער אויף די דעכער קרומע,
פון די הויכע קוימענס קוקסטו אָפּטמאָל שטום אַרונטער
און דו הערסט זיך צו צום טומל און געפּילדער
און עס דאַכט זיך דיר אַז דו זעסט אויף גאַסן און אויף מאַרקן

אַ וועלט אַזאַ, משוגענע און ווילדע — —
אָפּטמאָל דאַכט זיך דיר, אַז דו אַליין געהערסט גאָר
צו אַ וועלט אַ פרעמדער, אויסגעטראַכטער.
ווען דו זיצסט זיך אויפן קוימען אַ שטילער, אַ פאַרטראַכטער,
זעסטו אויס ווי אַ שוואַרצער פּעאַנאַמען, —
ווי דער „דענקער" פון ראָדען.

קוימענקערער, כאַטש דו טאַנצסט אַרומעט אויבן אויף די דעכער,
ווי אַ שד אַ שוואַרצער, אַ ניט-גוטער
און אויף די הויכע קוימענס טוסטו ווי אַן אומרו שפּרינגען,
איינגעהילט אין סאַזשע און אין רויכן-שטויבן,
דאָך טוען קינסטלער דיך באַמאָלן און באַזינגען,
נאָר דו אַליין, כאַטש שטענדיק אין די הויכן אויף די קרומע דעכער,
ווייסט, אַז איינער איז פון צווייטן —
קיינמאָל העכער...

דער שדכן

אַט דאָס קליינע, שוואַכע אָרים־יידעלע,
פון אָרים שטעטעלע דעם קליינעם,
איז געגליכן צו אַ צעבראָכן פידעלע
מיט סטרונעלעך דינינקע, וואָס וויינען.

נעבעך אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס,
עולם לאַכט פון זיין שדכנות־צעטל:
אַנשטאָט שדכנות־געלט באַקומט ער קללות;
מען לאַכט אין די הויפנס, דאָרט אין שטעטל.

אַט דאָס אָרים־יידעלע, דער שדכן,
פרעגט דער וועלט אַן אַלטע, אַלטע קשיא:
ס׳טייטש? ער איז דאָך סיי שדכן, סיי ברחן,
און ס׳פעלט אים אויס וואַסער אויף קאַשע?

עס לאַכט דאָס שטעטל אַ גרויס געלעכטער:
עס לאַכן אַלע, מענער און פרויען;
ער מאַכט דאָך חתונה אַלעמענס טעכטער,
זיינע, — פאַרזעסן ביזן צאָפּ דעם גרויען.

שלום עליכם

שלום עליכם — עליכם שלום!
ווי פרילינג־ווינטן ווארעמע, גלעטן זיי די ווערטער צוויי:
ווערטער צוויי פריידקע, שבת־קודש׳דיקע:
ווערטער צוויי, מחותנים צוויי, הארציק־באגריסנדיקע,
מיט אַ זוניק־יום־טובדיקן ניגון.
שלום עליכם, שיר־השירים־געזאַנג,
געזאַנג פון ליבע, האָפנונג, גלויבן און טרייסט
פאַר אַ פאָלק געיאָגטן און געפייניקטן:
געזאַנג, וואָס טראָגט זיך דורות־לאַנג
אויף ווייסע פליגל פון אַ טויב, פאַרבלוטיקטע!
געזאַנג וואָס טראָגט זיך דורך אַש און פלאַמען —
פון קאַסרילעווקע ביז ניו־יאָרק,
איבער דערפער און שטעט, לענדער און ימען;
געזאַנג צום זינגער פון פרייד און געלעכטער,
געזאַנג צום האַרציקן זינגער פון זיין פאָלק —
שלום עליכם. — —

דער וואַלד הערט זיך איין צום געזאַנג פונעם ווינט,
צום געזאַנג פון דער אָזערע און פונעם וואַסערפאַל:
דער וואַלד הערט זיך איין צום געזאַנג פון קוואַלן
לויטערע, שטילע,
צום געזאַנג פון די ביימער אין פרילינג,
און פון די בלעטער האַרבסטיקע, אין פאַרבן פילע,

צום געזאַנג פון די ווינטן און די פייגל־־כאָרן.
דער וואַלד הערט־זיך־איין צום געזאַנג פון גאָלדענעם קאָרן
וואָס וויגט זיך ווי כוואַליעס אין זון און ווינט,
אין ריטמישן טאַנץ פון די זאַנגען —
און מיר אַלע הערן זיך איין צום געזאַנג פון מענטשן,
צום האַרציקן געזאַנג און געלעכטער,
געלעכטער דורך טרערן, געלייטערטע:
און מיר אַלע הערן זיך איין צום געזאַנג
פון מענטשן־קינדער שטילערהייט —
צום מייסטער פון געלעכטער און פרייד, –
שלום עליכם. — —

פון קאַסרילעווקע, בערדיטשעוו און כעלם,
פון פראַנקרייך, איטאַליע, לאָנדאָן און ניו־יאָרק,
פון אַלע טיילן פון דער וועלט,
קלינגט דאָס פריידיקע געלעכטער פון שלום עליכם,
ווי זונשיין אויף אָליוו־גרינע פעלדער און לאָנקעס,
נאָך אַ זומער־רעגן געגאָרטן;
ווי קינדער־פרייד, שפּילערייען, זינגענדיק און שפּרינגנדיק,
אַנטקעגן רעגנבויגן פאַנטאַסטישן, צאַרטן,
טראָגט זיך דער וואונדער־געזאַנג פון שלום־עליכם. — —
ווער נאָך האָט זיין פאָלק אַזוי געטרייסט און געהיילט?
ווער נאָך האָט זיין פאָלק
אַזעלכע וואונדערלעכע מעשות דערציילט?
ווער נאָך האָט זייערע וואונדן מיט אַזויפיל ליבע,
מיט אַזויפיל צערטלעכקייט פאַרבונדן,
מיט רייד פאָלקסטימלעכע, געלייטערטע,—
מיט אַן עצה... מיט אַ דאָקטאָר... מיט אַ ציג...

מיט א גט... מיט גענדז... מיט א טעפל...
מיט מאַנאַלאָגן און מיט קאָמעדיעס און דראַמען,
ווי קרישטאָלענע שפּיגלען אין גאָלדענע ראַמען, —
שלום עליכם! — —

שלום עליכם, דערציילער האַרציקער,
מייסטער־ווירטואָז, געניאַלער, לעגענדאַרער.
זין און טעכטער פון אונדזער פאָלק
און פעלקער פון דער גאַרער וועלט,
לערנען דיינע קלוגע, פּערלדיקע רייד,
לאַכן און פרייען זיך שטילערהייט...
ווייל — „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן..."
זיי פרייען זיך און לאַכן פון דיינע וואונדערלעכע זאַכן,
אין טעג אין אומעטיקע, ליידיקע,
און אין טעג פולע, פריידיקע,
און די גאַנצע וועלט הערט זיך צו שטיל, פאַרגאַפט,
ווי א קינד, אין וויג, פאַרחלומטער,
צו זיין מאַמעס מעשה׳לעך קינדערשע, שיינע,
צום וואונדער פון דיין הומאָר,
ווי דימענטן, געקליבענע, ריינע;
צום געלעכטער, וואָס צעגייט,
ווי א זילבערנער פלייט, —
צום מייסטער פון פרייד און געלעכטער —
שלום עליכם! — —

די דאַמע מיטן יינגל

געגאַנגען איז אַ דאַמע אויף אַ שפּאַציר
מיט שטילע, אומעטיקע טריט
און מיט אַן אומרואיק געמיט.
די דאַמע, יונג, שלאַנק און עלעגאַנט,
געפירט האָט צערטלעך אַ קליין יינגל
ביי דער האַנט.

אויף דער דאַמבע ביים דווינע־טייך,
אויף דער אַלייע, ברייט און לאַנג
אין אַ שבתדיקן האַרבסט־טאָג אַ קופּער־גאָלדענעם,
פּונקט אַנטקעגן זונפאַרגאַנג,
געפינקלט האָבן ווי אין אַ כישוף־שפּיגל,
וואולקאַנען־פלאַמען אויסגעשפּרייט,
אין די וואַסער־פעלדן ווייט און ברייט,
ווי פליסנדיקע לאַווע צוגלייך
אינעם פליסנדיקן דווינע־טייך.

אויף דער דאַמבע ריזן־דעמבען שטייען,
גיגאַנטיש און שטאָלץ אין די רייען,
אויףביידע זייטן פון דער דאַמבע, די קרומע,
ווי וועכטער געטרייע, שטומע.
אין מיטן ציט זיך אויף מיילן־ווייט דער שאָסיי,
און אונטן פליסט די דווינע מיט אימפּעט און געדריי,
מיט איר זילבער־העלן שיין,
גלייך אין באַלטישן ים אַריין.

מידע הענדיקעסביים רודער,
שפּאַרן־אָן די דווינע מיט זייערע ריזן־פּליטן.
אַלערליי שיפלעך אין רווישיקן פּאַרקער,
מישן זיך־אויס מיט זעגל־שיפן אין זייער מיטן.
פאַראַכאָדן פירן פּאַסאַזשירן אַהין — אַהער,
און אַלץ בלענדט זיך אין אַ פאַרבן־סימפאָניע
פונקט אַנטקעגן זונפאַרגאַנג,
און ווי אַ צאַרט־ליריש־געזאַנג,
קומען־אָן קלאַנגען און סיגנאַלן,
און אַלערליי טענער און געשאַלן
טראָגן זיך פון שיפן, וואָס קומען אין נאָענטן באַריר,
ווי זיי וואָלטן אַלע אינאיינעם
באַגלייטן די דאַמע מיטן יינגל קליינעם
אויפן זונפאַרגאַנג־שפּאַציר.

דער דאַמעס אומעטיקע אויגן שטאַרן פאַרחלומט ווייט,
דאָס יינגל וואָלט זיין לעבן אָפּגעגעבן
צו וויסן פון אירע אויגן דעם באַדייט;
די דאַמע האָט האָט זעלטן־ווען געשמייכלט און זעלטן־ווען
געלאַכט —
פון וואָס־זשע האָט זי איצט געטראַכט?
אפשר פונעם זונפאַרגאַנג באַשייד?
אָדער פונעם יינגל, קליינעם,
ווען ווען האַרץ געפלאַטערט האָט פון פרייד,
מיטן געפלאַטער פון די פייגל פּילע,
איבער די זעגלען די זוניקע, שטילע,
אַנטקעגן זונפאַרגאַנג בראַנדיקן,

וואָס האָט אַזוי וואונדערלעך און אימפּאַזאַנט
געשפּיגלט אינעם טייך, דעם ראַנדיקן,
האַרט ביי דער דאַמבע־וואַנט.

אפשר האָט די דאַמע דאַן געזען
דעם חלום ווי פאַרזיגלט
אינעם ייִנגלס שטראַלנדיקע אויגן
וואָס האָבן זיך ווי אין אַ רעגנבויגן,
מיט טרערן קינדערשע געשפּיגלט;
אפשר האָט זי גאָר געזען דעם צער
אינעם ייִנגלס בלאַס געזיכט, וואָס האָט קינדיש געמאָנט
און פאַרבענקט געצויגן זיך צום האָריזאָנט
מיט זיינע קליינע, בלייכע הענט,
ווען די זון האָט מיט אירע לעצטע פלאַמען־ליכט,
דעם טאָג פאַרברענט.

די דאַמע האָט פּאַמעלעך זיך באַוואויגן,
ווען זי האָט דעם קליינעם ייִנגל
רואיק, שטיל אַהיימגעפירט.
נאָר אין דער דאַמעס אומעטיקע אויגן
האָבן טרערן, ווי בריליאַנטן,
שטיל באַצירט.

ש י פ ן

שיפן, שיפן, שיפן —
שיפער יונגע שטיפן;
אין אַזורן טיפן,
שפּיגלען זעגלען שיפן.

שיפן, שיפן, שיפן —
זעגלען ווייסע שטיפן
אין אַזורן טיפן,
שפּרייטן נעצן שיפן.

שיפן, שיפן, שיפן —
כוואַליעס בייזע שטיפן,
אין אַזורן טיפן,
קעמפן פישער־שיפן.

שיפן, שיפן, שיפן —
אוראַגאַנען שטיפן,
אין אַזורן טיפן
זינקען זעגלען, שיפן.

די שוואַרצע אָזערע

אָזערע, שוואַרצע, אומרואיקע,
פאַרנאַכט, ווען הימל ברענט מיט פייער־צונטן
אין דיינע טיפע, סודות־דיקע גרונטן,
ראַנגלסטו זיך מיט דיינע שוואַרץ־ברוינע ברעגן — —
אָט דאַכט זיך: דו טרעטסט אויף אַ רגע אָפּ
און אָט – וואַרפסטו זיך ווידער מיט צאָרן
אויף דעם וואַלד אַנטקעגן —
ווי אַ הונגעריקער וואָלף מיט זיינע שאַרפע ציין,
בייסטו שטיקער פון דער שוואַרץ־ברוינער ערד,
אין דיין לעצטן טויט־געראַנגל,
ווי אויפן שאַרף פון דער שווערד...

די ווינטן פאַרוויגן די כוואַליעס מיט אַ וואָלפיש געוויין
און לעשן אויס די לעצטע פלאַמען
אויף די בייזע ברויזיקע כוואַליעס.
דער וואַלד קעמפט — ניט אויסגעריסן צו ווערן, —
מיט די ריזיקע וואָרצלען צוזאַמען;
נאָר די מעכטיקע, שוואַרץ־ברוינע ברעגן
האַלטן די אָזערע, ווי אין צאַמען!

אָזערע, שוואַרצע, אומרואיקע,
ניט איינמאָל האָט מען דאָ שיפלעך געפונען —
איבערגעקערטע, ליידיקע.
ניט איינמאָל האָט מען דאָ פויערים אַרויסגעשלעפּט, דערטרונקענע,
אין נעצן פאַרפּלאָנטערט מיט שיפן.
דער וואַלד קוקט דורך זיינע טונקל־גרינע ביימער
און טרינקט זיך אין אָזערעס אומענדלעכע טיפן.

וואָלקנס, טונקעלע, יאָגן איבער דער בייזער אָזערע,
ווי שוואַרצע קאָשמאַרן צעלאָזענע.
פון ווייטן דערטראָגט זיך דאָס געוויין פונעם ווינט,
וואָס מישט זיך אויס
מיט דעם וואָלפישן בילן פון הינט.
נאַכט מישט אויס הימל, ערד, וואַלד און שליאַך,
פאַרוויגט זיי אין נאַכטיקער רו.
נאָר די אָזערע,אומרואיקע,
בלייבט אַלעמאָל וואַך.

אָזערע,שוואַרצע, אומרואיקע,
איינגעקריצט האָסטו זיך אין מיין קינדערשן זכרון,
ווען איך, אַ קינד, בין געשטאַנען לעבן דיר פאַרלאָרן — —
אַ מעטעלנעצע האָט דאָ געטאַנצט ווי אַ מכשפה
און דו האָסט געוואָרפן זיך מיט צאָרן
אויפן וואַלד דעם פאַרווייטן,
און דו האָסט זיך געראַנגלט ווי אַ ריז אין קייטן — —
אָפטמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז דיין שטורמיש האַרץ
איז איבערפולט מיט ליידן
און דו קעמפסט פאַרצווייפלט מיט דיינע לעצטע כוחות,
ווי דו וואָלסט זיך געוואָלט אויף אייביק באַפרייען
פון די שוואַרץ-ברוינע פיינטלעכע ברעגן,
וואָס האַלטן דיך אין קלעם
ביים שוואַרץ-גרינעם וואַלד אַנטקעגן,
און צעשמעטערן ווילסטו אַלע צאַמען
און צערייסן ווילסטו אַלע קייטן,
וואָס צווינגען דיך און האַלטן דיך אין צוואַנגען,
ווי אַ שקלאַף,
אויף אייביק דאָ געפאַנגען. — —

פליטן איבער דער דווינע

פייערלעך קליינע האָבן שימערירט ·
ערגעץ ווייט, אויף יענער זייט,
האָט די אָפּשפּיגלונג זייערע
די לויפנדיקע וואַסערן פון דער דווינע באַצירט.
פייערדיקע פּינטעלעך האָבן זיך געצונדן און פאַרלאָשן,
זיך אויסגעצויגן לאַנג און דין,
ווי אין שפּיגלען קרומע, רויט און גרין,
אין די זילבער־פאַלדן דינע
פון דער דווינע.

לאַנגזאַם האָבן לאַנגע פּליטן־שורות,
שווערע, זיך צו דער אייזערנער בריק געצויגן;
האָבן זיך די „כאָכאָלעס" אָנגעקוקט ווי שטומע
און געגלאָצט צום הימל אויגן פרומע, —
דאָרטן ווייט,ביים הימל־ראַנד,
שטייט די גרינע־בריק פון אייזן,
מיט די מעסערס שאַרפע, קרומע,
און זיי לויערן אויף אונדז און די פּליטן!
מיר מוזן זיי פאַרמיידן —
זיי קאָנען אונדז ווי קריעס־אייז צעשניידן!
איידער עס קומט אָן די נאַכט
מוזן מיר שוין זיין אויף יענער זייט
פון בריק פאַרשוואומען, —
דאָרט, די פּליטן אַנקערן און וואַרטן,
ביז עס וועט אַ טאָג אַ נייער קומען. — —

העי, כאָכאָל, אַרבעט פליסיק מיט דעם רודער!
דו מוזט דעם פּליט פאַרקערעווען!

פאַרקערעווען, כאָטש ס׳איז דיר שווער —
מוזט דעם פליט פאַרקערעווען — אַהער ! — —
לויפט אַ פויער אום צעשראָקן און שפּרינגט אַהער־אַהין,
אויף די גליטשיק־נאַסע באַלקנס פון די פליטן. — —
העי, ס׳איז די בריק ניט ווייט !
די מעסערס שאַרפע לויערן,
לויערן אויף אונז, פויערן !
העי, דו, דאָרט, לאָז ניט אָפּ דעם רודער !
דריי אַהער ! דריי דעם רודער אָט אַהער־אָ !
קלינגען ווילד, פארצווייפלט פויערשע געשרייען
איך דער לעצטער שעה.
יעדער שרייט און יעדער רופט
און קולות ווילדע זיך צעטראָגן אין דער לופט. — —

די זון, אַ שריפה האָט אויף יענער זייט גריווע אָנגעצונדן.
פון ווייטן האָבן פייער־פונקען אין דער דווינע זיך דערטרונקען,
און הינטערביימער איז די זון פאַרשוואונדן,
צוזאַמען מיט די זיך־צלמ׳דיקע פויערים,
אויף די לאַנגע שורות־שווימענדיקע־פליטן
מיט דעם באַלקן־רודער אין דערמיטן;
דאָרטן, ווייט ביים ראַנד פון זונפאַרגאַנג,
רואיק און זיכער אויף יענער זייט
פונעם מעסער, שאַרף און דיק,
אהינטער יענער זייט פון בריק.
זיינען פליטן רואיק איצט צום ברעג דערשוואומען —
און מיט שטערן ווי לאַמטערן,
איז פון וואַלד נאַכט אַרויסגעקומען. — —

די זון פֿאַרגייט

פּרץ הירשבײַנען

די זון פֿאַרגייט
און לעשט זיך אויס אין הימלראַנד
און הילט אין אומעט איין דאָס לאַנד,
און שאָטנס קומען אין דער שטיל;
נאָר אויף די פֿליגל פֿון אַ מיל,
וואָס פֿלאַטערט אין דער נאַכט אַרײַן,
שפּיגלט זיך דער לעצטער שײַן
פֿון זונענאונטערגאַנג.

די זון פֿאַרגייט
און ערגעץ־וואו אין מיטן ים,
פּונקט אַנטקעגן מערב־פֿלאַם,
ראַנגלט זיך אַן אײַנזאַמע שיף.
זי זינקט אין אָפּגרונטן שוין טיף,
נאָר אויפֿן שפּיץ פֿון מאַסטבוים, הויך,
שפּיגלט זיך נאָך אָפּ וואו בלייך
דער זונענאונטערגאַנג.

די זון פֿאַרגייט
און אין לענדער ווייטע־וואו,
זוכט אַ מידער דיכטער רו:
אויסגעוועזן שוין גאָר די וועלט,
דאָך, — ניט ערגעץ אָפּגעשטעלט.
אויפֿן דיכטערס בלאַס געזיכט
שפּיגלט זיך דאָס לעצטע ליכט
פֿון זונענאונטערגאַנג.

דער קאַפּיטאַן

ז. ווײַנפּערך

וואַנדערער מידער פון לענדער און ימען,
פון זעגל זוניקן געווען ביסטו קאַפּיטאַן ;
האָסט דײַן שיף געפירט דורך שטורעם און דורך פלאַמען,
דורך נעבל פינצטערן, דורך נאַכט און אוראַגאַן.

האָסט ליכט געבראַכט אין שטעט און לענדער ווייטע,
און געוועקט האָסטו מיט מעשים און מיט ליד ;
און געטראָגן האָסטו די קולטור באַנייטע
פון אַ פאָלק באַפרייטן מיטן נאָמען : ייד !

איצט שווימט דײַן שיף, אַ רואיקע, אַ שטילע,
איבער לענדער ווייטע, אויף דעם אָקעאַן,
וואו געוואַנדערט האָסטו אויף דײַנע רייזעס פילע,
נאָר פאַרגליווערט איז און שטום דער קאַפּיטאַן.

שווימט אַ זעגל זוניקער ערגעץ אין טומאַן,
אויפן רויטן האָריזאָנט, אין די ימען־וואו;
נאָר פאַרגליווערט איז און שטום דער קאַפּיטאַן, —
צום האַפן שווימט ער איצט, צום האַפן־לאַנד פון רו.

זינגער זוניקער

זינגער זוניקער פון לידער פריידיקע,
מיט דיין פעדער זינגענדיקער — דורך נעכט און טעג,
דערהויבן האָסטו מענטשן, באַליידיקטע,
מיט לידער מונטערע אויף זייער שווערן וועג.

זינגער האַרציקער פון מענטשן גלויביקן,
פּאַסטוכל־טרוימער אין וועלפיש־בייזער וועלט;
זינגער מוטיקער פון שלום אייביקן, —
כמאַרעס האָבן קיינמאָל ניט דיין זון פאַרשטעלט.

זינגער ליכטיקער — האָסט זונען אויסגעשפּרייט
אויף הימלען בלייענע פאַרטריבן בייזן ווינט;
האָסט וואונדן פיינלעכע פאַרבונדן שטילערהייט,
ווי אַ מאַמע טרייע איר פאַרוואונדעט קינד.

זינגער מונטערער פון מענטשן מוטיקן,
שטורעמס האָסטו איינגעשטילט אויפן האָריזאָנט,
נאָר דעם שטורעם אין דיין האַרצן גלוטיקן,
איינשטילן האָסטו קיינמאָל ניט געקאָנט.

איז געקומען אַ רייטער

איז געקומען אַ רייטער צורייטן פֿון ווייט,
צורייטן פֿון ווייט מיט אַ שווערד ביי דער זייט,
מיט אַ שטאָלענעם פּאַנצער געפּאַנצערט צום קריג,
זיין בליק אַזוי ליכטיק מיט גלויבן אין זיג.

איז געקומען אַ רייטער צורייטן פֿון וואַן,
אויף אַ טונקעלן פֿערד, אין אַ גאָלדענעם שפּאַן,
דורך נאַכט און דורך ווינט, אין ווילדן גאַלאָפּ,
דורך נאַכט און דורך ווינט, מיט פֿאַרריסענעם קאָפּ.

איז געקומען אַ רייטער צורייטן פֿון וואו,
וואָס הילט ער, וואָס צילט ער, וואָס שטערט ער די רו?
וואָס יאָגט ווי אַ קריגער אַרום ער זיין פֿערד,
און טראָגט ווי אַ זיגער, אַ שטומער זיין שווערד?

איז געקומען אַ רייטער צורייטן געשווינד,
מיט קאַמף און מיט מוט און מיט אַ פֿערד ווי אַ ווינט,
געקומען דורך בערג און דורך טאָלן צוגיין,
געקומען באַזיגן די וועלט — ער אַליין!

איז געקומען אַ רייטער — איצט רייט ער צוריק,
זיין קאָפּ הענגט אַ מידער און פֿינצטער זיין בליק,
די שווערד איז צעבראָכן, זיין גלויבן אים פֿעלט,
און שטום ווייגט דער זיג — פֿון זיין האַרץ — צו דער וועלט.

ווי אַ שטערן אין דער נאַכט,
ווי אַ ליכט וואָס אויסגעטראַכט,
ווי אַ שאָטן וואָס פאַרשטעלט,
שטיי איך אין דער מיט פון וועלט.

פונקט אַנטקעגן וואַרט די צייט,
ווי אַ בעטלער אין דער ווייט,
ווי אַ פעלד וואָס אויסגעשפּרייט,
ווי די זון וואָס שטיל פאַרגייט.

זילבער-פּלייט, אָ, בלייב ניט שטום!
ווי אַ בלינדער בלאָנק איך אום —
נאַכט און ווינט און וועגן-וואו,
אפשר ווייסט איר, וואו איז רו?

ווי אַ שוואַרצע פלעדערמויז
פלאַטער איך פון הויז צו הויז;
אפשר ווייסט איר פון מיין צער?
פרעג דעם חכם, פרעג דעם נאַר.

האָריזאָנטן — פלאַמען-שפּיל,
זיך פאַרלעשן אין דער שטיל;
ווי אַ שאָטן וואָס באַגלייט,
ביז דער גרענעץ, וואָס צעשיידט.

דער דיכטער־פּאַסאַזשיר

שווימט אַ גיגאַנטישע שיף אין מיטן, ים,
ניט מיטן זעגל שווימט זי און ניט מיטן ווינט,
שטאָלענע מאַשינען שניידן דאָ אַ וועג געשווינד.
די מענטשן פון דער מאַנשאַפט זיינען געאיבט אין פאַך.
אויפן טורעם שטייט דער קאַפּיטאַן רואיק אויף דער וואַך
און קוקט מיט שטאַרע אויגן אין דער ווייט,
און אויף די כוואַליעס וויגט זיך רואיק די צייט.
שטיל און רואיק איז דער ים,
רואיק איז די מאַנשאַפט, רואיק איז דער קאַפּיטאַן.
אין דער לופט טראָגן זיך די קלאַנגען פון אָרקעסטער:
טאַנץ־מוזיק מעלאָדיעס פון לענדער אַלערליי.
עס טאַנצן פּאַסאַזשירן פאָלקס־טענץ אין רונדן־געדריי.
אַלע זיינען פריילעך אויפן שיף־דעק, אַלע לוסטיק און פריי.
עס לאַכן די פּאַסאַזשירן, די מאַנשאַפט און עס לאַכט דער קאַפּיטאַן,
עס לאַכט מיט זיין זילבערשוים דער ים
און שפּיגלט זיך אין זוניקן סאַפּיר,
נאָר איינער לאַכט ניט!
דער דיכטער־פּאַסאַזשיר.

און פּלוצים האָט זיך דער ים צעבייזערט,
אַ שטורעם האָט זיך
מיט ווילדע כוחות — צעשפּילט אין דער טיף!
ווי אַ מולטער האָט זיך אַ וויג געטאָן די ריזן־שיף
און געשליידערט האָט דער ים די שיף פון באַרג אין טאָל,
די גיגאַנטישע שיף געווען איז ווי אין קאָשמאַר,
זי איז געשטעלט געוואָרן אין סכנה, אין גרויס געפאַר.
די פּאַסאַזשירן זיינען געלאָפן הילפלאָזע, משוגע אַזש פון שרעק.

פיבערדיק געאַרבעט האָט די מאַנשאַפט אויפן דעק.
דער קאַפּיטאַן האָט אויסגערופן אויפן מיקראָפאָן
און האָט באַפוילן יעדן איינעם אַ רעטונג־גאַרטל אָנטאָן.
ער האָט געוואָלט באַרואיקן פּאַסאַזשירן, גרויס און קליין.
נאָר שטאַרקער איז געוואַקסן די שרעק אומעטום,
און נאָך שטאַרקער געוואַקסן איז דער שטורעם אויפן ים אַרום;
ווי אַ צערייצטע חיה אין ווילדן צאָרן. —
האָט זיך יעדן געדאַכט, אַז אַלץ איז שוין פאַרלאָרן!
געטראָגן האָט זיך אין דער לופט אַזאַ מוראדיק געוויין. — —
נאָר רואיק איז געשטאַנען ביים פאַרענטש דער דיכטער אַליין,
ער איז באַהערשט געוואָרן פון אַזאַ מאָדנעם געפיל
און ווי אַ תפילה האָבן זיינע ליפּן געזונגען אין דער שטיל
יהודה הלוים ליד, וואָס האָט ווי פאַרכישופט דעם ים,
די כוואַליעס האָבן ווי געזונגען און גערעדט.
געטראַכט האָט ער פון זיין ברודער,
יהודה הלוי, דער געטלעכער פּאָעט.

ער האָט געזען דעם כישוף־שפּיל אויפן שטורעמדיקן ים,
און געזען יהודה הלוים זעגל־שיף צווישן הימל־ים־און־ווינט,
זיך ראַנגלען מיט די כוואַליעס, הילפלאָז און בלינד!
אין שטורעם האָט ער קלאָר דערזען אים אַליין,
הלוין, ביים פאַרענטש פון שיף אַ פאַרגאַפטן שטיין,
און זיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט טיפער פרייד.
און אין שטורם האָט ער קלאָר געהערט הלוים וואונדערלעכע רייד:
„פלאַטער זעגל! בויג זיך מאַסטבוים!
דו, מיין האַרץ, בלייבסט פעסט און שטאַרק!"
געדאַכט האָט זיך אים ווי אויף די שטורעמדיקע כוואַליעס
האָט זיך געטראָגן „ווי אויף אָדלער־פליגל", אַנטקעגן זונפאַרגאַנג,
אויף אַ ריזיקן פייער־פלאַם,
יהודה הלוים געטלעך ליד פון ים. — —

און פּלוצים, ווי דורך כּישוף, איינגעשטילט געוואָרן איז דער ים.
דער שטורעם איז פאַרגאַנגען אין דער נעפּלדיקער ווייט,
די כוואַליע־שפּיל איז צערונען אין דער שטיל, ווי אין הלוים ים־ליד,
געזונגען פונעם יידן, דעם דיכטער־פּאַסאַזשיר,
ווי פאַרוויגט וואָלט אַט־די כוואַליעס בייזע ווי מיט כּישוף־באַריר
און פאַרשטילט דעם שטורעם אויפן ים.——

לידער וועלן געזונגען ווערן פון פּאָעטן אַלערליי,
און ס׳וועלן אויך פאַרגעסן ווערן אַ סך פון זיי,
נאָר דאָס ים־ליד פון הלוין וועט אייביק לייכטן,
ווי אין דער נאַכט אַ שטערן
און וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן!——

אַ באַזוך אין שפּיטאָל

איך האָב היינט באַזוכט מיין חבר אין שפּיטאָל.
זיינע אויגן פאַרנעפּלט און האַלב־פאַרמאַכט
קוקן טיף פאַרטראַכט,
מיד און אומעטיק אַזוי, ווי ער וואָלט געפּאָרשט
די געדאַנקען מיינע, די פּאַר־אים פאַרשלאָסענע — —
ער ווענדט זיינע אויגן צום פענצטער, ווי צו דער וועלט,
וואָס איז איצט פאַר אים פאַרשטעלט מיט זונען פאַרלאָשענע.
רייד האַרציקע, שטילע, ווי מאָצאַרטס צאַרטע קלאַנגען,
דערגרייכן פון נאָענט און פון ווייט,
נאָר די צייט קריכט און פיניקט אין שפּיטאָל מאָנאָטאָן און שווער
און עס דאַכט זיך ווי אַלץ איז דאָ לער,
מישט זיך אוים און שווימט אום אין פאַרבן פאַרנעפּלטע, גרויע;
נאָר די גרענעץ, ווי אַ טיפער גראָבן אין דער נידער,
שפּרינגט דאָ אום פון טאָל־צו־טאָל,
פאַרשווינדט־וואו אין די קאָרידאָרן פון שפּיטאָל
און וואַקסט דאָ באַלד אוים ווידער. — —

דער קראַנקער דיכטער ווייסט,
אַז זיין לעבן הענגט אויפן וואָגשאָל.
ער ווייסט, מיין קראַנקער חבר, ער נאַרט זיך ניט!
ער וואַרט, מיין חבר, ביז זיינע אויגן באַגעגענען מיינע,
ער וואַרט, מיין חבר, ביז מיינע געדאַנקען באַגעגענען זיינע,
אָט־דאָ, ביים זוים פון דער צייט,
וואַכט זיין סענסיטיווער אויער,
מיר דאַכט אַז ניט ער, מיין חבר,

נאָר איך אַליין ליג דאָ אַ קראַנקער אויפֿן ווייסן בעט,
אַרומגענומען מיט ליבשאַפֿט און אַזויפֿיל זאָרג,
מיט אַזאַ שאַרפֿער, נאָגנדיקער פּיין
און ער, מיין חבר, רעדט צו מיר און רעדט,
רייד אַזעלכע לויטער־צאַרטע וואָס וואַרעמען ווי אַ טשעלאָ.
ער טרייסט מיך און באַרואיקט מיך אינעם אָוונט־שיין
און וויגט מיך ווי אַ קינד
אין דער מאַמעס אָרעמס איין. — —

דעם קראַנקן דיכטערס זילבער־לאָקן ליגן צעשפּרייט
אויפֿן קישן און אויף זיין הויכן בלאַסן שטערן.—
שטיקן טרערן, ווערגן און בלייבן שטעקן אין דער טיף.— —
מיין קראַנקן חבר׳ס דינע, דורכזיכטיקע פֿינגער,
נעמען איובֿ־דיק אַרום זיין טיפֿן צער;
זיינע אויגן שטעלן פֿראַגן אייביק־ניט פֿאַרענטפֿערטע,
וואָס מאַטערן ווי די סודותדיקע שאָטנס אויף די ווענט,
וואָס באַוועגן זיך אַזוי לאַנגזאַם און אומרואיק
מיטן דיכטערס ציטערדיקע הענט.

אַ צווייטער חבר, אַ מאָלער און פּאָעט,
בויגט זיך אָן איבערן קראַנקן חברס בעט,
צערטלט און טרייסט אים מיט חברשע רייד
און קושט זיין פֿיבערדיקן שטערן — —
דער קראַנקער דיכטער פֿאַרנעמט די וואַרעמע רייד
פֿון זיין געטרייען חבר גערן, —
ער פֿאַרמאַכט די אויגן זיינע שטילערהייט
און פֿאַרטראַכט זיך טיף און לאַנג:
ער זעט זיין אייגן לעבן פֿול מיט קאַמף און מוט,
אַנטקעגן רויטן האָריזאָנט אויף אַ זעגל־שיף אַ רויטע,

קעמפּט צווישן כוואַליעס שטורמדיקע, ווילקירנדיקע,
ווי די לידער זיינע, רעבעלירנדיקע,
זוניק און קעמפעריש ווי זיין בלוט. — —

וואָס וואָלט איך איצט ניט געטאָן אים צו העלפן ? — — —
די זון פאַרגייט צווישן די הויכע מויערן ;
די לעצטע שטראַלן פאַלן אויף דער ווערענדע, אויף די טויערן,
ביים ראַנד פון בלומען־גאָרטן און אויף דעם דיכטערס בלאַסע פינגער —
מיט זיינע אויגן פאַרמאַכטע זעט ער און פאַרנעמט דעם צער פון זיינע חברים,
און אַ שמייכל באַווייזט זיך אינעם שוואַכן שיין
אויף זיינע בלאַסע פאַרקרעמפּטע ליפּן באַזוימט מיט פּיין — —
דער שמייכל ווערט בולטער און שאַרפער ; קעגן זון פאַרגאַנג —
ער קעמפּט, דער קראַנקער דיכטער.

דער חולה וועט אַרויס פון געפאַר !
דער קאַמפּס־דיכטער וועט דעם טויט באַזיגן !
ער וועט אַרויס דער זיגער אינעם לעצטן שפּיל ! — —
דער קראַנקער דיכטער איז שוין ניט מער פאַרביי !
טרערן הייסע פרייריקע קייקלען זיך, בלייבן שטעקן שטיל,
אין האַלדז פון דיכטער דריי. — —

אַ נאָנע טאָר ניט וויינען

די יונגע אָרגל־שפּילערין פון קירך איז געשטאָרבן.
איר שוועסטער, די יונגע נאָנע, מאַרי,
מיט די שוואַרצע, ווינטיקע קליידער,
איז געקומען צו פאָרן פון מאָנאַסטיר
זיך געזעגענען מיט איר. — —
דו אין פרידן פלאָרענס, שוועסטער מיינע, קליינע,
זיי מיר מוחל —
אַ נאָנע טאָר ניט וויינען!

אַנטקעגן דעם בלומען־פאַרטרונקענעם ארון
זיצן די עלטערן פאַרזונקענע אין אומעטיקע געדאַנקען
און הערן זיך איין אין די זיסע טרייסט־רייד
פון זייערע פריינט און באַקאַנטע:
„אייער פלאָרענס איז רייצנדיק־שיין!"
„אייער פלאָרענס זעט אויס ווי אַ לעבעדיקע!"
די מוטער ענטפערט מיט אַן אויסגעצויגענער שטים:
„איז ניט קיין שאַנד אַריינלייגן אַזאַ יונגע אין קבר?" — —
די נאָנע שלייכט אַרום אין גאָרטן צווישן די בלומען.

אַן עלטערע פרוי שרייט איר נאָך:
„העי, מאַרי, מאַרי!"

נאָר די יונגע נאָנע קוקט אַריין אין די רייפֿע צעעפֿנטע בלומען
און איר בלאַסע האַנט האַלט אָנגעשפּאַרט איר וויגנדיקן קאָפּ — —
צווישן די גראָע ווענט פֿון מאָנאַסטיר
וועלקט איר יונג מיידלש לעבן ווי די ווייסע בלומען
אין איר פֿאַרוועלקטן גאָרטן.
זי טראַכט פֿון איר שוועסטער און פֿון די צאַנק־ליכט ביים ארון,
פֿון איר פֿאַרשטיקטער לוסט און פּיין וואָס גליט
און צאַנקט שטילערהייט צווישן פֿאַלדן פֿון איר שוואַרץ נאָנע־קלייד:
אַ נאָנע טאָר ניט וויינען!

טראַכט זי פֿון גאָט דעם געקרייציקטן איר באַשערטן;
די עלטערע פרוי שרייט הייזעריק אין גאָרטן אריין:
„העי, מאַרי, מאַרי!"
שוועסטער מאַרי ווישט אירע רויט־בלויע אויגן.
„אָ, מאַרי, מאַרי, וואָס טוסטו מאַרי?
אַ נאָנע טאָר ניט וויינען!

איינגעהילט אין פֿאַרביקע בלומען־בוקעטן
שלאָפֿט רואיק די יונגע פֿלאָרענס.
די צאַרטע פֿינגער אירע, וואָס האָבן מיט די זיסע קלאַנגען פֿון אָרגל
די פּסאַלמען פֿון קירכן־כאָר באַגלייט
ליגן איינגעקלעמט, פֿאַרוויים און אויסגעבונדן
מיט דער גאָלדענער באַצירונג פֿון דער „ראָזאַרי".
איר מוטערס אויגן קוקן שטאַר אויפֿן רואיק־פֿרעמדן טויט־שמייכל —
באַלד וועט מען איר קינד אין קבר אַריינלייגן.
אָ, פֿלאָרענס, פֿלאָרענס!

די פריינט אירע קומען און גייען, בויגן שטיל דעם קאָפּ
און פּרעפּלען קניענדיק און צלמען זיך אָפּ.
נאָר איינגעהילט אין בלומען פיל,
שמייכלט פרום און שטום פלאָרענס —
און אין גאָרטן צווישן בלומען וויינט מאַרי אין דער שטיל :
„אָ, מאַרי, מאַרי ! וואָס טוסטו דאָרט מאַרי ?
אַ נאָנע טאָר ניט וויינען! — —

דער לעצטער שלאָף פון אַלטן ציגיינער

שטיי אויף ציגיינער!
שטיי אויף ציגיינער פון דיין שלאָף!
אויף די גרינע לאָנקעס מעקן שוין די שאָף.
דער מעשענער גלאָק פון דער האַלב־פאַרשלאָפענער קו,
קלינגט אוים דעם יונגן באַגינען —
נאָר זיס און וואַרעם איז די רו
און נאָך זיסער איז דעם ציגיינערס שלאָף.
דאָס פייער ברענט און פלאַקערט, טאַנצט מיט קופער־רויט
און קנאַלט ווי די ציגיינער־בייטש און גלעט און וואַרעמט
זיינע מידע ביינער. — —
אויף די פעלדער בליען שוין יאַגעדעס און בלומען,
די לינדע פרילינג־ווינטלעך ברענגען ריחות, זיסע,
פון פעלדער וואַרטנדיקע, וואָס בעטן אויף דיין קומען.
נעכטן זענען טשאַטעס פייגעלעך פון לענדער ווייטע, וואַרעמע,
געקומען צופליען צוריק אַהיים און איצט זינגען זיי שוין
פאַרשייטע לידעלעך צום יונגן, זיסן פרילינג.
העי, ציגיינער, לאָזט מיך שלאָפן,
שלאָפן ביזן סוף!
זיס איז דעם ציגיינערס לעצטער שלאָף. — —

שטיי אויף ציגיינער!
דער האָן אינעם קאָטוך קרייט שוין אוים דעם מאָרגנרויט,
נאָר אויף די סטרונעס פון דיין ציגיינער־פידל
שפּילסטו טרויעריק אוים דיין בידנע נויט!
כאָטש אומרואיק איז דיין בלוט ווי דער אָסיען־ווינט.
אויף דער אומרואיקער באַנדורע דיינער,
שפּילסטו ציגיינער, אַלטע ציגיינערשע באַלאַדעס — —
נאָר די פערד טופּען שוין אומרואיק מיט זייערע פּאָדקאָוועס
און די ווייטקייט לאָקט און רופט
מיט דעם אומרו וואָס פלאַטערט אין דער לופט
און מיט דעם ריטם פון פלינקע ציגיינערשע טענץ, וואָס שוועבן אום
אין דעם מאָרגנטוי, ווי שאָטנס אומעטיקע, שטום;
ווי די זיסע ריחות פון די יונג־פאַרזייטע פעלדער,
ווי די וויינענדיקע קלאַנגען פונעם פידל,
וואָס טראָגט זיך ווי דער יונגער פרילינג־ווינט אַנטקעגן
און יאָגט זיך איבער פעלדער, איבער וועגן. — —
העי, ציגיינער! לאָזט מיך שלאָפן!
שלאָפן ביז׳ן סוף —
זים איז דעם ציגיינערס לעצטער שלאָף.

שטיי אויף ציגיינער!
די גרינגע טריט פון דער כאָפּטע ציגיינער־יונגען,
טראָגן זיך אומרואיק און סודות׳דיק אַרום.
די גאָלדענע אויריננגלעך בלענדן קעגן דער זון,
נאָר דאָס פידעלע דיינס הענגט אומעטיק און שטום
אין דיין וואָגן דעם צעוואָיעטן,
צוזאַמען מיט די ציגיינערשע באַנדורעס.
אַלט און מיד ביזטו ציגיינער פון וואַנדערלוסט,

מיד פון שלעפּן זיך אויף די וועגן אָן אַ ציל!
מיד פון הונגער און פון ציגײַנער וואַנדער־שפּיל!
מיד פון רעגן־שטורעם און פון אָסיען־ווינט
און פון וועגן, צאַמיקע, פון שנייען און זאַווייען אויפן סטעפּ
און פון בייזע, אָנגערייצטע הינט!

נו, שפּיל און טאַנץ ציגײַנער, פאַרגעם דיין פּיין!
נו, זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין!
און נעמען זאָל צו דעם אַן עק!
נאַכט פאַרדעקן וועט דעם הימל מיט אַ שוואַרצער דעק. —
העי, ציגיינער, לאָזט מיך שלאָפן,
שלאָפן ביזן סוף! —
זים איז דעם ציגיינערס לעצטער שלאָף.— —

דאָס ליד פון דעם יונגן גאָנדאָליר

דעם גאָנדאָלירס פינגער בארירן די סטרונעס פון זיין גיטאַר —
גאָנדאָליר, גאָנדאָליר!
ווי דער איבערפלאַך פון לבנהדיקן־וואַסער ציטערט־אויף
דיין יונג האַרץ, גאָנדאָליר. — —
יונגער ווינט, פרילינג־ווינט, — דער גאָנדאָליר איז יונג.
ער פירט זיין שיף אין דער שטערנדיקער נאַכט.
אויף פעלדן פון לבנה־שיין,
אין ליבע־טויער שטיל אריין.
נאָר דער אומעט זיינער גייט אים־נאָך און וואַכט
ווי אַ פולע לבנה אין דער נאַכט.

גאָנדאָליר, דו פירסט אַ ליבע־פּאָר אין דיין קאַיוט.
אַ ליד גייט אויף פון דאָרט
געמישט מיט וואָוילגערוך און מישט זיך אויס מיט אַנגעצונדן בלוט;
און אַט נעמט שלאָגן ווילד דיין האַרץ, ווי דער טאַמבורין,
נאָר דו שטאַרסט אין דער ווייט ווי דער מוזעאין;
דו שטייסט ביים ראַנד פון דיין גאָנדאָל,
און שעפּסט לבנהדיקע וואַסער־הויפנס,
און הערסט זיך איין אין דיין אייגן קול,

און צום ציטערדיקן קלאַנג פון דיין גיטאַר,
וואָס שלאָגט זיך־אָן אָן שפּיגלדיקן פלאָם
פון דיין טונקעלן פּאַנאַר.
דאָס מוטנע וואַסער פליסט ווי דרעמלדיקער צער און נאָגט
דיין יונג און שטורעמדיק האַרץ ...
דאָס ליבע־פּאָרל פאַרלירט זיך אַזש אין זיסן פּיין־עקסטאַז
נאָר דער יונגער גאָנדאָליר, ער פירט זיין שיף געטריי
און פונקט ווי דער יעוונוך
פאַרוויגט זיין שטומען פּיין מיט שטילן פלוך,
נאָר זיין יונג טענאָרן־קול באַגלייט מיט זיין גיטאַר,
צעטראָגט זיך אין דער לופט, אינעם שיפן־קאַרניוואַל,
ביים גרויען טויער פון קאַנאַל.

גאָנדאָליר, גאָנדאָליר!
פון דיין אומעטיקער גיטאַר
פאַלן קלאַנגען שטילע, פול מיט צער.
זיי שלאָגן זיך־אָן אָן די שטיינערנע טרעפּ פון פאַרלאָזענעם פּאַלאַץ,
דער ליבע־פלאָם האָט אויסגעברענט ביזן לעצטן וויי,
פאַרפלאָנטערט העגנען אָרעמס פיר —
וואָלקנס קומען־אָן פון ווייט
מיט אומעטיקן שפּאַן,
נאָר דיין האַרץ, גאָנדאָליר, איז ווי ברוזיקער וואולקאַן!
איצט שווימט דיין שיף צוריק מיט דיין לאַמטערנע אויסגעלאָשענע
אויף דיין גאָנדאָל, אונטער דער אומעטיק־טונקעלער בריק;
דיין טענאָרן־קול שלאָגט זיך־אָן
אָן דעם אייזערנעם באַלקאָן,
ווי אַן עכאָ אין דער נאַכט,
נאָר דו אַליין לאַכסט
ווי דער וויינענדיקער פּאַיאַץ
ביי די שטיינערנע טרעפּ
פונעם פאַרלאָזענעם פּאַלאַץ. — —

דעם קינסטלערס לעצטע טעג

זאָגט מיר, מענטשן־קינדער טייערע,
פאַרוואָס פאַרשטייען מענטשן אַזוי ווייניק
איינער דעם אַנדערן ?
און פאַרוואָס שאַצן מענטשן אָפּ אַזוי זעלטן
איינער דעם אַנדערן ?
און פאַרוואָס מוז אַ קינסטלער וואַרטן
האַרצלאָזע טעג און נעכט
אויף זיין קינסטלער־וועג,
אויפן ביסל אָנערקענונג,
ביז זיין האַרץ ווערט פון שטילשווייגן פאַרצערט
און זיין נשמה ווערט פאַרגליווערט פון פיין !
כאָטש איין ביסל ליב וואָלט געקאָנט ברענגען
אַזויפיל טרייסט !
כאָטש איין צערטלעך וואָרט וואָלט געקאָנט געבן
אַזויפיל האָפענונג און מוט, —
אין וואָס דער קינסטלער נויטיקט זיך
און וואָס ער גאַרט אַזוי לאַנג
אויף זיין איינזאַמען גאַנג.

וואָס טראַכט דער קינסטלער
אין זיינע שלאָפלאָזע נעכט?
און וואָס זעט ער מיט זיינע מידע אויגן?
און וואָס הערט דער קינסטלער
אין זיינע לעצטע טעג? —
דער קינסטלער טראַכט פון דער טויב־שטומער וועלט
וואָס איז אַזוי גלייכגילטיק און ברוטאַל!
ער זעט טעג וואַרעמע, זוניקע, טעג פאַרהאַנגענע,
ער הערט שטילע ליוב־געזאַנגען
ניט דערזונגענע, ניט דערגאַנגענע!

זאָגט מיר, מענטשן־קינדער טייערע,
זאָגט מיר, ווער זיינען מיר
און וואָס זיינען מיר אַלע?
מיר, וואָס טוליען זיך אין אַ וועלט אַ ברוטאַלע,
ווי פייגעלעך קליינע
צו ברעקעלעך לעבן. — —
איר, פון דער הויך און איר — פון דער נידער,
איר, נאָענטע און איר ווייטע,
זאָגט מיר, וואָס איז העכער פון יושר?
וואָס איז שטאַרקער פון אמת?
און וואָס איז טיפער פון רחמנות?
טיף אין האַרצן טראָגן מיר דאָך אַלע
חלומות ליכטיקע, זוניק און רייך —
פאַר אַלע מענטשן־קינדער גלייך!

אַ קינסטלער איז אַוועק פון אונדז אַזוי פרי,
אין אַ פרילינג־טאָג, אין אָנהויב פון בלי. — —
אויף די גאַסן פון קאָני־איילאַנד און ברייטאָן,
בליִען שוין קנאָספּן און עס גרינען שוין ביימער,
נאָר מיט זיי האָט זיך געזעגנט אַ קינסטלער, אַ טרוימער,
אין סאַמע מיט פון שאַפונגען,
ניט דערענדיקטע, ניט דערשפּונענע,
ווי די חלומות זיינע, צערונענע,
חלומות פון אַ וועלט, אַ ליכטיקע,
פאַר אַלע, אַלע מענטשן־קינדער, — —
און אויף די גאַסן פון ברייטאָן, לעבן די ברעגן פון ים,
טראָגט זיך איצט דער חלום זיינער,
ווי די פליטן ווינע איבערן הוינע־טייך,
פון זיין לעצטן געצעלט
איבער דער וועלט. — —

אין פלאַמען זעט דער יידישער פּאָעט

אויפן שאַרף פון האָריזאָנטן־פּלאַם
שווימט אַ שיף א שטאָלענע אין מיטן ים.
עס רייזן פּאַסאַזשירן יונג און אַלט :
געשעפטסלייט, אַרבעטער, פּראָפעסיאָנאַלן,
קינסטלער, מוזיקער פון וועלט־טיילן אַלע,
פון ווייטע לענדער און פון ווייטע שטעט,
צווישן זיי רייזט אויך
אַ יידישער פּאָעט.

דער קאַפּיטאַן פירט זיין שיף רואיק און באַדאַכט,
דורך נעפּל בלינדן און דורך שטערנלאָזער נאַכט ;
דורך שטורעמס און אוראַגאַן,
דורך כוואַליעס בייזע און טומאַן,
ער פירט זיין שטאָלצע שיף אין ריטמישן געיעג
מיט זיין געניטער האַנט,
אויפן שטורמדיקן וועג
פון לאַנד צו לאַנד.

אין שעה׳ן בייזע, שטורעמדיקע אויפן ים,
טראַכטן אָפט די פּאַסאַזשירן פון נאָענטע אין היים און לאַנד.
די מאַנשאַפט טראַכט פון ווילדן שטורעם, אוראַגאַן,

וואָס שליידערט אום די ריזן־שיף פון ראַנד צו ראַנד,
און הויבט זי אויף אויף כוואַליעס הויך ווי אויף אַ ריזיקן וואולקאַן
און וואַרפט זי באַלד אין טאָל אַריין פון בייזן אָקעאַן.
עס טראַכט פון שיף מיט שטאָלץ דער קאַפּיטאַן,
אויף יעדנס ליפּן הענגט אַ שטיל געבעט,
נאָר אַנדערש טראַכט דער יידישער פּאָעט:
ער קוקט אין ווייטן האָריזאָנט, דער הימל — פלאַמען־רויט,
אין די פלאַמען זעט ער: שפּאַנישע שייטערס ברענען;
אין די פלאַמען ראַנגלען זיך
מאַרטירער, ברידער־זיינע מיטן טויט.

ער זעט: ברידער, שוועסטער זיינע, פאַרפּייניקטע אָן צאָל,
קדושים פון אַלע צייטן, פון איצט און פון אַמאָל.
ער זעט: טויט־מאַרשן שוידערלעכע; טויט־לאַגערן, מאָנסטערישע!
ער זעט: ערד אויסגעווייקט אין יידיש בלוט.
ער זעט: קאַלכאויוונס גיהנום־דיקע, אָנגעהייצט און גרייט,
וואָס דייטשן האָבן זיי מיט פלייס געבויט.
אין די אויוונס, אין די פלאַמען העלישע, זעט ער ווידער
די מאַרטירער יידישע, זיינע ברידער!

ער זעט, דער יידישער פּאָעט, דעם יאוש־געראַנגל
אין די פינצטערע וועלדער, וואָס זיינע ברידער פירן
קעגן באַוואַפנטע נאַצי־האָרדעס מיט זייערע טייוולשע מאָרד כלי־זיין,
די שראַפּנעלן, פלאַם־וואַרפער, מאַשין־ביקסן, טאַנקען, עראָפּלאַנען!
ער זעט: נאַכט־שריפות ווילדע ברענען —
אין די פלאַמען איז פאַראַן
דער ברודער זיינער, יידישער —
מאַרטירער, פּאַרטיזאַן!

ער זעט, דער יידישע פּאָעט,
דעם קאַמף העראָאישן, וואָס ברידער זיינע פירן
הינטער ברענענדיקע מויערן, הינטער גיהנום־דיקע חורבות,
קעגן ווילדע מחנות פאַדיסטישע דייטשן,
אין דער וואַרשעווער געטאָ, ביי די קוילן־ווענט!
אין די געטאָ־פלאַמען זעט ער ווידער
זיינע ברידער, יידישע מאַרטירער,
פירן דעם קאַמף פאַרצווייפלטן מיט הוילע הענט —
ביז צו ענד!

ער זעט, דער יידישער פּאָעט,
זיינע פאַרמוטשעטע, פאַרצווייפלטע ברידער און שוועסטער,
די געראַטעוועטע פון גיהנום, פון די דייטשע טויט־לאַגערן,
וואַנדערן מידע איבער ימ־ען, זוכן היים און מנוחה,
אויף אַלטע, צעבראָכענע שיפן, צווישן בייזע, הויקערדיקע כוואַליעס,
פאַרפאָלגט פון ענגלאַנדס לויערנדיקע קריגס־שיפן,
וואָס באַשיסן זיי ברוטאַל,
די נאָרוואָס געראַטעוועטע פון כל־ערליי מיתות־משונות,
באַשאָסן פון טאָרפּידאָס און פלאַמען גרויליקע!
אין די פלאַמען זעט ער ווידער זיינע ברידער —
מאַרטירער הייליקע!

ער זעט, דער יידישער פּאָעט,
דיכטער, שרייבער, בינע־קינסטלער, מענטשן פון קולטור,
די שענסטע זין פון פאָלק,
געפּייניקטע, דערמאַרדעטע, אין יענעם לאַנד, „באַפרייטן"
משונהדיק און ווילד, אָן רחמנות און אָן זין!

עס ווייסט אפילו קיינער ניט וואו זייער געביין געפינט זיך!
ער זעט: די יידישע קולטור פאַרוויסט און אויסגעוואָרצלט!
און פאַרברענט!
אין די פלאַמען זעט ער ווידער די מיט קעפּ־געבויגענע,
דערשטוינטע מיט הערצער פאַרקלעמטע,
די ברידער זיינע, מאַרטירער, באַליידיקטע, פאַרשעמטע!

ער טראַכט, דער יידישער פּאָעט,
פון דער גלייכגילטיקער וועלט אַרום,
וואָס איז געווען בלינד, טויב און שטום
צום בעסטיאַלן גענאָסיד און מאַסן־מאָרד
פון מאַן, פרוי, גרייז און קינד!
ער פרעגט: פאַרוואָס האָט די וועלט גאָרניט געטאָן
צו דער מאָנסטערישער אויסראָטונג
פון זיין פאָלק — זעקס מיליאָן!

ער טראַכט, דער יידישער פּאָעט,
פון נביא ישעיה וועגן אַקער־אייזן און שווערד;
ער זעט מער ניט קיין בלוט־צעווייקטע ערד;
ער זעט ניט מער קיין שנאה, ער זעט ניט מער קיין פלאמען,
עס הערשט אַ שלום אייביקער אין אַ וועלט אַ נייע —
אַלע פעלקער לעבן איצט גליקלעכע צוזאַמען
און צווישן זיי, די ברידער זיינע, יידן,
אויסגעלייזטע, פרייע! — —

דאָס ליד פון יענער וועלט

שאַ־שטיל, מאַכט ניט קיין גערודער!
שאַ־שטיל — געשלאָגן האָט די שעה,
און איך, משה ב״ר בנימין מק״ק דווינסק,
בין אויך שוין מער נישטאָ!...

אוי ווי! אַזוי מאָדנע, אַזוי גיך איז דאָס געשען!
איך האָב אפילו ניט געזען
דעם טויט פאַר די אויגן!...
און כאָטש איך האָב מיך אַלעמאָל אויף דעם געריכט,
און כאָטש איך בין אַלעמאָל אויף דעם שוין גרייט געווען,
דאָך — ווי אַ סורפּריז — געקומען איז עס אומגעריכט!...
איך האָב געוואוסט: אייביק לעבט דאָך קיינער ניט,
און פונקט ווי אַלע, אָרים, רייך, גרוים און קליין,
וועל איך אויכעט — פריער־שפּעטער — מוזן גיין...
אָט ווי דער טאַטע מיינער, ווי די מאַמע,
ווי די קרובים און די פריינט מיינע — אַלע, אַלע,
ווי וויינפּער, כאַנוקאָוו, קורץ און קאַלעם,
דאַכט זיך, אָט־ערשט ניט לאַנג,
אַזוי רואיק, אַזוי באַנג, סודותדיק־פאַרטרויט,
מיט זיי אַלעמען געשמועסט וועגן טויט...

אוי־ווי! פאַרוואָס איז עס געקומען אַזוי פּלוצים, אַזוי גיך?
וואָס איז דאָרט די איילעניש געווען?
וואָס האָט דאָרט געברענט?...

און פאַרוואָס האָט מען אויסגעקליבן גראָד מיך?...
עס זיינען דאָך אויף דער וועלט פאַראַן אַזויפיל מיליאָנען
מאָלער און פּאָעטן
מיט אַ סך אַ גרעסערן טאַלאַנט...
עס זיינען דאָ אַנדערע, עלטערע, קראַנקערע, בילכערע...
שאַ! — אפשר איז עס גאָר אַ חלום נאָר?...
משה, משה! — לייג זיך ניט קיין פייגעלעך אין בוזים...
דו ווייסט גאַנץ גוט וואָס ס'האָט מיט דיר פּאַסירט!...
ס'האָט דיין האַרץ שוין מער ניט פּולסירט!
דו האָסט נאָך קיינמאָל פריער אין דיין לעבן ניט געפילט,
ווי דיין האַרץ ווערט פאַרשטילט...

ביזט אַוועק, משה, ווי אַלע מענטשן־קינדער צוגלייך,
ווען דו האָסט אויפן שאַרף פון האָריזאָנט ביים טייך,
דעם מיסטיש־בלויען־גרענעץ, ווי אַ בלינדער, —
דורך קיינעמסלאַנד — איבערגעשפּאַנט,
און דיך באַרירט האָט אַזאַ קאַלטע האַנט...
געדענקסט משה? — אויף דיין לעצטן גאַנג,
געזען האָסטו: מחנות גאַנצע אין מאַרשרוט,
מיט פּנימער בלייכע, אָן אַ טראָפּן בלוט...
פּנימער, באַקאַנטע, אָ, שוין ניט געזען זיי אַזוי לאַנג...
און זיי האָבן דיך באַגריסט מיט אַ שמייכל און מיט אַ מאָדנעם וואונק,
אַזוי רואיק, שטיל, ווי פון גאָר אַן „אַנדער וועלט”...
אַ הינטער דיר, געדענקסטו?
נאָכגעגאַנגען זיינען פיל, אָ, אַזויפיל נייע געסט,
ווי להבדיל איידעמס אָרימע, אויף קעסט.
געדענקסט משה? — דו האָסט דעם בלינדן שומר
שטיל געפרעגט, ווי אַ נעבעכעל באַשיידן...
צי פירט ער דיך גלייך אין גיהנום אַריין?

אָדער — כאָטש ביסט געווען אין ספק — נאָר,
אפשר? מען ווייסט ניט, — אין גן־עדן?...

דאָך, ביי מיר אין סטודיאָ האָב איך געזען,
ווי אַלץ איז פאַרבליבן ווי געווען:
דאָס בעט, דער שרייב־טיש און אַלץ אַרום.
נאָר די בילדער מיינע אויף די ווענט
געהאַנגען זיינען אַזוי מאָדנע, קרום...
דאָס מאָל־ברעט, פּאַליטרע, לייוונטן, פּינזלען, פאַרב;
דער פייער־פּלאַץ האַלב־פאַררוויכערט און פאַרברענט...
און די „טראַפּיס" אויבן, פאַר אַטלעטישן פאַרמעסט,
און מעדאַלן גילדערנע, זילבערנע און בראָנזענע
און אויסצייכענונגען אַלערליי,
פאַר די בילדער מיינע אין קאָנטעסט, —
איבער דרייסיק אין דער ריי,
געלעגן זיינען פאַר־יתומ׳ט און פאַרגרינט...
און פאַרטריקנט זיינען געלעגן די פעדער און דער טינט...
די ליידיקע לייוונטן געשטאַנען זיינען אומעטיק, פאַרשעמט,
ניט באַרירן וועלן זיי קיינמאָל־מער מיינע הענט!
אַלץ געלעגן איז איצט אָפן, אָפן פאַר דער וועלט...
נאָר דער שפּיגל מיינער —
געווען איז פאַרשטעלט...

נאָר ס׳לאָזט זיך מיר נאָך אַלץ ניט גלויבן!...
גאָר פּלוצים, אַזוי גיך, געהערט האָב איך שוין קלאָגן...
כ׳האָב אפילו קיין צייט ניט געהאַט ווידוי צו זאָגן...
געפלויגן בין איך גאָר אָן פליגל, ניט ווי מיינע ווייסע טויבן...
אַזוי גיך און געשווינד, ווי דער ווינט.
ווי דער אַסטראָנאַט געפלויגן בין איך אין דער ווייט,
מסתמא איז דאָרט ניט פאַרבליבן מער קיין צייט!...
געווען איז דאָרט ניט טאָג און — ניט נאַכט.

נאָר פליענדיק האָב איך פון אַלץ און אַלעמען געטראַכט...
איך האָב ניט אויפגעהערט צו קלערן...
געוואונקען האָבן דאָרט צו מיר אַזוי נאָענט, אַזוי קלאָר,
כאָטש מיט דער האַנט צו באַרירן,
די לבנה מיט די שטערן...
און געהערט האָב איך שטימען ווי פון אַ חזן מיט אַ כאָר:
משה, משה, זאָרג ניט! דו גייסט דאָך, נאָך אַלעמען,
ניט „אינגאַנצן" אַוועק!
אפשר וועט דיך דערמאָנען ווער, אָט גלאַט אַזוי,
לייענענדיק דיינס אַ ליד אין ביבליאָטעק...
אָדער זען אַ בילד דיינס אין מוזיי...
כאָטש דאָס איז, נאָך אַלעמען, אַ קנאַפּע טרייסט...
נאָר בעסער ווי גאָרניט איז עס דאָך?...
שאַ! מקובלים זאָגן: ווען דער מענטש פאַרלאָזט די ערד
לעבט זיין נשמה נאָך אַלץ אין אַנדערע געשטאַלטן...
אפשר וועל איך גאָר אין אַ יונגפרוי
ווי אַ דיבוק זיך באַהאַלטן?...
זע, משה, אָט ביזטו דאָך שוין טויט,
טויט ווי אַלע טויטע!
דאָך, טוסטו זיך גאָר איצט קלייבן,
אַ ליד פון „יענער וועלט"
איצט שרייבן?...

איז וואָס-זשע וועט טאַקע איצט זיין מיט די בילדער מיינע?
ווער וועט פון אומקום זיי באַשיצן?
שאַ! אפשר וועלן גאָר מוזייען זיי באַזיצן?
ניין! ניט אַנדערש ווי אַלץ איז נאָר אַ חלום!...
אָט, ווי, למשל, אויף „אונדזער וועלט", דער שלום!...
און אפשר וועט די קונסט-וועלט, אַ פאַרקלעמטע,
אַ פאַרשעמטע, פונעם אַבסטראַקטן הינער-פּלעט,

און פונעם „גרויסן ליגן" ענדלעך דאָך דערוואַכן?
אוי! ניטאָ דאָ ווער ס'זאָל לאַכן!
דאָך, מען טאָר קיינמאָל ניט מאַכן קיין צופיל וועזן,
ווייל, אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם...
אפשר וועט די קונסט־וועלט. ראפינירטע,
פאַרפירטע, מיך ענדלעך אַנערקענען...
אָדער די ברען־אויוונס וועלן האַרצלאָז אינאיינעם מיטן אָפּפאַל
די בילדער מיינע, ווי אויף אַ שייטער פאַרברענען!...

משה, משה, וואו ביסטו? וואו פליסטו? —
אוי, איך ווייס ניט, זאָל איך אַזוי ניט וויסן איצט,
ווי איך הויב ניט אָן צו וויסן...
נאָר איך שפּיר, אַז מיין האַרץ ווערט אויף שטיקער איצט צעריסן!...
מיר דאַכט: איך פלי ערגעץ אין די ווייטע ספערן,
צווישן מיליאַסן זוניק־בלויע שטערן,
דורך אַ רעגנבויגן אָן אימפּאָזאַנטן,
וואו עס טריפן הייסע טרערן, ווי בריליאַנטן...
נו, וואָס־זשע טוסטו דאָרטן, טראַכטן?
איך טראַכט איצט פון די פריינט מיינע און קרובים
וואָס וועלן קומען דאָ צו מיר און מיך טרעפן אַ טויטן,
כדי מיך אויף יענער וועלט באַגלייטן...
אוי, זיי וועלן הוסטן מיר אין פנים,
אינעם ארון האַלב־פאַרמאַכטן,
און וועלן גלייך פון זיך אַליין שוין אויבעט נעמען טראַכטן...
אוי, איך טראַכט איצט פון די רעדעס נודנע,
וואָס זיי וועלן פריער מיך לויבן אַזש ביזן הימל,
און נאָכדעם, נאָך אַ שנעפּסל, מיך קיבעצן און גלעטן,
להבדיל ווי ביי באַנקעטן...

און איך וועל א פאַרקלעמטער פון מיין ארון
מיט אַ שעלמיש אויגל ווינקען,
און זיך בעטן: האָט רחמנות, יידן, געגוג מיך מוטשען!
און וועל אין טרערן זיך דערטרינקען!...
און וועל בליַבן ווי אַ קינד אַ קראַנקעס,
נאָר קיינער וועט מיך שוין ניט הערן...
אָ, כ׳ווייס: העלפן וועט עס מיר
ווי אַ טויטן באַנקעס!...

וועל איך איצט שוין בעסער טראַכטן
פון מיין ליבן טרייען גאָרטן
און פון מיינע צאַרטע בלומען, וואָס וועלן דאָרטן
שוין קיינמאָל מער ניט בליען!...
אוי! ווי ס׳טוט מיין האַרץ אַהין איצט ציען!...
ווער וועט רייסן איצט די ווילדע גראָזן?
און ווער וועט די שוואַכע בלומען
נאָך אַ האָגל און אַ שטורעם גרויסן,
מיט שטעקעלעך שטאַרקן און זיי ניט הילפלאָז איבערלאָזן!...
און ווער וועט נאָך אַ זומערטאָג אַ הייסן,
די בלומען אָנטרינקען, דערפרישן?...

אוי! כ׳וואָלט דאָך איצט מיין לעבן אָפּגעגעבן,
דאָ, אויף מיין „לעצטן וועג", דעם מיסטישן, דעם נייעם,
צו קאָנען כאָטש נאָך איינמאָל מאַכן —
דעם אמת׳ן „לחיים!..."

אוי, איר הערט, איז דאָס געווען שוין איינמאָל אַ לוויה:
אַ מיידל אַ געטרייע, געבליבעט האָט, געבראָכן, מיט די הענט...
אַ צווייטע, געוויינט האָט אין דער שטיל, מיט גרויס „טאַלענט"...
אַ דריטע האָט געיאָמערט: אַזאַ אומגליק, אַזאַ צרה!...
אַ פערטע האָט געמורמלט: אַ שיינע, ריינע כפרה...

אוי, איך פיל: איך זינק אַלץ טיפֿער, טיפֿער,
אין אַ שלאָף אַן אייביקן, אַ לאַנגן...
זעט: איך שווים אַוועק שוין פֿון מיין ארון,
באַגליים מיט שטילע, חסידישע געזאַנגען.
נו, זייט מיר מוחל אַלע, זייט מיר מוחל...
אין מיין ארון, אויף אייביק שוין פֿאַרמאַכטן,
אָן אַ טראָפּן לופֿט שוין אַ דערשטיקטער,
מיט אַן אָפּגעווישטן שמייכל...
קאָן איך איצטער שוין אפֿילו מער ניט טראַכטן...
איך וויל איצט נאָר, כאָטש איינמאָל,
כאָטש איינמאָל — און ניט מער,
אין מיין קליינעם גאָרטן קומען
און באַנעצן מיינע בלומען
מיט מיין לעצטער טרער...

ג׳ון טאָר
פון מיראזשען

טיף אין טאָל אויף וועגן קרומע,
פאַרבאָרגן ליגט דער סוד פון זיין;
בערג אַרום, ווי היטער שטומע,
לאָזן קיינעם דאָרט אַריין.

דאָרט אין טאָל פון פיל אימאַזשן,
זוכן בלינדע אָפּט דעם ציל;
ווייניק ווייסן אַז מיראַזשן
טראָגן טויט אָפּט אין דער שטיל.

ניט דער ציל און ניט דאָס שטרעבן,
ניט דאָס זוכן פרייד און גליק;
נאָר דעם טיפן סוד פון לעבן
צו דערגרייכן איז די בריק.

ניט די פרייד און ניט דער טרויער
פירט אַהין אַ יעדן גראָד;
ניט דער טויט אין ווייסן שלייער,
נאָר פון זיין — דער טיפער סוד.

נאָר די זון דאָרט, ווי אין צונטר,
צינדט מיט נייגער יעדן בליק;
נידערט ווער אין טאָל אַרונטער,
אַרויפגיין וועט ער ניט מער צוריק.

ער גייט מיר נאָך

ער גייט מיר נאָך מיט שטילע טריט,
טריט ווי פרישער שניי;
ער גייט מיר נאָך, ער גייט און היט,
וואו איך שטיי און גיי.

איך זע זיין שאָטן אויף דער וואַנט,
ווען די זון פאַרגייט;
איך פיל זיין קאַלטע, בלייכע האַנט,
ווען דער טאָג זיך שיידט.

איך הער זיין רופן פון דער ווייט,
ווי אַ צאַרט געזאַנג;
איך הער זיין שפּאַסן פון דער צייט,
כ׳ווייס שוין זיין פאַרלאַנג.

איך פיל ווי נאָענט ס׳איז זיין טראָט,
ווען די נאַכט פאַלט צו;
כ׳פיל דעם צער, כ׳פיל דעם שפּאָט,
אין זיין קאַלטער רו.

איך פיל זיין אָטעם אין דעם ווינט,
ווען דער האַרבסט זיך שפּירט;
כ׳פיל — די גאַנצע וועלט צערינט,
ווען ער מיין האַנט באַרירט.

מ י י נ ע ש ע ה׳ ן

שוואַרצע שעה׳ן דרייען זיך ווי קראָען,
ווי אָוונט-שאָטנס אויף די ווענט;
שעה׳ן בייזע, שעה׳ן שווערע, שעה׳ן
לאַנגע, ציען זיך אָן ענד.

שעה׳ן גרויע, קומען מיר אַנטקעגן,
ווי וואַגאַבונדן אומעטום;
ווי מידע וואַנדערער אויף ווייטע וועגן,
ווי אומעטיקע בעטלער, שטום.

שעה׳ן טונקעלע, ווי שטומע היטער,
שלעפּן, שלייכן זיך שטיל פאַרביי;
און איך ליג דאָ אַ געשמידטער, —
ווען וועל איך שוין ווערן פריי?

שעה׳ן, שעה׳ן, קומען און פאַרגייען
אין בלינדע נעכט ביים שיידוועג, וואו;
און איך וואַרט אַלץ, אַז קומען און דערפרייען
זאָל די שעה פון לאַנג-געגאַרטער רו.

לידער פון איינזאמקייט

עס רופט מיך

עס רופט מיך אין ערגעץ,
אין לענדער אין ווייטע,
אין לענדער אין פרעמדע,
אויף יענער זייט ראַנד ;
און קומען וועל איך שוין
אין לענדער אין ווייטע,
וועט רופן מיך ווייטער, —
אַ ווייטערע לאַנד.

איך ווייס : ניט די לענדער,
די ווייטע,
מיך רופן און טרייבן
שטענדיק אין וועג ;
ס׳איז מיין אומרו
וואָס זוכט דאָרט דעם האַפן
און גאַרט דאָרט און צילט דאָרט
צום פאַרבאָרגענעם ברעג...

ה ו י ך א ו י פ ן ט ו ר ע ם

איך האָב זיך אַמאָל
פאַרקליבן אין שטאָט,
אויף דער העכסטער געביידע,
אויפן טורעם גאָר הויך —
און אונטן געזען האָב איך:
מענטשעלעך קליינע,
זיי האָבן געבלאָנדזשעט
אין נעבל און רויך.

און איך האָב דערזען זיך,
אין איינעם פון זיי,
און איך האָב מיט ווייטאָג
אַרונטער, — געטראַכט.
נאָר זיי, דאָרטן אונטן,
אין נעבל און רויך;
זיי האָבן אַרויף־צו —
פון מיר גאָר געלאַכט.

איך האָב שוין געזען

איך האָב דאָך דעם טויט
שוין געזען פאַר די אויגן.
איז וואָס קאָנען שרעקן מיך
קומענדע טעג ?
דאָך ווילט זיך ניט בלינד זיין,
ניט בלינד זיין און גלויבן
און קלאַפן מיט שטעקן,
ווי אַ בלינדער אין וועג.

עס וועלן ניט ברענגען
די טעג מיר קיין פריידן,
ווייל כ׳בין ווי אין קייטן
געשמידט שוין פון לאַנג ;
כ׳בין נאָר אַ בריקל
אויף וועמען עס טרעטן
די טריט פון די דורות
אין אייביקן גאַנג.

שאָטנס

שיינט די זון אין יונגן מאָרגן,
שיינט דאָ ווייט און ברייט;
שאָטנס, שאָטנס, ווי פאַרבאָרגן,
כ׳זע דאָ אויסגעשפּרייט.

שיינט די זון מיט העלע שטראַלן,
שיינט דאָ אָן אַ שיעור;
שאָטנס, שאָטנס, זע איך פאַלן,
פאַלן ביי מיין טיר.

שיינט די זון דאָ ביי מיין טויער,
שיינט דאָ — אומעטום;
שטיל, פאַרבאָרגן, טיף אין טרויער,
כ׳הער אים שלייכן שטום.

אַ שאָטן אין גאָרטן

איך קום אין מיין גאָרטן אין גרויען באַגינען —
די בלומען און פלאַנצן אין נעפּל געהילט,
שטייען פאַרגליווערט — אין אַ טראַנס זיך געפינען —
איך האָב אַזאַ אומרו אין גאָרטן דערפילט.

אין גאָרטן אַ שטילקייט, אַ שטילקייט פאַרוויטע,
אַ שטילקייט, אַ פרעמדע, איז גאָרניט באַקאַנט;
איך ריר אָן אַ בלום, איך ריר אָן אַ צווייטע,
איך פיל ווי אַציטער לויפט דורך דורך מיין האַנט.

דער הימל פאַרוואָלקנט, די זון — ווי פאַרבאָרגן,
איך פיל ווי געגאַנגען כ׳וואָלט אויף מיין לעצטן שפּאַציר;
אַ שאָטן אַ גרויער פאַרשטעלט דעם פרימאָרגן;
אַ האַנט ביים טויער פאַרמאַכט שטיל די טיר.

וואָס זאָל עס באַדייטן? איך קאָן ניט דערקלערן! —
די לופט אַזאַ קאַלטע אין גאָרטן זיך שפּרייט,
און שטילע געזאַנגען פון וויטן זיך הערן, —
איך זע ווי אַ שאָטן אין גאָרטן דאָרט שטייט.

אַ שאָטן אַ שוואַרצער, — ווי קומט אַהער שאָטן?
אַ האַרבסט־ווינט אַ בייזער אין פרילינג דאָ היינט?
אין גאָרטן אַ שאָטן, שוין לאַנג ניט באַטראָטן,
ווי קומט אַהער שאָטן אַז די זון גאָרניט שיינט?

דער שאָטן ווערט דינער, ווערט שאַרף ווי אַ מעסער;
דער שאָטן באַוועגט זיך, — כ׳פיל זיין באַריר;
דער שאָטן ווערט לענגער, דער שאָטן ווערט גרעסער;
דער שאָטן ווערט נעענטער, אַלץ נעענטער צו מיר.

איך שטיי ווי פאַרגליווערט — איז דאָ שוין דער האַפן?
איך האָב נאָך אַזויפיל, אַזויפיל צו טאָן!
אַ וועלט נאָך מיט אַרבעט! – אַזויפיל צו שאַפן! —
כ׳האָב פּלענער געוואַגטע, — כ׳הויב ערשט דאָך אָן!

כ׳האָב לידער פאַרטראַכטע; אין גאָרטן — די בלומען,
און לייוונטן נאַקעטע אין סטודיאָ נאָך שטיין!
פאַרוואָס ביזטו איצטער, גראָד איצטער געקומען?
כ׳קאָן נאָך ניט גיין איצט, ניין! — איך קאָן נאָך ניט גיין!

זאָגסט: דאָס לעבן איז אומזין, פאַלש אַלץ אַרום איז,
פון אייביקייט שפּאָטסטו... באַזינגסט גאָר דעם סוף...
זאָגסט: די וועלט גאָר איז נאַריש, — נישטיק אויך רום איז,
ווילסט מיך פאַרוויגן אין אַ זיס־קאַלטן שלאָף...

אַ פייערל טוט נאָך אין אויג ביי מיר צינדן;
אין האַרצן נאָך ציטערט פון שאַפן די פרייד;
ווי נאָר דאָס פייער און די פרייד וועט פאַרשווינדן, —
איז קום אַהער גיכער, — כ׳וועל שטיין פאַר דיר גרייט!

דאָס שיפּל וואַרט

דער וואַלד אין סודות איז פֿאַרהילט,
ביים ראַנד פֿון טייך אַ שיפּל שטייט;
די לופֿט אַרום איז ווי פֿאַרשטילט —
דאָס שיפּל וואַרט געדולדיק, גרייט.

די זון פֿאַרגייט אין פֿאַרבן־שפּיל,
מען זעט דעם האָריזאָנט ניט מער;
די נאַכט פֿאַרוויגט אַלץ אין דער שטיל —
דאָס שיפּל וואַרט. ווער קומען ווער?

ביים ראַנד פֿון טייך אַ שומר היט;
די פֿייגל רוען שוין אין וואַלד;
מען הערט פֿון ווייטן שטילע טריט —
דאָס שיפּל ווערט פֿאַרשווינדן באַלד.

דער סוד פון לעבן און טויט

האָט איר שוין אַמאָל בלומען־זריעה פאַרזייט?
האָט איר שוין אַמאָל געזען בלומען־קנאָספּן אין מאָרגן־טוי?
האָט איר שוין אַמאָל געזען בלומען אין פולן בלי?
ווי בלומען וועלקן, ווי בלומען שטאַרבן, —
האָט איר שוין אַמאָל געזען?
אויב ניט — האָט אייך נאָך קיינמאָל ניט באַרירט
דער ציטער פון פרייד און פּיין!
אויב ניט — האָט מען אייך נאָך קיינמאָל ניט פאַרטרויט
דער סוד פון לעבן און פון טויט.

האָט איר שוין אַמאָל געזען אַ זון־אויפגאַנג אויף בערג?
האָט איר שוין אַמאָל געזען אַ זון־אויפגאַנג אויפ׳ן ים?
האָט איר שוין אַמאָל געזען אַ זון־פאַרגאַנג
אין דער מעטראָפּאָליע צווישן הימל־קראַצערס,
צווישן וואַסער־טאַנקען און פאַבריק־קוימענס פאַררויכערטע?
אויב ניט — האָט אייך נאָך קיינמאָל ניט באַרירט
דער ציטער פון פרייד און פּיין!
אויב ניט — האָט מען אייך נאָך קיינמאָל ניט פאַרטרויט
דעם סוד פון לעבן און פון טויט.

האָט איר שוין אַמאָל געזען דעם ערשטן פלי פון אַ יונג פייגעלע ?
האָט איר שוין אַמאָל געזען דעם ים־פויגל
אין זיין ריטמיש־שטאָלצן פלאַטער, אין דעם ווינט ?
האָט איר שוין אַמאָל געזען דעם פּאַריאַוש־טן געראַנגל
פון אַ קראַנקן פויגל אין זיין לעצטן פלי ?
אויב ניט — האָט אייך נאָך קיינמאָל ניט באַרירט
דער ציטער פון פרייד און פּיין !
אויב ניט — האָט מען אייך נאָך קיינמאָל ניט פאַרטרויט
דער סוד פון לעבן און טויט.

די איינזאַמע שטאָט

אָ, ווער האָט דאָ געבויט אַזאַ איינזאַמע שטאָט ?
די הייזער — מצבות, זיי שטייען דאָ קרום,
מיט נעמען געקריצטע, מיט ווערטער פון שפּאָט !
שאָטנס גראָטעסקע דאָ שלייכן אַרום —
אָ, ווער האָט דאָ געבויט אַזאַ שטאָט ?

עס קומט אַהער קיינמאָל די זון ניט אַריין ;
אַ נעפּל געדיכטער הענגט שווער אין דער לופט.
ניטאָ דאָ קיין פרייד און ניטאָ דאָ קיין פּיין ;
אויף ראָגן־לאָמטערנעס די איינזאַמקייט רופט —
אָ, ווער האָט דאָ געבויט אַזאַ שטאָט ?

פון ווייטן — אָאַזיס, אַ פאַרכישופטע שטאָט,
צערינט ווי אַ נעפּל קוים דערנענט נאָר דיין בליק,
פאַרמאַכט ווערט דער טויער, פאַרלאָרן — דיין טראָט !
פאַרהילט ווערט די גרענעץ, קיין וועג אויף צוריק —
אָ, ווער האָט דאָ געבויט אַזאַ שטאָט ?

עס קומען אהער בלינדע, זיי זוכן דאָ רום,
אין שטאָט פון מצבות — צום אייזערנעם פּלויט,
און ווערן ווי שאָטנס, פאַרגליווערט און שטום,
אין דער איינזאַמער שטאָט, דאָ קיניגט דער טויט !
אָ, ווער האָט דאָ געבויט אַזאַ שטאָט ?

באַרימטקייט

הערט אוים קינסטלער,
פון אַלע קונסטן, זיבן:
רום, באַרימטקייט איז אָפּטמאָל
בלינד און איבערטריבן!
עס טראָגן אָפּט קרוינען
לצים און היפּאָקריטן,
און ס'טרעפט אַז ס'ווערן קרוינען
אויף פאַלשע קעפּ פאַרביטן...

דער ריינער קינסטלער וועט זעלטן
זיך נאָך באַרימטקייט יאָגן,
ער גלויבט: סיי־ווי וועט ער ביים לעבן,
די קינסטלער־קרוין נים טראָגן!
זיך נאָך באַרימטקייט יאָגן
איז ווי באַלאַנסירן זיך אויף צירקן־דראָטן,
איז ווי וועלן איבעריאָגן
דעם אייגענעם שאָטן.

באַרימטקייט איז אַ דערנער־קרוין צעקרימטע,
באַצירט מיט לאָרבער־בלעטער קרומע,
וואָס עס טראָגן העלדן טויטע און באַרימטע,
און געטער פאַלשע, שטומע.
דער קינסטלער מוז נאָר שאַפן דאָס,
וואָס אים ליב איז, הייליק און טייער;
מיט זיין קינסטלערישן שאַפן,
צינדט ער־אָן דעם פונק
פון געטלעכן פייער. — —

באַרימטקייט — דער קינסטלער מוז אַליין זיין
ערלעך, כדי זיך אַליין געפינען;
ער וועט דאַן דורך זיין שאַפן
לויב-געזאַנג פאַרדינען!

שאַפן איז דעם קינסטלערס גרויסע מיסיע.
דאָס איז דעם קינסטלערס דערקענונג, זיסע;
אינעם שאַפן פונעם קינסטלער
זינגט דאָס ליד פון זיין,
זינגט זיין פרייד און פיין.

באַרימטקייט איז אַ קרוין אַ גאָלדענע און שווערע,
וואָס יעדער קינסטלער וויל פאַרמאָגן;
אָבער וואָס ניט יעדן קינסטלער
פּאַסט צו טראָגן...
איז צו וואָס דאָס פּאַיאַצן-שפּיל?
דאָס זיך נאַריש מאַכן
און זיך נאָך באַרימטקייט יאָגן,
אויפן דערנער-וועג, דעם קרומען?
ס'איז די וועלט דאָך פול מיט שיינקייט,
מיט זונשיין און מיט בלומען!
איז צו וואָס דאָס קריכן
אויפן קינסטלער-טראָן, דעם הויכן,
אַלץ איינס וועט זעלטן-ווער ביים לעבן
אים דערגרייכן! — —

קינסטלער אַלע הערט מיך אויס:
באַרימטקייט איז נאָר אַ מיראַזש!
באַרימטקייט איז אַ חלום בלויז
אין אַ וועלט פון קאַמאָפלאַזש!
באַרימטקייט איז אַ ליכט פון ווייט,
וואָס לייכט נאָר העל — אויף יענער זייט...
באַרימטקייט איז אַ מעסער שאַרף,
וואָס ברענגט נאָר צער און פּיין!
באַרימטקייט איז אַ שטומע האַרף,
וואָס שפּילט נאָר רעקוויעם־געזאַנג
אויפן לעצטן גאַנג.

מיין אַדרעסן ביכל

איך שטרייך אַלץ אויס נעמען, אַדרעסן —
פון מענטשן, — ניטאָ מער שוין היינט;
נעמען, וואָס כ׳קאָן ניט פאַרגעסן —
פון קרובים, חברים און פריינט.

ס׳איז ביטער דאָס שטרייכן, דאָס מעקן,
ווי ס׳איז שווער אויף לוויות צו גיין;
מיין ביכל איז פול שוין מיט פלעקן,
ווי נעמען פאַרגליווערט אין שטיין.

געהערט האָב איך אָפט אָט־די נעמען,
די מענטשן — איך זע אַזוי קלאָר;
ס׳וועט באַלד שוין ניט בלייבן מיט וועמען —
אַזוי איז אַוועק דאָ אַ דור.

כ׳האָב נעמען, אַדרעסן, געקליבן,
מיין ביכל וועט בלייבן באַלד לער;
ס׳איז באַלד שוין ניט קיינער פאַרבליבן.—
זאָגט: ווער וועט פאַרמעקן מ י ך, ווער?

די לעצטע רייזע

שווימט אַ שיף אין מיטן ים,
אַ סילועט אין מערב־פלאַם.
די רייזע האָט קיינער פּלאַנירט
און קיינער ווייסט ניט וואו זי פירט.
שווימט די שיף ווי אין קאָשמאַר,
אַרומגערינגלט מיט געפאַר.
צווישן שטורם און טומאַן —
קיין קאַפּיטאַן איז דאָרט פאַראַן. —
עס רופט אַ שטימע פון דער טיף:
„די לעצטע רייזע פון דער שיף!"

שווימט אַ שיף אין מיטן ים,
אויפן האָריזאָנטן ־פלאַם.
עס שווימט די שיף ניט אויף קיין שליאַך
און קיינער שטייט ניט אויף דער וואַך,
נאָר כוואַליעס בייזע ביי דער זייט,
רייסן זעגל, רייסט און שניידט!
עס קומט באַלד אָן די לעצטע שעה,
קיין וועג צום האַפן איז ניטאָ — —
עס רופט אַ שטימע פון דער טיף:
„די לעצטע רייזע פון דער שיף!"

שווימט אַ שיף אין מיטן ים,
אַ גייסטער שיף אין זונען־פלאַם.
קיינער ווייסט ניט וואו זי גייט,
ביים רודער דאָרט אַ בלינדער שטייט.
אינעם חושך פון דער נאַכט,
הערט מען ווי דער מאַסטבוים קראַכט;
די שיף ווי אַ געשפּענסט איצט רייזט,
דער זעגל פלאַטערט ווי אַ גייסט;
עס רופט אַ שטימע פון דער טיף:
„די לעצטע רייזע פון דער שיף!"

שטומע שטייען מיר

שטומע שטייען מיר אין רייען, —
לאַנגע רייען אין דער נאַכט;
קיינער ווייסט ניט וואו מיר גייען —
בלינדע וועכטער האַלטן וואַך.

שטומע שטייען מיר און וואַרטן —
אין פלאַמען איז די וועלט אַרום;
מיר שטייען דאָ ווי אָפּגענאַרטע,
פאַרשלאָסן זיינען ליפּן — שטום!

שטומע שטייען מיר פאַרקלעמטע,
אויף דעם לעצטן, בלינדן וועג;
ווי קינדער שטייען מיר, פאַרשעמטע
און ציילן שטערן, נעכט און טעג.

שטומע שטייען מיר אין טרויער,
איינגעהילט אין שטומען פּיין;
שטיל, באַלד עפנט זיך דער טויער —
ווער וועט ערשטער דאָ אַריין?

איך ווייס

איך ווייס ניט ווען און ווי אַזוי דאָס וועט געשען;
איך ווייס ניט ווען און ווי אַזוי וועט זיין קומען;
איך ווייס ניט ווען און ווי אַזוי ער וועט מיך זען.
איך ווייס נאָר: פילן וועל איך ריחות ווי פון בלומען;
איך ווייס נאָר: ווי אַסוד וועל איך מיין נאָמען הערן
און אויף מיין שטערן פאַלן וועלן הייסע טרערן.
נאָר איך וועל ליגן אַזאַ בלייכער, אַ פאַרקלעמטער,
און וועל שמייכלען הילפלאָז, ווי אַ קינד, פאַרשעמטער.

איך ווייס ניט, וואָס עס וועלן דאַן די מאָלער טראַכטן;
איך ווייס ניט ווי עס וועלן די פּאָעטן פילן;
איך ווייס ניט? — וועלן מענטשן לויבן מיך און אַכטן?
איך ווייס נאָר: נאַריש וועט די לויב זיין ביים ארון שטילן;
איך ווייס נאָר: שטומע וועלן שטיין די „עהרן־היטער"
און פאַרבייגיין וועלן קינסטלער מיט אַ מאָדנעם ציטער...
נאָר איך וועל ליגן אַזאַ בלייכער, אַ פאַרקלעמטער,
און וועל שמייכלען הילפלאָז, ווי אַ קינד, פאַרשעמטער.

איך ווייס ניט, וואָס עס וועלן מענטשן קלוגעריידן;
איך ווייס ניט, וואָס עס וועלן די נאַראָנים זאָגן;
איך ווייס ניט ווער עס קומען וועט מיט מיר זיך שיידן;
איך ווייס נאָר: ס׳וועט די גאַנצע וועלט נאָך מיר ניט קלאָגן;
איך ווייס נאָר: ס׳וועלן רעדנער נודנע מיך שטאַרק לויבן,
און דער עולם שמייכלען וועט און אַ וואָרט ניט גלויבן...
נאָר איך וועל ליגן אַזאַ בלייכער, אַ פאַרקלעמטער,
און וועל שמייכלען הילפלאָז, ווי אַ קינד, פאַרשעמטער.

איך ווייס ניט ס׳אַראַ „דערפאָלג" ס׳וועט האָבן מיין לוויה;
איך ווייס ניט, וואָס עס וועלן פלאַפלען די באַוווינער;
איך ווייס ניט: וועלן קומען פריינט מיינע, געטרייע?
איך ווייס נאָר: צו מיין קבר קומען וועט ניט קיינער!
איך ווייס נאָר: דיכטער וועלן לויבן מיינע בילדער פילע,
און מאָלער וועלן לויבן מיינע לידער, שטילע...
נאָר איך וועל ליגן אַזאַ בלייכער, אַ פאַרקלעמטער,
און וועל שמייכלען הילפלאָז, ווי אַ קינד, פאַרשעמטער.

דער קינסטלער

דער קינסטלער שאַפט זיין ווערק אַליין,
נאָר זעלטן קאָן ער זיך פאַרשטיין;
עס בליט די בלום ניט ווייל זי וויל;
איר טויט איז אויך נאָר פאַרבן־שפּיל.

דעם קינסטלערס טויט איז נאָר סימבאָל,
ער לעבט און שטאַרבט אַ טויזנט מאָל;
דער קינסטלער שטאַרבט אין יענער שעה,
ווען דער פונק איז מער ניטאָ.

דער קינסטלער גלויבט אין זיין טאַלאַנט,
ער שאַפט נאָר ווען דאָס פייער ברענט;
נאָר דער וואָס טראַכט פון זיך צופיל,
וועט קיינמאָל גרייכן צו זיין ציל.

עס גייען יאָרן פיל פאַרביי,
די צייט פאַרבלייבט דאָך שטענדיק ניי;
אַ גרויס ווערק ווערט קיינמאָל ניט אַלט —
עס בייט די צייט נאָר איר געשטאַלט.

לויב־געזאַנג — יעדער קינסטלער בעט,
ער קריגט עס דאַן, ווען ס׳איז צו שפּעט;
פאַלשע קריטיק איז ווי שטורעם־ווינט
רייסט אוים בוימער און פאַרשווינדט.

ווי צירקן־טענצער אויפן דראָט,
דעם קינסטלער שרעקט אַ יעדן טראָט;
ער לעבט אין ווערק ווי אין געפֿאַנג,
כאָטש ער אַליין איז טויט שוין לאַנג.

דער קינסטלער איז זיין אייגן שקלאַף,
ער ווערט באַפרייט ערשט אין זיין שאַף;
ניט דער וואָס קייטן טראָגט איז קנעכט,
נאָר ווען זיין ווילן זיך צעברעכט.

דער קינסטלער שפּאַנט זיין וועג אום בלינד,
ער גייט און בלאָנדזשעט ווי אַ קינד;
און ווען ער גרייכט דעם העכסטן סטאַזש,
דערזעט ער: אַלץ איז בלויז מיראַזש.

טעג און נעכט מיינע

טעג מיינע האָפנונגסלאָזע,
אין מיין יונגן גאַנג,
ווי די נעכט מיינע, שלאָפלאָזע,
אומעטיקע — לאַנג.

טעג מיינע, פאַרשוואונדענע,
אויף וויסטע וועגן, וואו,
ווי די נעכט, וואַגאַבונדענע,
אָן שום פרייד און רו.

טעג און נעכט פאַרגאַנגענע,
שטומע עדות בלויז:
ווי שפּיגלען פאַרהאַנגענע,
אין אַ ליידיק הויז.

די וועלט איז מיין ליד

די וועלט איז מיין ליד,
איך נעם זי אַרום
און דריק זי צום ברוסט
אַ פאַרגאַפטער, שטום.

די וועלט איז מיין ליד,
פאַרליבט בין איך בלינד;
כ׳האָב ליב זי, די וועלט,
ווי אַ פאָטער זיין קינד.

די וועלט איז מיין ליד,
מיין הימל, מיין ערד;
ניט זי האָט פאַרטראַכט
מלחמות און שווערד!

די וועלט איז מיין ליד,
איר זון ניט פאַרשטעלט;
מען פּלאַנט איצט געהיים
פאַרניכטן די וועלט.

די וועלט איז מיין ליד —
פון אויג פאַלט אַ טרער;
זיך שיידן מיט איר
וועט זיין אַזוי שווער . . .

אינהאַלט

דאָס מאָלערישע וואָרט — אברהם ביק

געזאַנג פון דער מעטראָפּאָליע

הער זיך איין צום געזאַנג — 17
די הענגענדיקע בריק — 23
די פאַרכישופטע שטאָט — 25
בילדער־אויסשטעלונג אין גרינעטש־ווילעדזש — 28
גוואַלד, וואָס האָבן זיי געמאַכט פון מיין שטאָט — 32
אינדזלען אויפן האָדסאָן — 35
אַ זומער שטורעם אין גרינעטש ווילעדזש — 38
קאָלאָמבוס סוירקל באַנאַכט — 41
זונפאַרגאַנג אין ניו־יאָרק — 43
נאַכט אין דער מעטראָפּאָליע — 46
דער קאַפּיטאַן פון די וואַנדערנדיקע שיפן — 49
וואַשינגטאָן־סקווער־פּאַרק אין ווינטער — 51
דער גאַסן־קערער פון דער שלאָפלאָזער שטאָט — 54

לידער פון ברוקלין און וויליאַמסבורג

וויליאַמסבורג־ברוקלין־אַמעריקע — 59
פאַרטאָג ביי די ברעגן פון איסט־ריווער — 66
אַ שנייאיבער וויליאַמסבורג — 69
אַנקל ראָב — 71
מאָנטאָג אין פרימאָרגן — 75
ביים ברוקלין מוזיי — 79

וויליאמסבורג „בעק־יארד פאַרמערס״ 81
מיינע פענצטער 83
לידער פון ברוקלין מוזיי 85
מיין גאָרטן אין ברוקלין 89
איבערן איסט־ריווער וואַכט דער קאַפּיטאַן 90

לידער פון קאָני־איילאַנד

אַז איך פאָר קיין קאָני־איילאַנד 95
אַ שטורעם איבער קאָני־איילאַנד 96
דער ים 99
דער וואונדער ראָד 100
„גאמבריעי״ 106
בודאַ אין קאָני־איילאַנד 108
דער ים איז אייביק 111
דאָס געזאַנג פון די כוואַליעס 113
קאָני־איילאַנד אין ווינטער 115
דריי אַלטע לייט 118
ים־פייגל 119

לידער פון באַרג און וואַלד

די אַדעריאַנדעקס 123
בערג און וועלדער אין די קעטסקילס 125
נאַכט אויף די בערג 129
די חתונה אין וואַלד 132
דאָס פאַרכישופט פאַסטוכל 134
דער „היל־בילי״ זינגט 135
אין לאַנד פון רו 137

איך הער קלאַנגען

איך הער קלאַנגען — 141
„לאַ־קאַמפּאַנעלאַ" — 142
אַניטאַ — 144
דער קאַטערינסטשיק — 146
אַננאַ — 149
די קליינע טענצערין — 150
טאַנגלוואָוד — 152

אין קאַמף

אין קאַמף — 157
דער יידישער העלד פון אַלע צייטן — 158
צו אייך זינג איך — 159
שטייט אַ לאַנד — 161
דער זעלנער קאָן ניט שטאַרבן — 162
פיר בריקן — 164
דער האָן האָט שוין מער ניט געקרייט — 166
דער מאַי־משיח — 169
שיפן זיינען בריקן — 170
אין צוואַנג־מיליטער — 172
דעם קוילנגרעבערס נס — 174
דער שפּיגל — 177
פאַרוואָס ביזטו אַוועק יעסענין ? — 178
דאָס ליד פון שלאָגלער־בריגאַדיר — 180
וואו ביזטו טרובאַדור ? — 182
צווייי זעלנער — 184
די וועלט איז משוגע — 186
צווייי פאָנען — 188
די באַלאַגערטע שטאָט — 189
אין דער שטאָט פון דעם שטאַרבנדיקן האַר — 191

בלומען און שניי

בלומען אין שניי — 195
טויבן אין שניי — 196
שנייעלעך שטערנדלעך — 197
בלימעלעך צוויי — 198
ש נ י י — 199
אויפן גליטש — 200
בלומען בליען — 203
קינדער ווינטער־רייזע — 204
קינדער קליינע, קינדער גרויסע — 206
בלומען וויינען — 207
ווינטער נאכט — 208

ק אַ ר ו ז ע ל

קארוזעל — 211
דאָס ליד פון דער צייט — 212
שקיעה — 213
דער הונט (אַ משל) — 214
דער אַלטער פּאַיאַץ — 216
אַ הינטל האָט געוויינט — 217
אַ געזאַנג צום קומענקערער — 218
דער שדכן — 221
שלום עליכם — 222
די דאַמע מיטן יינגל — 225
ש י פ ן — 228
די שווארצע אָזערע — 229
פליטן איבער דער דווינע — 231
די זון פאַרגייט — 233
דער קאַפּיטאַן — 234
זינגער זוניקער — 235
איז געקומען אַ רייטער — 236

האָריזאָנטן

האָריזאָנטן 239
דער דיכטער פּאַסאַזשיר 240
אַ באַזוך אין שפּיטאָל 243
אַ נאָנע טאָר ניט וויינען 246
דער לעצטער שלאָף פון אַלטן ציגיינער 249
דאָס ליד פון יונגן גאָנדאָליר 252
דעם קינסטלערס לעצטע טעג 254
אין פלאַמען זעט דער יידישע פּאָעט 257
דאָס ליד פון יענער וועלט 261

אין טאָל פון מיראַזשן

אין טאָל פון מיראַזשן 271
ער גייט מיר נאָך 272
מיינע שעה׳ן 273
לידער פון איינזאַמקייט 274
ש אָ ט נ ס 277
אַ שאָטן אין גאָרטן 278
דאָס שיפל וואָרט 280
דער סוד פון לעבן און טויט 281
די איינזאַמע שטאָט 283
באַרימטקייט 284
מיין אַדרעסן ביכל 287
די לעצטע רייזע 288
שטומע שטייען מיר 290
איך וויים 291
דער קינסטלער 293
טעג און נעכט מיינע 295
די וועלט איז מיין ליד 296